STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05058

GUZMES UN GUZMES

Leon Kaplan

*Permanent preservation of this book was made possible
by Steven & Jacqueline Feinberg
in memory of
their parents, Frances & Ralph De Jur*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גוזמאס און גוזמאות

וואונדערלעכע, פאַנטאַסטישע געשיכטעס אין זעקס טיילן

ערשטער טייל: גאָט, מענטש, „והילד איננו"—שד.—מעשהלעך פונעם חומש, מעשהלעך פון פאָלק.

צווייטער, דריטער, פערטער און פינפטער טיילן: וואונדערלעכע געשיכטעס פון פיר פעלקער און זייערע מלכים. די פעלקער זיינען: די שנער, די אלסר, די עילם און די גויים. די מלכים: אמרפל, אריוך, כדרלעמר און תדעל. אין אונדזער ליבן אידיש רופן מיר זיי: די פעלקער: די שנאָרער, די אַלעסער, די עילם און די גויים; די מלכים: אמאראפקע, ארקע, קידארלקע און סידאַלקע . . .

זעקסטער טייל: אַ געשיכטע פון אַ באַרימטן פידל-שפילער און פון אַ זינגערין; אַ שיינע אידיליע; אַ געשיכטע פון קלעזמער.

באַמערקונג צו לייענער: הומאָר און סאַטירע:

1.—די געשיכטעס זיינען אויסגעטראַכטע, פאַנטאַסטישע; זייט-זשע אַזוי גוט ניט צו זוכן אין זיי דעם אמת!

2.—ב מיינט באַשעפער.

— רעבע לוויע

Copyright 1951
By
Leon Kaplan

Printed in U. S. A.

א י נ ה אַ ל ט

1. גאָט, מענטש, והילד איננו — שד...
2. אמרפל און די שנער...
3. אריוך, און די אלמר
4. כדלעמר, און די עולם
5. תדעל און די גוים
6. אשים נאמלע... און אזאר אסיאר

ערשטער טייל*

גאָט, מענטש, והילד איננו — שד...

אין טאַטנס טאַטן אַריין...

פאַראַן נאָך אַ מדינה, וואו מ׳האָט צו זינגען און צו זאָגן. מ׳האָט עס אין איר אַזוי פיל, אַז מען קען זיך אַזש דערמיט ניט ספּראַווען. באַזונדער נאָך מיטן צוזאָגן, וואָס מ׳האָט. עס פעלט דאָרט גראָד ניט קיין לשון. לויט אין דער מדינה, ווי מען רעדט, קוקט עס אויס, אַז מען פאַרמאָגט עס נײַן מאָס. און מ׳ברענגט דאָרט אויך אַרויס די ווערטער שנעל, איינס נאָכן אַנדערן: סי, סי! נאָ, נאָ!... אָבער ווי פלינק מען באַוועגט דאָרט ניט מיט די לעפצן, ווי געשווינד עס ווערט אין דער מדינה ניט געפּלאַפּלט, גיט זיך קיינעם ניט איין אַרויסצוזעצן אַפילו אַ צענטל דערפון, וואָס מ׳האָט דאָרט אַרויסצוזאָגן.

דער תכלית — ווער נאָר עס פּרוּווט עס, פאַנגט זיך אָן באַלד צו כעס׳ן און ער גיט אַרויס זידל-ווערטער, אַפילו אויך מיט „מי שברך׳ס״: אין דער מאַמען אַריין... פון די אידן, דאָרטן, מאַכן נאָך אַ סך די „מי שברך׳ס״ אין טאַטן אַריין, אַמאָל אויך: אין טאַטנס טאַטן אַריין!...

די בעלנים דאָרטן צום זינגען...

ביים צוזינגען, ווידער, וואָס מ׳האָט אין דער מדינה, העלפן זיך שוין אַ סך אַרויס מיט אַ גיטאַרע, מיט אַ מאַנדאָלינע; נישטאָ מער פונעם קול, פאַנגען זיי אָן רימפּלען אַממערסטנס מיט דער גיטאַרע. אַנדערע פּרוּוון עס אויסשפּילן גאָר מיט דער פידל.

און דאָס זינגען, וואָס מען האָט אין דער מדינה, איז זייער אַ סך: מ׳האָט עס דאָרטן פון דער אַרבעט, פון די געשעפטן, פון דער ליבע, פון די שיינע פרויען, וועלכע זיינען דאָרטן מיט שוואַרצע אויגן, מיט שוואַרצע האָר, זיינען אַ מין סאָרט „שוואַרצע נאַטאַשעס״, זיינען זיי... פון דער לבנה, פונעם פּאַטערלאַנד, פונעם געבוירן ווערן און פאַרלוירן גיין. מ׳האָט

---

* די געשיכטעס זיינען אויסגעטראַכטע, זייט-זשע אַזוי גוט און זוכט ניט אין זיי קיין אמת׳ן.

עס דאָרטן אויך צו זינגען אַ ליד אַפּילו פון דער „אָרעמער מאַמען״: „פּאָוורע מי מאַדרע, קירידאַ״, הייסט זי. אויסרעכענען אַלצדינג פון וואָס מ׳האָט עס דאָרטן? וויי־וויי, — אָן אַ שיעור!...

און אַזוי ווי מ׳האָט עס דאָרטן אַזוי פיל, אַזוי געפינען זיך אַ סך אין דער מדינה, וואָס טוען עס. דערביי טוען זיי זיך דאָס יעדערער אַממערסטנס פון זיינס, ווי, למשל: אַרבעטער — וואָס זיי האָבן פון דער אַרבעט; באַלעבאַטים, סוחרים — פון זייער באַלעבאַטישקייט, געשעפט. כאָטש זייער זינגען איז נאָר געפּאַנפּעט... מען הערט דאָרטן אַ גאַנצן טאָג פאַרשידענע קולות און מעלאָדיעס פון די גאַסן־הענדלער, וואָס זיי האָבן פאַרן פאַרקויפן. און ביינאַכט, אויב עס גייט ניט קיין רעגן און עס שיינט נאָך די לבנה, טראָגט זיך פאַנאַנדער דער געזאַנג פון ליבע... איבערהויפּט קומט ער דעמאָלט אַרויס פון די בחורים. אַ בחור דאָרט, אַז ער פאַרקוקט זיך אין אַ מיידל און זיין האַרץ ווערט געפאַנגען פון איר געשטעל, קומט ער ביינאַכט פאַר איר פענצטער מיט אַ גיטאַרע און זינגט און רימפּלט אויס פון אַלץ, וואָס מען ווייסט דאָרט פון דער ליבע...

אויפן זינגען געפינען זיך דאָרט נאָך אַנדערע, אַזוינע בעלנים. זיי זיינען: גרויסע צאָלן איטאַליענער און אויך אַ ביסל חזנים. ווידער איז פאַראַן דאָרטן דער „שטואַג״ — איז ער אַ מין חברה־מאַן, וועלכער שטייגט אַריבער אויף דעם געביט אַלעמען. ער איז אַ האַלב־ווילדער פאַרשוין, זאָגט מען; ער גייט מיט לאַנגע, שוואַרצע האָר און ער טראָגט כסדר אויף ביידע זייטן צוויי לאַנגע און ברייטע סאַקאַנעס, שכינס, מיט וועלכע — פאַר עפּעס אַ ביסן — יאָגט ער זיך אַרויס מיטן פערדל איבער דער פרייער שטרעקע און ער האַקט אָפּעט אַ שטיקל פון אַ לעבעדיקן, אַנטלויפנדיקן ביקל, בראָט עס, קייעט עס און שלינגט עס. נאָכהער, אַז ער איז שוין מער ניט הונגעריק, זעצט ער זיך אַוועק מיט דער גיטאַרע — אַ פוס איבער אַ פוס — אויף אַ קלעצל, אָן אָפּגעשניטענס פון אַ בוים, פאַר זיין געצעלט, וואוהין ער רוקט זיך אַריין מיט זיין „אידענע״, נאָר צום שלאָפן, און ער זינגט און רימפּלט, דערציילט מען אַזוי, פיר־און־צוואַנציק שטונדן.

ווייטער, צו די אַלע פעלן דאָרט ניט די חברה־לייט, וועלכע זיינען איינגאַנצן אָן בערד און אָן פּיאות, וואָס טראָגן כסדר לאַנגע, שוואַרצע זשופּיצייעס, באַהאַנגען מיט מיתה־משונה קמיעות, וועלכע זינגען תמיד, אַז קיינער זאָל ניט האָבן קיין דעות... און ניט בלויז זיי זינגען, נאָר מיט גלעקער טוען זיי עס דערביי צוקלינגען...

בכלל, אַזוי ווי מ׳האָט עס דאָרט אַזוי פיל, ווערט כמעט יעדערער פאַרכאַפּט דערפון. גיט זיך דאָרט אויס איינער, וועלכער קען באַווייזן

בריה׳שקייטן אויף דעם געביט, האָט מען אים זייער גערן, און כמעט אַלע וואָלטן אים געוואָלט זען און הערן.

קומט דער באַרימטער פידל־שפּילער „אַשים נאַמלע״

ויהי היום, מאַכט זיך אין דער מדינה אַ פּרימאַרגן, ווען מ׳שפּרייט פאַנאַנדער די צייטונגען, דערזעט מען אַ ידיעה, אַז עס שווימט אַהינצו מיט אַ שיף דער באַרימטער פידל־שפּילער, „אַשים נאַמלע״.

יעדער איז דאָרט פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער נייעס, און ביים באָרט, וואו ער׳ט געדאַרפט אַראָפּשטייגן פון דער שיף, האָט זיך פאַרזאַמלט אַן עולם.

מילא, ווי אַזוי ער׳ט אויסגעקוקט ? אָבער די נייעס־בלעטער האָבן געבראַכט פון אים אַ בילד, ווי אַזוי ער שטייט מיט דער פידל, מיט אַ באַשרייבונג פון אים און פון זיין וואונדערלעכן אַרט שפּילן, און גע׳עצה׳ט ס׳זאָל קיינער ניט פאַרפעלן אים זען און הערן. און טאַקע גלייך ביי זיין ערשטן אויפטריט זיינען אַ היפּשע צאָל מענטשן געקומען.

און ווירקלעך, זיי האָבן זיך אין אים ניט אָפּגענאַרט ; זיי האָבן אַלע געהאַלטן אָפן מויל און אויערן און זיי האָבן געקוקט ווי אַזוי ער פאַראַרבעט מיטן סמיק איבער דער פידל און האָט אַרויסבאַקומען פון איר אַזוינע וואונדערלעכע טענער, מיט וועלכע ער האָט זיי פאַרהיפּנאָטיזירט. אַז ער האָט פאַרענדיקט שפּילן, האָבן זיך אַלע געפונען אויפגעשטעלט און ס׳האָט אויסגעבראָכן אַ געוואַלדיקער אַפּלאָז. מ׳האָט געפּאַטשט און ווילד געשריען : בראַוואָ ! ביס ! געטופּעט מיט די פיס און מ׳האָט אים ניט געוואָלט אַראָפּלאָזן פון דער בינע.

אויף מאָרגן איז די פרעסע אַרויס מיט אַרטיקלען, אין וועלכע מבינים האָבן זיך ממש צעריסן, לויבנדיק זיין שפּילן. און מאַסן האָבן זיך שוין געדרענגט אים צו זען און הערן.

אַזאַר אַסיאַר

פּאַסירט דאָרט ווידער, אין דער אייגענער צייט, נאָך אַזאַ געשיכטע, נעמלעך : עס קומט צופאָרן אַהינצו אויפן זעלביקן שטייגער מיט אַן אָפּערע טרופּע, די אַלבאַוואוסטע זינגערין „אַזאַר אַסיאַר״. זי האָט שוין געמאַכט גאָרניט, אָדער, אפשר גאָר אַ פויגלשן איינדרוק... זי איז געווען אַדאַרע, אַ קנאַכיקע, פון אַ טונקל־גרינעם קאָליר, מיט אַ לאַנגער האָרבאַטער נאָז ; אַזוי, אַז יעדער, וועלכער האָט זי דערזען, האָט זיך מיט אַ שמייכל געשטעלט די קשיא : „אַט דאָס איז זי ?״ אָבער ווען מ׳האָט זי געהערט זינגען, האָט מען שוין גאָר פאַרגעסן אין איר אויסקוק.

מען איז ווי דורכגענומען געוואָרן פון אַ הייליקן ציטער. עס האָט זיך געדאַכט, ניט אַנדערש, אַז ביי איר אין האַלדז זיצט עפּעס אַ מין וואונדערלעכער קאַנאַרעק. אַ קאַנאַרעק? — אַ נאַכטיגאַל! וועלכער זינגט, קנאַקט און קלינגט מיט אַזוינע פּרעכטיקע טענער, פון וועלכע יעדער איז דערנאָך אַרומגעגאַנגען און געגאַפּט פּאַר טעג און פּאַר טעג...

קומט נאָך דאָ צו די ביידע צו — צום פידל־שפּילער און דער זינגערין — אָט־די פאָלגנדע געשיכטע:

פאָלק און לאַנד

ווי באַוואוסט, פאַרמאָגט די וועלט אַ מחנה מדינות, און יעטוועדער מדינה, פאַרשטייט זיך, פאַרמאָגט זיך איר פאָלק. וואָרים, ווי וואָלטן דען געקענט זיין מדינות אָן פעלקער? אָבער פעלקער אָן מדינות זיינען יאָ פאַראַן, ווי, למשל: די אידן, די יודען, זשידעס, יעווריייאי, די דזשוס, לאָס רוסאָס און נאָך... נאָר דאָס מיינט נאָך אייגנטלעך ניט, אַז די דערמאָנטע האָבן זיי ניט. זיי האָבן זיי יאָ, אָבער מען וויל זיי איינרעדן, אַז ניט...

פאָלק און לאַנד קענען פאַרגליכן ווערן צו מאַן און ווייב (דאָס פאָלק ישראל און זיין רבונו של עולם זיינען פאַרגליכן געוואָרן צו מאַן און ווייב...).

דער מאַן דאַרף האָבן די פרוי!

פון איר ווערט זיין שפּייז פאַרגרייט, זיין געלעגער געשפּרייט, זיין הויז ריין אויסגעקערט, פאַרגלייכט און באַצירט.

זי האָט אים אַזוי ליב, אַז איר וועלט איז זיין שטוב. מיט איר באַק און איר ברוסט, זי איז גרייט פאַר זיין לוסט, פאַר זיין קינד, פאַר זיין דור, זי איז זיך מקריב מיט גאַר. מיט איר איז זיין היים: אי פאַרפּוצט, אי באַקוועם. ער מאַכט דאָרט זיין געשטעל, ווי אים קומט ס׳געפעל, ער קלינגט מיט זיין קול, ווי אַזוי נאָר ער וויל. רעדט ער מיטן „שין״, מיטן „סין״, מען באַנעמט אים אַלצאיין. ער קען זאָגן: וואָס און וואוס, דאָס און דוס, ער איז זיך דאָרט זיין באַלעבוס...

אָן דער פרוי

אָבער אָן דער פרוי, ער איז אַליין אין דער פרעמד. עס איז קיינעם ניט אוי פאַר זיין גוף, פאַר זיין העמד. ער איז אַ פרעמדער אין שטוב, ס׳האָט אים קיינער דאָרט ליב, ווי זי איז גערעכט און גרויס, מען ווינטשט אים: אַרויס! אין איר שמאָל איז זיין גאַנג, און זיין טראָט איז מיט

צוואַנג, מיט נויט איז זיין גרים, פאַרשקלאַפּט איז זיין שטים. ער ברענגט ניט קיין קינד, אָן אַ דור ער פאַרשווינדט...

דער גאָרטן פון עדן

שיין, וואונדערלעך שיין ,איז דער גאָרטן פון עדן! אַך, וואָס פאַר אַביימער! זיי זיינען גרויסאַרטיק, זיי זיינען וואונדערלעך! דאָס אויג קען זיך גאָרניט אָנזעטיקן, דאָס האַרץ קען זיך ניט איינשטילן פונעם גאַפן איבער זיי! הויך זיינען זיי, ברייט זיינען זיי. אַלע באַזיצן זיי טייערע אייגנשאַפטן און גרויסע ווערטן. יעדער בוים פאַרמאָגט צווייגן, וועלכע וואַקסן אַרויס פון זיי אין הימלישן אויסבויג. אויך זיי אַנטהאַלטן אין זיך די אייגנשאַפטן און ווערטן פון זייערע שטאַמען. יעדער צווייג איז מיט קלענערע צווייגן, און יעדער קלענערער איז מיט צווייגלעך, און יעדער צווייגל האָט צווייגעלעך. און פון איטלעך צווייגעלע העגגען אַראָפּ בלעטער. און די בלעטער זיינען מיטן קאָליר פון האָפענונג און שפרייטן זיך אויס אין האַרץ־פאַרמעס און זוימען זיך: קיילעכדיק און שפּיציק. אויף דער לינקער זייט זיינען זיי ווי פאַרמעט; אויף דער רעכטער — ווי זייד און ווי סאַמעט. אַלע צווייגן, צווייגלעך און צווייגעלעך און בלעטער פאַרמאָגן די גוטע אייגנשאַפטן פון זייערע ביימער. און די ביימער ווערן באַצייכנט מיט נעמען פון זייערע אייגנשאַפטן און ווערטן.

יעדן פרימאָרגן, איידער די זון ציט זיך אַרויס פון איר „פוטער־פאַס", ווערן די בלעטער פון די ביימער אין דעם גאָרטן פון עדן באַזעצט מיט פערל, מיט איידל־שטיינער; מיט דימענטן און ברילי‍אַנטן; רובינען און אַלמאַזן. ווען זיי בליען, שטאַטן זיי זיך אויס מיט קווייטן אין פאַר־שידנאַרטיקע פאַרמען און קאָלירן. אַ פרייד איז דאַן אויף זיי צו קוקן! דערביי פאַרשפרייטן זיי פון זיך אַזוינע פרישע, פיינע, אָנגענעמע דופטן; זיי מאַכן דאָס אָטעמען אַ מחיה. דאַן וואַקסן אויף זיי פּירות, טייערע, זאַפטיקע, מיט אַלע טעמ׳ען, וועלכע דערקוויקן, אַז מען ווערט געגנעזן.

דער בוים פון וויסן, דער בוים פון לעבן, געפינען זיך אין דעם גאָרטן. איז ווען מ׳פאַרזוכט די פּירות פונעם בוים פון וויסן, ווערט ליכטיק אין די אויגן און מען הויבט אָן צו זען העכער און טיפער, ברייטער און ווייטער. געניסנדיק אַ סך פּירות, קען מען דערגרייכן מיטן בליק די העכסטע הויכן, די טיפסטע טיפן, די ברייטסטע ברייטן און די ווייטסטע ווייטן. מען דערזעט וואָס עס טוט זיך אָפּ אין די „זיבן הימלען". עס אַנטפּלעקן זיך פאַרן אויג די שטערן מיט זייערע גלגלים, אויף וועלכע זיי מאַכן קאָמעדיעס... מען קען אַדורכדרינגען מיטן קוק די ברייטסטע בערג, די האַרטסטע פעלזן, די פּיצלסטע קלייניקייטן; אַריינבליקן אין

אַלע באַשעפעניש|ן, באַאַבאַכטן זייערע געפילן, באַטראַכטן זייערע פּאָר־לאַנגען; מען פּראָוווט זיך אַפילו דערביוועןמיטן קוק צו אַלע אָנהויבן, זיך דערגרונטעווען צו אַלע סופ׳ן...

ווען מען עסט, ווידער, די פּירות פונעם בוים פון לעבן, קען מען ווערן גרעסער און ברייטער פון למכן און לעבן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, און נאָך לענגער פון מתושלח׳ן. היינט איז זיין באָדן באַדעקט מיט גראָזן, מיט פאַרשידענע פלאַנצן, וועלכע שטעלן זיך אַרויס מיט בלומען און קווייטן אין אַלערליי פאַרמאָטן און קאָלירן. פיל פון זיי גיבן אַרויס פיינע, איידעלע אַראָמאַטן.

אין גאָרטן אויף די ביימער פאַרברענגען פייגל פון פאַרשידענע געשטעלן און קאָלירן. פילע זיינען זייער שיין און פול מיט חן. האָבן זיי: בלויע קעפּעלעך; רויטע, געלע, גרינע פליגעלעך; ווייסע, ברוינע ווײדעלעך. אָדער אַנדערש אַרומער. אייניקע זיינען באַקרוינט מיט טשובן און טשובקעלעך און זיי קוקן אויס מאַיעסטעטיש. אַ סך פון זיי גיבן אַרויס וואונדערלעכע סווישטשענדיקע קולות. מאַנכע קנאַקן דערביי צו מיט זייערע פּיסקעס און דער גאָרטן ווערט פאַרהילכט מיט זיס־האַרציקע, פייגלשע טענער. אָפט צעטרילן זיי זיך אַ סך פּאָר איין מאָל. דאָן איז דער גאָרטן פון עדן וואונדערלעך און גרויסאַרטיק! און דאָס וואַסער: אויסגעלייטערט, זיס און פריש, זעצט זיך אַרויס פונעם באָדן פון אַנצאָליקע קוואַלן, פליסט אין טייכן. אַ געזונט איז עס צום טרינקען, אַ היילונג צום באָדן זיך.

אָדם הראשון

איז אָט אין דעם גאָרטן פון עדן האָט דער באַשעפער פון אַלץ און גאָר, באַזעצט דעם ערשטן מענטשן, אָדמ׳ען, נאָכדעם ווי ער האָט אים אויס־געפורעמט. האָט ער זיך אין אים געמוזט פילן גוט? און ער׳ט דאָרט געדאַרפט זיין צופרידן? איז ער עס אָבער ניט געווען!

לויט דאָס באַשריבענע איבער אים, איז ער באַלד ווי ער איז אַריינ־געלאָזן געוואָרן אין גאָרטן, אַרומגעגאַנגען פאַראומערט. וואָס איז? ער׳ט זיך אפשר געדאַרפט שרעקן פאַר בייזע חיות דאָרטן? פאַר שלעכטע מענטשן? ביין! מ׳קען אָננעמען, קען מען, אַז אין דעם גאָרטן פון עדן זיינען די חיות געווען וואוילע, אַז זיי זיינען זיך ניט באַפאַלן איינס דאָס אַנדערע און זיך געריסן די העלדזער. אַ קאַץ האָט ניט אָפּגעביסן אַ טייבעלע דעם קאָפּ. פאַרקערט: זיי האָבן זיך געשפּילט, געצערטלט, געלאַסטשעט און געגלעט, האָבן זיי זיך. ווידער פאַר מענטשן? חוץ אים, ווער איז דאָרט געווען? די דייטשן? ימח שמם! וואָס־זשע דען?

ווי עס ווייזט זיך אַרויס פון זיין לעבנס־געשיכטע, איז ער אַזוי אַרומ־געגאַנגען דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַליין: ער׳ט ניט געהאַט מיט וועמען צו פאַרברענגען.

חוה

צום גליק איז דער ב׳ זייער אַ גוטער, אַ דערבאַרעמדיקער. אַלע ברואים האָט ער אַרויסגעבראַכט מיט דער כוונה, אַז עס זאָל זיי זיין גוט. זיי זאָלן זיך פרייען מיטן לעבן... דעם אָדמ׳ען, וועלכן ער האָט נאָך באַשאַפן אין זיין אייגענעם פאָרם — אַוודאי און אַוודאי. איז, זעענדיק ווי דער אָדמ׳קע זיינער גייט אַרום פאַרשמורגעט, איז ער ניט געוואָרן אויף אים בייז. אין קעגנטייל, ער האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז ער איז אַזוי דערפאַר, ווייל ער איז אַליין און ער האָט ניט מיט וועמען צו פאַר־ווײַלן. און איידער ער זאָל ווערן אין כעס, קריגט ער אויף אים גאָר רחמנות, און גוטמוטיק, מיט זיין גרויסן ישוב־הדעת, זאָגט ער נאָך טאָקע: „לא טוב היות אָדם לבדו״, מ׳דאַרף אויסשטעלן עמיצן אַנטקעגן אים!

ביים ב׳ איז ניט געפּלאָפּלט. געזאָגט און געטאָן! און ער איז באַלד געגאַנגען און געשאַפן פון זיינעטוועגן אַ פרוי.

מילא, ווי אַזוי, פון וואָנען און פון וואָס ער האָט זי באַשאַפן — האָט ער זי באַשאַפן. נאָר אַרויסגעקומען איז זי ביי אים אַ פיין שטיקל אַרבעט. אפשר דאָס שענסטע, דאָס קינסטלערישסטע (אפשר?...). ער האָט זי אָפּגעאַרבעט פון פראָנט מיט צוויי בריסטן, זיינען זיי האַלב־קיילעכדיק מיט ניפּלס, טאַקע נאָר צום זויגן. איר גאַנצע פיגור, די אַקסלען, די קליבעס, די פיס, זיינען אַרויסגעקומען ביי אים אָפּגעטאָקט, גלאַט אַז ס׳איז אַ מחיה... דער קאָפּ מיט אַ סך לאַנגע האָר, וואָס פון זייער באַריר דערשפּירט מען אַ ליבן צערטל. הייבנט איר צורה? די באַקן באַרויטלט, אין מויל האָט ער איר אַריינגעשטעלט פּערלדיקע ציין; די נאָז, די ליפּן — מיטן זיבעטן חן! נו, וואָס הערט זיך עפּעס מיט אירע אויגן? ער האָט זיי איר געמאַכט ווי אַ געשפּיל פון טאָג און נאַכט, מיט אַ פאַרפירערישן גלאַנץ. דערביי האָט ער איר אַריינגעקנאָטן דורכ־אויס אַ מאַגנעטישע גלוסטיקייט — אַזוי, אַז ווען עס אַנטפּלעקט זיך פאַר איינעם נאָר אַ טייל פון איר: אַן אָרעם, אַ פוס, ווער שמועסט נאָך אַ ברוסט, נעמט עס ציען צו איר.

ביז אין דער מערת המכפלה אַריין...

אַזוי אָפּגעפּאַרטיקט — זי פאָרגעשטעלט פאַר אָדמ׳ען...

צי זי איז אים געפעלן? אַ קשיא! ווען ניט, וואו וואָלט מען איצט

דערטאַפּט בני אָדם? אָבער ווי אַזוי ער איז איינגעשטאַנען, דערזעענדיק זי דאָס ערשטע מאָל? דאָס קען מען זיך שוין משער זיין, נאָכדעם ווי מיר זעען ווי עס שטייען דערביי איין אָדמ׳ס בנים. אַ סך ווערן, ווען עס דערשיינט פאַר זיי צום ערשטן מאָל דער זיווג, בלייך ווי די וואַנט. עס נעמט זיי קלאַפּן דאָס האַרץ, פּונקט ווי עס זאָל זיך האָבן באַוויזן פאַר זיי עפּעס אַ גזלן, אַ תליון, אַ שוחט... און מאַנכע אַנטלויפן, אַז מען דאַרף זיי כאַפּן און ברענגען צוריק. אַנדערע, ווידער, פאַנגען זיך אָן צו שעמען, זיי ווערן רויט ווי בוריקעס, ווי עס זאָל זיי זיין מיט עפּעס אַ גרויסע חרפּה... אָבער לאַנג געדויערט עס ניט ביי די אַלע. באַלד ווערן זיי איבערן זיווג מלא שמחה, הוילע גדולה, אַז זיי ווייסן אַזש ניט וואָס צו טאָן מיט זיך: צי זאָלן זיי שפּרינגען, צי זאָלן זיי זיך אויסציען... אָבער ווי אַזוי האָט זיך אָדם באַנומען? איז ער אַנטלאָפן און דער ב׳ איז אים נאָכגעלאָפן? איז ער דערנאָך געשפּרונגען אין דער לופטן, זיך געהאַנגען אויף די צווייגן, געמאַכט קאָמעדיעס פון איינער אויף דער אַנדערער, אַזוי ווי אַ מאַלפּע, אפשר? — אפשר...

מילא, ווי אַזוי ער׳ט זיך באַנומען? נאָר לויט דאָס באַשריבענע איבער דעם, איז באַשיינפּערלעך, אַז זי איז אים ניט בלויז גלאַט אַזוי געפעלן געוואָרן, נאָר ער האָט זיך פאַרליבט אין איר איבער די אויערן; אַז ער׳ט מער אָן איר אין ערגעץ ניט געשטעלט קיין פוס. אַפילו ווען זי האָט מיטגעבראַכט, אַז דער ב׳ זאָל זייביידן אַרויסיאָגן פון דעם וואונדערלעכן גאָרטן און ער זאָל דערנאָך דאַרפן פאַרשוואַרצט ווערן: אַקערן ערד, מיטן שווייס פון זיין פּנים עסן ס׳שטיקל ברויט — האָט ער זיך פון איר ניט אָפּגעשיידט. זי איז אים, אַפּנים, געוואָרן אַזוי ליב, אַזוי טייער, אַז ער איז געגאַנגען מיט איר אַפילו אין דער מערת המכפּילה אַריין...

וואָס הייסט, זי האָט מיטגעבראַכט, אַז דער ב׳ זאָל זיי אַרויסטרייבן פונעם וואונדערלעכן גאָרטן? איז דערביי פאָרגעקומען די פאָלגנדע געשיכטע:

לא ישבששי

די שיינע, פיינע, אַזוי גלאַט אָפּגעטאָקטע פרוי, חוה, ווי ער׳ט זי שפּעטער גערופן, איז אויך ביים ב׳ אַרויסגעקומען מיט חסרונות: נאָר מיט אינעווייניקסטע. ער האָט זי איינמאָל געמאַכט אַ לייכטזיניקע; מען קען איר דערציילן אַ מעשה און צוריידן אָפּצוטאָן דאָס ערגסטע, דאָס מיאוסטע. אַ דאַנק אַט־דער טבע אירער, האָט זי זיך געלאָזט איינריידן פון דער שלאַנג, פונעם שטן, צו פאַרזוכן די, פאַר איר פונעם

ב׳ פאַרבאָטענע פּירות פונעם בוים פון וויסן. און זי האָט שוין דערביי אויך אויסגעווירקט ביי אָדמ׳ען, ער זאָל עס פּרובירן...

די פּירות פונעם בוים פון וויסן זיינען די פיינסטע, די איידלסטע, די שענסטע. זיי זיינען אָבער ניט לייכט צו פאַרדייען. און ערשט דער־נאָך פאַנגט מען אָן אַרומגיין כסדר אַ פאַרטראַכטער, מיט קשיות וועגן אַלץ און גאָר. עס קומט אַפילו אויפן געדאַנק די שאלה וועגן דעם ב׳ אַליין. עס אַנשטייען אין מוח אָן אַ שיעור פראַגעס, אָבער ניט קיין ענטפערס, ביז מ׳ווערט איבער דעם פאַראומערט און פאַרשמורגעט, אַז מען ווייסט ניט אויף וואָסער וועלט מען געפינט זיך... דעם ב׳ס ווילן איז דאָך געווען, אַז סאַי אָדמ׳ען, סאַי חוה׳ן, ווי ערט איר דערנאָך גערופן, זאָל זיין גוט. זיי זאָלן זיך תמיד פרייען... האָט ער זיי דערפאַר שטרענג פאַרזאָגט, ניט צו נעמען די פּירות אין מויל אַריין; אַז זיי זאָלן זיך אַפילו צום בוים פון וויסן ניט צורירן!... דערביי האָט ער זיי געוואָרנט, אַז טאָמער וועלן זייאים ניט הערן און דאָס פאַרט טאָן, וועלן זיי געוויס שטאַרבן. נו, האָבן זיי אים ביים אָנהויב געפאָלגט און טאַקע געלעבט אַ גוטן טאָג: אָן טראַכטעניש, אָן דאגות; זיי האָבן זיך כסדר געשפּילט און אַפילו אַרומגעגאַנגען נאַקעט; זיי האָבן זיך ניט געשעמט — „לא ישבששי״...

אָדם, איכה?

אָבער ווי נאָר זיי האָבן פאַרזוכט די פּירות פונעם „בוים פון וויסן״, איז זיי גלייך ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. זיי האָבן באַלד דערזען וואָס אַרום זיי טוט זיך. זיי האָבן שוין דערביי אויך זיך אַרומגעקוקט, אַז זיי גייען נאַקעט — האָבן זיי זיך זייער געשעמט... ניט האָבנדיק קיין בגדים, האָבן זיי זיך דערווייל פאַרפאַרטיקט אַ שטיקל קרענצל פון די בלעטער פון אַ פייגנבוים, זיך צו פאַרדעקן אַ ביסל די פונפאַרטנס...

דער ב׳, אַפּנים, אַרויסברענגענדיק די צווייַ, געראָטן אין אים אַליין, האָט אַרויסגעוויזן צו זיי גרויס אינטערעס. פונקט ווי אַ גוטער טאַטע, איז ער אָפט געקומען צו זיי געוואויר ווערן און זען וואָס זיי מאַכן... האָבן זיי דאַן דערהערט אים שפּאַנען אין גאָרטן... קוקן זיי זיך אַרום, אַז זיי זיינען אָן אָנטאָן. זיינען זיי אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן הינטער אַ בוים, אָדער, אפשר צווישן קוסטעס...

קומט ער צו גיין, קוקט אַהער, קוקט אַהין, אַ נעכטיקער טאָג — נישטאָ!... האָט ער גענומען רופן:

— אָדם, איכה?...

הכלל, זיי זיינען פאַרט אַרויס פון זייער באַהעלטעניש, שוין באַ־דעקט אַ ביסל זייערע פונפאַרנטס, מיטן קרענצל פון די פייגנבלעטער...

און זיי האָבן אים דערביי דערקלערט, אַז זיי האָבן זיך באַהאַלטן, ווייל זיי האָבן זיך געשעמט, וואָס זיי גייען אַרום נאַקעט...

פאַרשאָלטן און אַרויסגעטריבן

ער האָט זיי אַפילו ניט געפרעגט פונוואַנען ווייסן זיי עס און ווער האָט עס זיי געזאָגט. ער'ט שוין פאַרשטאַנען וואָס זיי האָבן דאָ אָפּגעטאָן...

דעם ב'ס געבאָטן צו זיי איז דאָך געווען פאַר זייער וואויל און בעסטן; האָט עס אים אויפגעבראַכט, הלמאי זיי האָבן אים ווידערשפעניקט, און ער'ט אויף זיי שטאַרק געצאָרנט.

אָדם האָט אַפילו אַרויפגעלייגט די „קלאָץ" אויף חוה'ן, ווי ער'ט זי באַלד גערופן, אַז זי האָט עס אים געמאַכט צו עסן די פּירות. זי, ווידער, האָ טזי אַרויפגעוואָרפן אויף דער שלאַנג, אַ זי האָט איר אָנגערעדט און פאַרפירט, צו פאַרזוכן די פאַרבאָטענע פרוכט. אָבער דער ב' איז, אַפּנים, געווען שרעקלעך בייז אויף זיי פאַרן ניט פאָלגן זיין פאַרבאָט, און ער'ט זיי אַלעמען געשאָלטן:

דער שלאַנג, זי זאָל זיין פאַרווירטער פון אַלע בהמות און חיות, אַז עס זאָלן ביי איר אָפּגענומען ווערן הענט און פיס און זי זאָל קריכן אויפן בויך, און קייען די ערד איר גאַנץ לעבן. און אַז אַן עקלדיקע פיינט־שאַפט וועט ער אַוועקשטעלן ביי איר צווישן ער און דער זי, צווישן זייערע זאָמען, און יעדער זאָל איר שמעטערן דעם קאָפּ און זי זאָל בייסן אין די פּיאַטעס.

דער פרוי האָט ער געזאָגט, אַז ער'ט האַלטן כסדר אין פאַרמערן אירע פּיין און אירעליידן, און מיט גרויסע ווייטיקן זאָל זי געלעגן ווערן מיט אירע קינדער. צום מאַן (מישטיינס געזאָגט...) זאָל זיין איר גלוסטונג און ער זאָל איבער איר הערשעווען!...

צו אָדמ'ען, אויף וועמען ער איז, ווייזט אויס, געווען שטאַרק פאַר־ביטערט, האָט ער געזאָגט, אַז דערפאַר, וואָס ער האָט געגומען אין אַכט די רייד פון דער פרוי און האָט געגעסן די פּירות פונעם בוים, וואָס ער האָט ניט געהייסן נעמען אין מויל אַריין, זאָל פאַרשאָלטן זיין די ערד צוליב אים. מיט מאַטערניש זאָל ער זיך דערנערן פון איר אַלע זיינע יאָרן און דערנער און ווילדע גראָזן זאָלן וואַקסן אויף זיי פעלד. מיטן שווייס פון פּנים זאָל ער עסן ס'ברויט און צום סוף זאָל ער זיך אומקערן צו דער ערד, פון וועלכער ער האָט אים גענומען.

פונדעסטוועגן, לויט ווי עס דערציילט זיך ווייטער, האָט ער נאָך פאַר זיי געמאַכט בגדים פון פעל, ער האָט זיי אָנגעטאָן און זיי זיינען

שויןביידע ניט געגאַנגען נאַקעט. און דער ב׳, טראַכטנדיק אַפּנים: אַזוי ווי דער אָדמ׳קע איז שוין אַ קלוגער, קען ער נאָך אויסשטרעקן אַ יד צום „בוים פון לעבן״ און דערנאָך הערן דעם מלאך המות ווי דעם פּאַראַיאַריקן שניי? און אַז ער שטאַרבט מער ניט, קען ער זיך דאָך רעכענען ווי ער, דער ב׳ אַליין? האָט ער גענומען אים מיט זיין פרוי חוה, ווי ער׳ט זי שוין גערופן, און, ווי איין מחבר מיטן צווייטן, געהייסן גיין פון דאָרטן געזונטערהייט...

דער פּאַרפּלאָנטערטסטער ענין

אַרויסגעשיקט האָט ער זיי אויף דער מזרח זייט. דער אָדם איז איצינד גוט פאַרשוואַרצט געוואָרן איידער ער האָט זיך דערביוועט צו עפּעס, צו וואָס דערלאַנגען דאָס מויל. פונדעסטוועגן האָט ער אָבער זיין חוה׳ן ניט פאַרלאָזן. זי איז אַפּנים געווען ליבער און טייערער, ווי דער גאָרטן פו ןעדן. זי, ווידער, קוקט עס אויס פון דער לעגענדע, כאָטש מיט אירע אינעווייניקסטע חסרונות, האָט זי אים אַרויסגעוויזן געטריישאַפט, אים געהאָלפן אין זיין האַרעוואַניע ווי ווייט זי האָט געקענט, געטראָגן און געלעגן געוואָרן פאַר אים מיט קינדער, זיי געזויגן, אויסגעהאָדעוועט, אים געמאַכט פאַרן טאַטן פון די בני־אָדם.

אָן איר וואָלט זיך אים אפשר טאָקע אין וואונדערלעכן גאָרטן גע־לעבט אַ לייכטן טאָג. ער וואָלט אָבער פאַרבראַכט זיינע יאָרן אַליין, אַן אַלטער בחור. און ערשט וואָס? ווער וואָלט געוואוסט פון זיין געביין? פאַר דעם אָדמ׳ס בנים, ווידער, פאַר אַ געצל, אַ כאַצקל, אַ יאָסל, אַ יאָקל, לוינט זיך שוין אַוודאי ניט אָפּצוזיצן דאָס ביסל יאָרן אַליין. בפרט, אַז מען דאַרף שוין גאָרניט וואַרטן ביז עמצער זאָל אָפּטאָקן איינע. פון דער אייגענער חוה׳ן, וואָס דער ב׳ האָט געמאַכט פאַר אָדמ׳ען, זיינען אַרויסגעקומען אַ סך טעכטער; אַ סך, אַ סך! מיט אַלערליי צורות, געשטעלן און קאָלירן...

האָט זיך אָבער פונעם לעצטן אַרויסגעבראַכט אַ צרה. וואָס איז? קיין איין בן־אָדם ווייסט ניט אַקוראַט, וואָס פאַר אַ מין בת־חוה וועט טויגן פאַר אים; קען ער זיך אַליין ניט צוקלויבן. מען האָט שוין וויפיל מאָל געזען, ווי אַ בן־אָדם, וואָס קלייבט, ווי ער׳ט דאַכט זיך געהאַלטן ביי אַ רויטער; מיט אַמאָל באַמערקט ער אַ בלאָנדע, וועלכע האָט אים אַ בליאַשטשע געטאָן: שענער. האָט ער זיך אָפּגעלאָזן פון דער רויטער און זיך גענומען שאַרן צו דער צווייטער. מאַנכעס מאָל האָט שוין פּאַסירט ווי צו אַפּאָר בני־אָדם איז געפעלן געוואָרן איינע און די זעלבע. נו, האָבן זיי זיך גענומען רייסן פאַר איר. דער האָט זי געשלעפּט צו זיך; דער

אַנדערער — צו אים. זיי האָבן זיך אַפּילו פאַר איר געשלאָגן, געשטאָכן מיט „לאַנגע שפּיזן״, געקוילעט און געשאָסן...

דער ענין פון אויסקלייבן אַ זיווג איז אַ פאַרפּלאָנטערטער, און דער ב׳ אַליין דאַרף זיך מיט אים פאַרנעמען. טאָמער — אַ זייטיקער, מאַכט ער נאָר אָן קנופּן. קוקנדיק ווי דער ב׳ פּאַרט, ווערט מען טאַקע נתפּעל פון זיין גרויסער חכמה. אַט האָט ער, למשל, גענומען אַ בן־אָדם, אַ לאַנגן דראָנג, און אים צוגעשאַרט אַ קוצינקע פון אַ בת־חוה. און ער איז ניט בלויז צופרידן, נאָר ער קוועלט אָן פון איר. נו, גיי ווייס, זיי אַ חכם? נאָר טאַקע דער ב׳ מיט זיין שכל קען זיך דערגרונטעווען צום געשמאַק פון אַיעדן. ווי אַזוי מען זעט טאַקע איינעם, אַ האָנטשיקל, זיך שפּאַצירן מיט אַ צווייטער, אַ גאַלאַנסקע הון!...

פונדעסטוועגן, טרעפט ער אָפּט אַליין אויך ניט צו. נאָר דאָן זיינען שוין אין דעם שולדיק די בני־אָדם אַליין.

אַ בת־חוה ברענגט פאַר אַ בן־אָדם דאָס גרעסטע גליק, דעם בעסטן פאַרגעניגן, האָט זי דאָך די ווערט מען זאָל זי דערפאַר שעצן? באַהאַנדלען מיט צערטלעכקייט? ליידער, זיינען אָבער די מאַנסבילן, דער גרעסטער טייל פון זיי, גרויסע באַמאַזן. זיי באַנעמען זיך צו איר זייער געמיין. זיי דערגייען איר די יאָרן אַזוי, אַז זיי ברענגען זי, נעבעך, אום פאַר דער צייט. שטענדיק ווייזט זיך זיי אויס — אַ צווייטע וואָלט פאַר יי געווען בעסער. און ניט זעלטן נעמט איינער דעם זיווג, וואָס דער ב׳ אַליין האָט פאַר אים אויסדערוויילט, לאָזט זי איבער, און גייט זיך אַוועק צו אַ ווילד־פרעמדער. דער ב׳, דערזעענדיק אַזאַ מין געשיכטע, ווערט ער, זאָגט מען, טרויעריק. ס׳איז פּונקט ווי אַ בעל־מלאכה, להבדיל, מאַכט אַ רעכט שטיקל אַרבעט פאַר איינעם, און יענער וואַרפט זיך דער־מיט. אָדער ווי אַ שרייבער ברענגט אַרויס עפּעס אַ גוטע זאַך און דער רעדאַקטאָר, דער בן־אָדם, איי, איי איי! מאַנכעס מאָל רעכנט זיך דער ב׳ אָפּ מיט אַזוינעם. ער שיקט אים צו אַ שלאַק, וואָס באַצאָלט אים כפל כפלים פאַר די עוולות, וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן דער ערשטער, פונעם ב׳ אַליין פאַר אים צוגעפּאַסטער. דעם שרייבער — צו ווערן אַליין אַ רעדאַקטאָר און מאַכן דעם ערשטן קאָנקורענץ...

פונוואַנען — פעלקער

וואָס־זשע האָבן מיר געזאָגט? פאָלק און לאַנד זיינען ווי מאַן און פרוי...

ווי מיר האָבן געזען, זיינען אָדם מיט חוה׳ן אַרויסגעשיקט געוואָרן אויפן מזרח פון גאָרטן. אָבער די בני־אָדם האָבן זיך פון דאָרט צעשפּרייט אויף אַלע זייטן.

און געבראַכט דערצו האָבן די קינס.

לויט דער ב׳ האָט צוגעוואונטש אָדמ׳ען איידער ער האָט אים געהייסן זיך פאַרנעמען פונעם גאָרטן, האָבן זיינע קינדער געדאַרפט זיין שווערע האָרעפּאַשניקעס. צום גרעסטן טייל זיינען זיי עס טאַקע. מען זעט זיי אומעטום „מיטן שווייס פונעם פּנים״ אַקערן און זייען, פלאַנצן און בויען, וועבן און נייען, שטריקן און פלעכטן, מעלקן און פעכטן, טאָן אַלע אַנדערע אַרבעטן אויף אַרויסצוקריגן זייער חיונה. דערביי האָט זיך אַפילו פאַר זיי געיאָוועט אַ פאַרגרינגערונג.

— וואָס איז זי געווען ?

אמת טאַקע, דער ב׳ האָט פאַרשאָלטן דעם טאַטן זייערן. אָבער ער האָט דאָך שוין פאַרט פאַרזוכט פונעם „בוים פון וויסן״ — האָבן זיי געירשנט פון אים שכל און זוכן תמיד צו טאָן זייער אַרבעט פראַקטישער. עס גיבן זיך נאָך אויס ביי זיי אייניקע גאַנצע חכמים. ווען אַזוינע וועלן פלאַנצן אַ גאָרטן, וועלן זיי איין סאָרט ביימער פאַרזעצן אויף איין אָרט, אַן אַנדערן — אויף אַ צווייטן. זיי וועלן אַרומגראָבן מיט אַ סיסטעם די בייטן, צוקלייבן פאַסיקע פלאַנצן פון קווייטן, זיי וועלן אַרויסרייסן די ווילדע גראָזן און דערנער, און דער גאָרטן וועט וואַקסן בעסער און שענער. אויך זייער הויז, בעט און טיש, בויען זיי מיט פלענער, זיי זאָלן אַרויסקומען באַקוועמער און שענער. און דאָן זיינען דאָך אַלע איבעריקע בני־אָדם, ווי די מערסטע שרייבער — פלאַגיאַטן און נאָכ־מאַכער... נאָך גיבן זיך אויס בני־אָדם — טאַלאַנטן, צו פאַרבן און מאָלן, טאָקן און שניצן, די היים זיי באַפּוצן, אַז עס איז אַ פאַרגעניגן אין איר צו זיצן. ווידער אַזוינע, וואָס ברענגען אַרויס שיינע שטימעס, וואונדער־לעכע טענער פון מעטאַלן און סטרונעס. און ווען די אַלע דערמאָנטע זאָלן מ׳שאַנץ נאָר קריגן, מאַמאָנס געלט און קרחס פאַרמעגן, מאַכן זיי ווידער די וועלט פאַר איטלעכן און פאַר יעדן אַזוי וואונדערלעך שיין ווי דער גאָרטן פון עדן,וואו שניידער־חכמים אַזוי געניית וואָלטן קליידער, אַז ווי אָדם און חוה — נאַקעטערהייט שפּאַצירט זיך אַיעדער...

די קינס

ליידער, אָבער, האָבן זיך אויך געיאָוועט בני־אָדם, וועלכע האָבן אָנגעטאָן אַלע איבעריקע גרויסע צרות. זיי זיינען געווען אַזוינע חברה־לייט, וועמען דעם ב׳ס קללות זיינען גאָרניט אָנגעגאַנגען: זיי האָבן זיי געהערט ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי... ניט נאָר האָבן זיי ניט מיטן שווייס פון זייער פּנים געגעסן ברויט, נאָר זיי האָבן זיך אַפילו ניט געוואָלט איינ־בייגן דעם רוקן צו נעמען פאַר זיך אַ טרונק וואַסער. אַלץ וואָס זיי האָבן געדאַרפט, האָבן זיי געמאַכט טאָן אַנדערע פאַר זיי. דערביי האָבן זיי

געלעבט אַ גוטן טאָג, אַ סך אַ בעסערן אַפילו פון זייערע טאַטע־מאַמע אין דעם „גאָרטן פּוּעדן“.

זיי זיינען זיך געזעסן אין די שענסטע הייזער, אין פּרעכטיקע שלעסער, אין רייכע פּאַלאַצן, געגאַנגען אין קליידער פון זייד און סאַמעט, באַצירט מיט גאָלד און מיט זילבער, פּערל, איידל־שטיינער, דימענטן און בריליאַנטן. האָבן געגעסן פונעם בעסטן: נאָר פרישע זעמל, פּיינקוכן, פּוטערקוכן, טאָרטן, לעקעכן, אַלערליי באַ׳טעמ׳טע קאָרזשיקעס, שטרודלען און פלאָדנס. מען האָט זיי מיט טייערע געשירן און פיינע געפעסן דער־לאַנגט צו די מאָלצייטן געבראָטענע הינער, קאַטשקעס, אַ גענדזל; מען האָט זיי אַריינגעלייגט „אָפּגעקאָכטע טייבעלעך גלייך אין מויל אַריין“... געטראַנקען האָט מען פאַר זיי סערווירט גוטע, עכטע בראַנפנס, טייערסטע וויינען, וועלכע מ׳האָט פאַר זיי אָנגעגאָסן אין גילדערנע און זילבערנע בעכערס. דערביי האָבן די מיט די שיינע שטימעס פאַר זיי אויסגעזונגען זיסע, האַרציקע מעלאָדיעס, לידער; מוזיקאַנטן מיט פאַרשידענע טרובעס, פייפלעך, פלייטן, צימבלען, טאַנצן און פויקן, לירעס און האַרפעס, פידלען, גיטאַרעס מאַנדאָלינעס ,מיט אַלע אַנדערע שפּיל־מכשירים, פאַר זיי אויס־געשפּילט מאַרשן וואַלצן, פריילעכס און אַלע אַנדערע מוזיקאַלישע מאָ־טיוון. טענצער האָבן פאַר זיי געהויבן די פיס, זיך געדרינגלט אין קרייזן. קאָמעדיאַנטן האָבן זיך פאַרבויגן אין רייפן, געמאַכט פאַרשידנאַרטיקע קאָמעדיעס. פּאָעטן, אַקטיאָרן, האָבן פאַר זיי געפּלאָכטן גראַמען, געזאָגט וויצן, זיך נאַריש געמאַכט אויף פאַרשידענע אופנים, זיי צו אַמוזירן. נו, און ווייבער? ווייבער האָט מען פאַר זיי צוזעקליבן די יינגסטע, די שענסטע, די חנעוודיקסטע, וועלכע האָבן זיי באַדאַרפט אַרויסווייזן הייסע ליבע, זיי כסדר קושן און האַלדזן, זיך איבערגעבן זיי מיטן גרעסטן פאַר־געניגן. דערביי האָבן אַלע איבעריקע בני־אָדם זיי אָפּגעגעבן דעם גרעסטן כבוד, זיך פאַר זיי כסדר געבוקט און געקניט, אַזוי ווי זיי זאָלן ניט האָבן געווען קיין בני־אָדם, נאָר בני־האלהים. בני־אלהים? זיי האָבן זיך טאַקע געהאַלטן נאָך מיט מער גדלות: זיי האָבן זיך אָנגעטאָן קרוינען, ספּאָ־דיקעס שפּיציקע געבויגענע הוטן, מאָדנע קאַפּעליושן, פון אונטער וועלכע זיי פלעגן קוקן אויף אַלעמען און גאָר, ווי פונעם הימל אויף דער ערד.

קען מען נאָך מיינען, אַז זיי זיינען אפשר געווען אַזוינע פיינע חברה־לייט? טאַקע עפּעס אַ מין סאָרט בני־אלהים? אַ נעכטיקער טאָג! זיי זיינען געווען פון די ערגסטע בני־אָדם, האָבן ניט פאַרמאָגט קיין שום רחמנות־געפילן: זיי האָבן געהרגעט אייגענע טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער, אַפילו אייגענע קינדער... פאַר צייט־פאַרטרייב פלעגן זיי שיסן, טויטן אומשולדיקע, וואווילע חיות און פייגל, ווי אויך מענטשן. אַמאָל האָט אַזוינער גענומען פאַר הנאה וועגן און אונטערגעצונדן זיין

אייגענע שטאָט. ווען די פֿייערן האָבן שוין אַרומגעכאַפּט די גאַנצע שטאָט, די פֿלאַמען האָבן שוין דערגרייכט ביז אונטערן הימל, מענטשן זיינען פֿאַרברענט געוואָרן און עס האָבן זיך געטראָגן פֿון זיי שרעקלעכע געוואַלטן און יאָמערלעכע געשרייען, איז ער זיך געשטאַנען אויפֿן באַלקאָן פֿון זיין פּאַלאַץ און אָנגעקוואָלן פֿון גרויס נחת פֿונעם ספּעקטאַקל און זיך צוגעשפּילט אויף אַ פֿידל. זיי פֿלעגן פֿאַראַנשטאַלטן ספּעקטאַקלען, וואו מענטשן מיט מענטשן, מיט ווילדע חיות, זאָלן רייסן שטיקער איינס פֿונעם אַנדערן. כמעט אַלע זיינען זיי געווען שרעקלעכע מערדער.

געקומען זיינען די חברה־לייט פֿון די זעלביקע אָדם מיט חוה׳ן.

צוערשט, דערציילט זיך אין חומש בראשית, האָבן זיי געהאַט קין מיט הבל׳ן. איז דער ערשטער געווען אַ מערדער. ער האָט דערהרגעט זיין אייגענעם ברודער. דערנאָך זיינען שוין געקומען אַ סך אַזוינע. גאַנצע באַנדעס זיינען באַפֿאַלן האָרעפּאַשנע בני־אָדם, זיי אומגעבראַכט, ביי זיי אַוועקגערויבט אַלץ, וואָס האָט זיי געטויגט. ווייטער האָבן זיי די באַפֿאַלענע געמאַכט פֿאַר קנעכט, זיי געצוואונגען צו באַשאַפֿן פֿאַר זיי די אַלע פֿריער־דערמאָנטע פֿאַרגעניגס. טאָמער האָט זיך ווער קעגנגעשטעלט, האָבן זיי אים באַלד געמאַכט מיט אַ קאָפּ קירצער. האָט איינער מער קיין כוח ניט געהאַט צו שלעפּן דעם יאָך, האָט מען אים אַריינגעציילט מלקות — ניט קיין ערב־יום־כּיפּורדיקע. אָדער מען האָט אים אָנגענומען פֿאַרן האַלדז, אַז ער׳ט געלעקט די לינקע זייט פֿונעם ב׳ס פּאָדלאָגע.

זיי זיינען באַגאַנגען איבער בני־אָדם שרעקלעכע אכזריותן: זיי פֿלעגן רייסן פֿון זיי לעבעדיקע שטיקער; זיי הענגען, ברענען און בראָטן, אַזוי, אויב עס האָט זיך וועמען נאָך ניט געגלוסט זיך צו געזעגענען מיטן ביסל יאָרן, האָט ער אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, זיך געקניט און געבוקט, אויסגעפּירט אַלץ, וואָס מ׳האָט אים באַפֿוילן. אָדער, אויב ער׳ט געקענט — אַנטלאָפֿן „וואודער שוואַרצער פֿעפֿער וואַקסט"...

איבער דעם אומגליק פֿון די קינס האָבן זיך פֿונעם מזרח אַ סך בני־אָדם צעלאָפֿן אויף אַלע זייטן. עס ווערט אַפֿילו דערציילט פֿון אַ פֿאַרפּלייצונג, פֿון וועלכער עס האָט זיך געראַטעוועט איין פֿאַמיליע, פֿון וועלכע אייניקע זיינען (דערנאָך) פֿאַרטראָגן געוואָרן קיין ראָוונע, אויף קאַווקאַז (אַ פֿאַרשטאָט, פֿונוואַנען דער מחבר קומט)... נו, אַזוי פּאַסירונגען האָבן זיך שוין טאַקע ניט איין מאָל געטראָפֿן. עס זאָגט זיך אָבער ביים אָנפֿאַנג פֿון דער מעשה: געזען האָט דער ב׳, ווי פֿאַרמערט עס האָט זיך דאָס שלעכטיקייט פֿון דעם מענטשן אויף דער ערד, האָט אים שוין באַנג געטאָן וואָס ער האָט אים געשאַפֿן, און ער האָט אַראָפּגעגאָסן דעם מבול, זיי זאָלן אַלע דערטרונקען ווערן. אָבער ווער איז געווען שולדיק? ווער האָט דאָס שלעכטיקייט אָנגעבראַכט?

די געפּאַרן אויף די וועגן

עס האָבן זיך אָפּגעטראָגן פונעם מזרח גאַנצע משפּחות, שבטים. אָבער אַנטלויפנדיק, האָבן זיי זיך ניט געראַטעוועט פון די צרות.

איין מאָל, האָבן זיי נאָך ניט געהאַט קיין באַנען; אויך ניט קיין געשפּאַנען, קיין געפּלאַסטערטע וועגן. אין די ווילדע געגנטן, אין וועלכע זיי האָבן זיך געשלאָגן, האָבן זיך אויפגעהאַלטן אַ סך חיות־רעות: לייבן, לעמפּערטן, טיגערן, בערן און וועלף, וועלכע פלעגן אַלע מאָל כאַפּן אַ בן־אָדם און אים פאַרצוקן. עס האָבן זיך אויך גענאַרעט אויף זיי וויזל־טירן און טירן־וויזלס, בת־היענות און יענה־באַסעס, אפשר שוין ניט קיין דינאָסאַרן, אָבער שוין יאָ — סענאַדאַרן... די לעצטע האָבן געהאַט קעפּ ווי באַקדויזשעס מיט אַריינגעשטעלטע, מעטאַלענע ציין. פלעגן זיי אַלע מאָל כאַפּן די אָרעמע בני־אָדם און צערייבן אויף טאַבעקע... וויזל־טירן זיינען געווען חיות, מיט אומגעלומפּערטע לאַפּעס, פלעגן זיי מיט זיי פאַרשטעלן דעם וועג די לויפנדיקע בני־אָדם. טירן־וויזלס, אויך ס׳אייגענע, נאָר די פלעגן שוין די אָנגעלאָפּענע פּאַטשן מיט זייערע לאַפּעס אויף צוריק, צום מזרח... אין דער הויך זיינען געפלויגן אָדלערס, צוויי־קעפּיקע, שפּאַרבערס, מיט שאַרפע, שפּיציקע נעגל, מיט לאַנגע פּיסקעס, מיט וועלכע זיי פלעגן געבן אַ שאָס אַראָפּ אויף בני־אָדם און צעשפּאַלטן זיי די קעפּ, אויספּיקן זיי די אויגן; שלאַנגען, עקדישן האָבן זיך גע־וויקלט אומעטום און געביסן פון הינטן.

3

„והילד איננו״

אין די פוסטע געגנטן האָבן אויך אַרומגעטאַנצט שדים מיט לצים. דאָס קען מען אָננעמען פאַ רזיכער, ווייל די חברה שוואַרציאָרן זיינען שוין דאָ פון ששת ימי בראשית אָן. ווען דער ב׳ האָט געפּאַרטיקט די וועלט, ווערט איבערגעגעבן, האָט ער ניט אויסגערעכנט צו מאַכן גענוג גופים פאַר די נשמות. וואָס־זשע האָבן די איבעריקע נשמות געטאָן? זיי האָבן זיך איבערגעדרייט, פאַרוואַנדלט אין שוואַרציאָרן.

וואָס שדים זיינען —

נאָך פאַר דער באָבעס צייטן (אויך פאַר דער מאַמעס), ווען מען האָט שוין געוואוסט זיי צו פאַרטרייבן מיט הייליקע שמות, ציצית, מזוזות, קמיעות, מיט לייענען „קריאת שמע״; ווען איינער האָט דערזען אַ שוואַרציאָר און אַז ער פלעגט מיט פאַרמאַכטע אויגן נעמען זאָגן:

„שמע ישראל ד׳ אלקינו ד׳ אחד״ — איז ער באַלד ניט געוואָרן, האָבן זיי דאָך אָנגעטאָן צרות.

אויף זייערע הינערשע פיס פלעגן זיי אַריינשיטן זאַלץ אינעם עסן, אַז מען האָט עס דערנאָך ניט געקענט נעמען אין מויל אַריין; אַזוי פלעגן זיי אַריינגיסן עסיק אין ווייַן. זיי האָבן אַריינגעטאָן אַזויפיל הייוון אין דעם מעל־פאַרמיש, אַז דאָס טייג איז אויפגעלאָפן ביז דער סטעליע. דער־נאָך, אַז מען האָט געבאַקן פאָדפּאַלקעס — פלעצלעך, זיינען זיי אַרויס־געקומען טייסטערס — ליידיקע טייסטערס. זיי פלעגן מאַכן די מילך „גערינען״; אַז מען האָט פאַררוקט טשאָלנט, האָבן זיי דעם אויוון אַזוי אָנגעהיצט, אַז ווען מ׳האָט עס דערלאַנגט צום טיש, איז דער קוגל געווען אַ שטיקל קויל, און די פעטשאַ — ביטער ווי גאַל. דעם זיידנס פּנים — גרין, און דער באָבעס, נעבעך — בלייך, אָדער פאַרקערט...

איי, האָבן זיי אָנגעטאָן צרות!

ווען אַ אידענע איז געגאַנגען אין מקוה אַריין, פלעגט זיך אַ שד איבערוואַרפן פאַר אַ פּויער, פאַר אַ גלח און זיך אַוועקשטעלן איר אויפן וועג. האָט זי שוין דערווייל געכאַפּט אַ קוק אויף אים און דערנאָך, אום זי זאָל ניט געלעגן ווערן מיט אַזאַ „קדיש״, האָט זי נעבעך געדאַרפט גיין צוריק נאָך אַמאָל זיך אָפּטובלען... און דער איד, נעבעך, האָט דעמאָלט אַרויסגעקוקט די אויגן אויף איר, נאָך אָן דער וועטשערע.

וואָס אַ שד איז . . .

איינמאָל איז אַ אידינע געגאַנגען צום טייך זיך אָפּטונקען. ווען זי האָט שוין אַראָפּגענומען דאָס קליידל און אַריין אין וואַסער, האָט עס אַ שד דערזען; איז ער זיך מיישב און שפּרינגט אַריין אין טייך אַריין, כאַפּט איר אָן און נעמט זי שלעפּן פאַר די פיס, ביז ער דערטרינקט זי. דערנאָך פאַרשטעלט ער זיך אין אירע קליידלעך, אַז ער קוקט אויס פּונקט, אַקוראַט ווי זי, און קומט צו גיין צום אידן אין שטוב פאַר זיין אידענע...

נו, האָט זי־ער אים אָפּגעקאָכט האַרט די פּאַסאָליעס, רוי די קאַר־טאָפליעס, געמאַכט דאָס עסן געזאַלצן, אַז ער׳ט עס ניט געקענט נעמען אין מויל אַריין; געשאָלטן אים מיט טויטע קללות, מיט חרמות, ווען ער׳ט איר־אים עפּעס געוואָלט זאָגן, האָט זי־ער אים דערלאַנגט מיט דער קאָטשלקע, מיט דער קאָטשערע, מיט דער לאָפּעטע, מיטן בעזים, אים צעקיילט און צעביילט. זי־ער האָט געשלאָגן די קינדער מכות רצח, זיי געמאַכט ברוין און בלוי. זי־ער האָט ניט אויסגעקערט די שטוב, ניט פאַרבעט די בעטן; אין הויז איז געווען קויטיק און שמוציק. זי־ער האָט ניט געבאַקן קיין חלה, ניט אָפּגעפּוצט די לייכטערס, און דער איד, נעבעך,

האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז מיט זיין אידענע, מיט זיין ווייב, און ער איז אַרומגעגאַנגען אין איינע צרות.

אָבער צום גליק האָט ער נאָך ניט געהאַט אַזאַ שלימזל. וואָרים, ווייל ער׳ט זיך נאָך פונדעסטוועגן איין מאָל געפּרואווט דערנעענטערן צו איר ווי אַ מאַנסביל צו אַ אידינע, האָט זי־ער אים דערלאַנגט אַ פּליאַסק אין פּנים מיט דער האַנט, וועלכע איז געווען ווי אַ הינערשע לאַפּע, מיט שאַרפע אויסגעבויגענע, שפּיציקע נעגל, און איבער וועלכע זי־ער האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן דעם אַרבל פונעם קליידל...

די באַק איז אים אויפגעלאָפן אַזוי ווי אַ באַרג מיט דריי בלויע קישקעס און ער׳האָט שוין געמוזט פאַרבינדן דאָס פּנים מיט אַ פאַטשיילע.

גיין דאַווענען אין שול איז אים שוין געווען אַ חרפּה, נעמט ער דעם טלית און תּפילין און שטעלט זיך דאַוונען אין שטוב. האַלטנדיק שוין ביי קריאת שמע, גיט ער אַ קוק — זי־ער איז נישטאָ!... פאַלט אים איין, אַז אפשר איז זי־ער אין קאַמער? שפּאַנט ער צו צום קאַמער און בייגט זיך אַזוי איין צום פענצטער, וואו ער האָט שוין דאָ געזאָגט: „שמע ישראל ד׳ אלקינו ד׳ אחד!״ — גיט דער האָן אַ קריי און ער דערהערט אין קאַמער אַ פּליעסקע — והילד איננו!...

אין דער רגע האָט מען אים געלאָזט וויסן, אַז מ׳האָט אַרויסגעצויגן פונעם טייך זיין דערטרונקענע אידענע...

מיט די שיר־המעלותן, ציצית, מזוזות, הייליקע שמות, קמיעות, מיטן לייענען „קריאת שמע״, וואָס מ׳האָט שוין געהאַט פאַר דער באָבעס צייטן צו שטעלן זיך אַנטקעגן די שוואַרציאַרן, האָבן זיי דאָך ביי קימפּעטאָרינס דערשטיקט די קליינינקע קינדערלעך. אַ כלה האָט מען אין טאָג פון דער חופּה געדאַרפט שטאַרק אָפּהיטן, אַז קיין שד זאָל זי ניט כאַפּן און אַוועק־טאַקסען. עס איז געווען אַ סכנה פאַר קינדער צו שפּילן זיך מיט פּאַ־סאַליעס. די נישט־גוטע האָבן תמיד מיט זיי עפּעס אויפגעטאָן. זיי פלעגן זיי אַריינרוקן אַ פּאַסאַליע אין דער נאָז, אויך אין אַן אויער (מיטן שרייבער אַליין האָט עס אינגלוויז פּאַסירט...). נאָך ביי היינט־צו־טאָג איז פאַראַן אַ מדינה, אין אַמעריקע גופא, דערציילט מען, וואו זיי מאַכן פּאַסאַליעס צום טאַנצן... אַז מען קוקט אויף זיי, זעט מען, — דאַכט זיך — גאָרניט, קיינעם ניט. פּלוצלונג — אַ, אַ! זיי נעמען גיין אַ קאַזאַטשקע, אַ פריילעכס — ווער מאַכט עס זיי צום טאַנצן?

עס האָט געטראָפן ביי יענע צייטן, ווי אַ נישט־גוטער פלעגט אַריין איינעם אין אויער און זיך דאָרט נעמען דריגען. מ׳האָט אים געקענט אַרויסבאַקומען מיט ווייררויך פון קרייטעכצער. אויף אַשיסל מיט צע־גליטע קוילן האָט מען אַרויפגעלייגט די קרייטעכצער, זיך איבערגעדעקט דעם קאָפּ מיט אַ טוך, אַז דער ווייררויך זאָל גיין גלייך אין אויער, צום

שד... מיט איין מאָל האָט מען אָנטקעגן אים ניט יוצא געווען. מיינע, די נאָענטסטע, האָט געדאַרפט דערלאַנגען איינעם ווייזוויך חדשים לאַנג. אַז ניט, האָט ער געדריגעט, און אַז יאָ — מסתמא אויך; ביז איין מאָל האָט זי פאַרקייטלט די טיר, פאַרמאַכט די פענצטער און אָנגעלאָזט ווייַ־רויך, ניט בלויז אונטערן טוך — אַ פולע שטוב. דאַן האָט מען אַן עפּן געטאָן דעם קוימען, האָט איר געטאָן אַ קנאַק אינעווייניק אין אויער, — והילד איננו... ער איז אַרויס דורכן קומען. זי האָט געחלשט...

ערגער איז געווען, מ׳זאָל אָפּגעהיט ווערן, ווען אַ שד איז אַריין צו עמיצן אין האַלדז. ער פלעגט אַרויסגעבן פון דאָרט משונהדיקע קולות און געלעכטערס... טאַטערן פלעגן זיי קענען אַרויסלאָקן מיט זייערע שפּרוכן. הייַנטיקע יאָרן טוען עס פּסיכיאַטאָרן... גוטע־אידן, להבדיל, צדיקים, חסידישע רביים, פלעגן זיי שלאָגן מיט זייערע שטעקענעס, טרייבן מיט הייליקע שמות, מיט גזירות, און האָבן זיך דאָך ניט געקענט מיט זיי ספּראַווען.

וואָס אַ שד איז — נאָך אַמאָל:

געהערט דערציילן פון אַן עלטערן אידן, ווי אַזוי דער גוטער־איד, דער סטעפּיניער רבי ר׳ בער, האָט פּאַרטיק געמאַכט איינעם:

געווען איז עס, לויט ער׳ט עס איבערגעגעבן, וואָס אַ ווייבל, שוין אַ יאָר נאָך דער חתונה, איז נאָך ניט פאַרגאַנגען אין טראָגן.

וואָס איז? **אַלע חודש, ווי ער האָט דערציילט**, ווען זי איז געגאַנגען אין מקוה אַריין, האָט זיך עפּעס אַ שד איבערגעוואָרפן אינעם געשטאַלט פון אַ יונגן און שיינעם פּויער און האָט זיך איר געשטעלט אויפן וועג, אַז זי האָט אים בשום אופן ניט געקענט אויסמיידן. ער איז איר אַפילו נאָכגעשפּרונגען אין באָד אַריין און זיך אונטערגעטונקען אין דער מקוה, וואו זי האָט שוין ניט געקענט אַראָפּגיין אין איר זיך אָפּטובלען, און זי פלעגט שוין אַפילו ניט אַראָפּנעמען פון זיך די קליידלעך... זי פלעגט זיך אומקערן אַהיים אַזוי ווי זי איז אַוועק און מורא געהאַט פאַר עמיצן דאָס צו דערציילן, נאָר געלעגן מיטן קאָפּ אין קישן און געוויינט. דערביי, פאַרשטייט זיך, האָט זי זיך געהאַלטן פונעם מאַן אירן אַלץ אָפּגעשיידט — אים גאָרניט צוגעלאָזן צו זיך.

דער מאַן אירער איז דווקא געווען אַ יונגערמאַן, אַ צאַצקע. איר טאַטע האָט אים אַרויסגענומען פאַר אירטווועגן פון אַ ישיבה, וועלכער, חוץ לערנען, האָט אויך געהאַט אַ קול און ער איז באַלד געוואָרן דער אונטער־חזן פון דער שול, וואו דער צדיק, דער גוטער־איד, רבי ר׳ בער, האָט אַליין געדאַוונט.

דער יונגערמאַן איז געווען אַן איידעלער און אַ שעמעוודיקער. האָט

ער פון דעם קיינעם ניט אויסגעזאָגט. זי, ווידער, האָט עס אויך קיינעם ניט דערציילט, ניט דערציילט. צום סוף האָט זי דעם סוד אַנטפּלעקט פאַר דער מאַמען — דעם סוד פון דעם יונגן פויער, וואָס שטעלט זיך איר אַוועק כסדר אויפן וועג צו דער מקוה...

איר מאַמע, אויסהערנדיק דאָס, האָט פאַרבראָכן די הענט: אוי־ווויי איז מיר! און פאַרשטייענדיק באַלד, אַז דער יונגער פויער, וואָס שטעלט זיך איר טאָכטער אויפן וועג אין מקוה אַריין, איז ניט עפּעס אַנדערש ווי אַ שד, וועלכער וויל זי אַוועקשלעפּן, פאַרטראָגן, אַז מ׳זאָל אַפילו ניט וויסן וואו איר געביין איז אַהינגעקומען. איז זי גלייך געלאָפן צום צדיק, צום רבין ר׳ בער, וואו זי האָט זיך געריסן פאַר דער פּאַטשיילע, ביי די באַקן, אַז ער זאָל ראַטעווען. נו, האָט ער געטאָן אָט־וואָס:

ער האָט אַרויסגעשטעלט פאַראויס פון זיין אַטלעסענע קאַפּאָטע די צוויי גרויסע ציצית פון זיין לאַנגן און ברייטן טלית־קטן, און האָט אין איין האַנט גענומען דעם שטעקן, מיט דער אַנדערער — דאָס ווייבל, מיטן משמש פון הינטן, און געשפּאַנט מיט זיי אין מרחץ אַריין.

דער שד, דערזעענדיק אַזוי דעם רבין, איז באַלד ניט געוואָרן; ער איז אַריין אין באָד, אַריינגעשפּרונגען אין דער מקוה, אונטערגעטונקען זיך אונטערן וואַסער — „והילד איננו!״...

דער רבי האָט גוט געוואוסט וואו דער שד געפינט זיך, אַז ער ליגט ערגעץ אין דער מקווה, אונטערן וואַסער . . . האָט ער אויף אים גוזר געווען, ער זאָל אַרויס פון דאָרטן. ער האָט אויף אים גוזר געווען נאָך אַמאָל; ער האָט אויף אים גוזר געווען אַ דריטן מאָל! אָבער ער׳ט אים געהערט ווי דעם נעכטיקן טאָג. דאָן האָט דער רבי אויפגעהויבן דעם שטעקן, זיך פאַרמאָסטן מיט אים און דערלאַנגט אַ טראַסק איבער דער מקווה . . .

דאָס וואַסער איז געוואָרן שטאַרק קאַלעמוטנע . . . און פון אויבן האָט זיך באַוויזן אַ גרינער שטראָם . . . דאָ האָט דער רבי גערופן דעם בעדער, אים באַפוילן איבערצובייטן דאָס וואַסער, און געהייסן דער ווייבל אַראָפּנעמען דאָס קליידל און ער אַליין האָט זי ביי אַ האַנט אַראָפּגעפירט אין מקווה, וואו זי האָט זיך טובל געווען, און טאַקע דאָס אייגענע יאָר איז זי געלעגן געוואָרן מיט אַ בן־זכר.

דעם שמש, כדי ער זאָל ניט אַרומגיין מיט רעיונות איבער דעם, וואָס ער, דער רבי, האָט אַראָפּגעפירט דאָס ווייבל צו טבליה, האָט ער דערציילט די געשיכטע, ווי דער שיינער תנא רב יוחנן * — האָט זיך געזעצט אויפן וועג צו דער מקווה, אַז די ווייבער, וואָס גייען פון איר, זאָלן זיך אויף אים פאַרקוקן און געלעגן ווערן מיט

---

* אמורא ר׳ יוחנן.

אַזוינע בנים ווי ער אַליין איז. ווען חברים־תנאים* האָבן אים גע־פרעגט: צי קוקנדיק זיך צו די אידישע ווייבער, ווען זיי גייען פון דער מקווה, האָט ער ניט מורא, ער זאָל געשטרויכלט ווערן פון יצר־הרעדיקע מחשבות? האָט ער זיי געענטפערט, אַז ווען ער באַטראַכט די אידישע ווייבער ווי זיי גייען פון מקווה, האָט דער יצר־הרע אויף אים קיין שום שליטה ניט; אַז זיי זעען אויס צו אים ווי ווייסע גענדז... מסתמא, אָפּגעפּליקטע, האָט ער געמיינט...

— אָט־דאָס איז געווען אַ רבי! — האָט דער דערציילער פון דער געשיכטע צום סוף אויסגערופן.

אין די מקומות וואו די בני־אדם האָבן זיך געשלאָגן פונעם מזרח, האָבן די שוואַרציאָרן געוויס זיי אָנגעטאָן שאָדוינעס. די בני־אָדם האָבן דאַן נאָך ניט פאַרמאָגט קיין שיר־המעלותן, ציצית, מזוזות, הייליקע שמות, קמיעות, מיט וועלכע זיך צו ווערן קעגן זיי. פון קיין גוטע אידן, וועלכע זאָלן זיי שלאָגן מיט זייערע שטעקנס, פאַרטרייבן מיט גזירות, איז אַפילו קיין רייד ניט געווען. אַפילו אַ טאָטערל, וואָס זאָל זיי פאַרלאָקן מיט זיינעם אַ שפּרוך, איז אויך ניט געווען בנמצא. אָט־די אַלע מיטלען און פאַרשוינען זיינען ערשט געקומען אין די שפּעטערדיקע דורות. און די שוואַרציאָרן האָבן זיך אַוודאי געקענט אומעטום לאָזן וואוילגיין: טאַנצן און שפּרינגען, פראַנק און פריי דערשטיקן ביי קימפּעטאָרינס די קליינע עופהלעך; טאַסקען כלות אין זייערע פאַרהוילעניש, און אַז „טאָמער איז געווען אַ אידינע", וועלכע איז געגאַנגען אין טייך זיך אָפּטונקען און אַז אַ שוואַרציאָר האָט געקוקט ווי זי האָט אַראָפּגענומען דאָס קליידל און איז אַריין אין וואַסער, איז ער באַלד צוגעשפּרונגען, איר אָנגעכאַפּט, און גענומען ציען אַראָפּ, אַראָפּ, ביז זי איז דערטרונקען געוואָרן...

איי, וואָס פאַר אַ צרות זיי האָבן דאַן געמוזט אָנטאָן צו די בני־אָדם! אַז איינער האָט זיך דאַן אַריינגעכאַפּט צו עמיצן אין אויער, האָט ער זיך געקענט זיצן בהרחבה און דריגען מיט די פיס אויף וואָס די וועלט שטייט. ער'ט גאָרניט געדאַרפט מורא האָבן מ'זאָל אים אַרויסרויכערן מיט קרייטעכ־צער. ווער שמועסט נאָך, אַז ער האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו איינעם אין האַלדז, האָט ער זיך פאַרבראַכט אַ גוטן טאָג, אַרויסגעבנדיק כסדר גע־לעכטערס מיט משונהדיקע קולות. ניט געווען קיין גוטע־אידן, און, להבדיל, טאָקטערן, און אַוודאי ניט קיין פּסיכיאַטאָרן... וועלכע זאָלן זיי שטערן. לויט די באַשרייבונגען, האָבן זיך יאָ געיאָוועט מכשפים און מכשפות.

זיי זיינען געווען אַזוינע חברה־לייט, וועלכע האָבן זיך איינפאַרשטאַנען מיט די שוואַרציאָרן, געוואָרן מיט זיי גאַנצע שמעלקעס. ווען די מכשפים

* אמוראים.

האָבן זיך געוואָלט אָפּרעכענען מיט איינעם, האָבן זיי אַ בעט געטאָן די שדים, האָבן זיי אונטערגעצונדן יענעמס הויז. די לעצטע פּלעגן זיך באַנוצן מיט בושלעס, מיט זייערע לאַנגע פּיסקעס האָבן זיי געטראָגן פייער אויפן דאַך. אָדער, אויב יענער איז געפאָרן מיט אַ וואָגן, האָבן זיי אַרויסגעצויגן די „פאַרשטעקערס" פון די אַקסן, לעבן די רעדער, און אַז ער האָט זיך אויפגעזעצט, האָט זיך אַ שד אַ שטעל געטאָן פאַר די פערד, האָבן זיי זיך דערשראָקן, זיך צעפלאָשעוועט, און יענער האָט דערווייל געבראָכן האַלדז און נאַקן מיטן וואָגן אין איינעם. טאָמער האָבן מכשפים, אָדער מכשפות, געהאַט אויף איינעם אַ הארץ, האָבן זיי אַ בעט געטאָן אַ שד, איז ער אַריין צו אים אינעווייניק און אים איבערגעוואָרפן אין אַ וואָלף, פאַר אַ קאָטער, פאַר אַ טכויר, און ביינאַכט פלעגט מען טאָקע הערן קאָטערס וויינען ווי מענטשן און פאַרקערט . . . מענטשן-טכוירן באַגעגנט מען נאָך היינט אויך...

ביי היינט-צו-טאָג, אין דער מדינה פון די בני-אָדם, וועלכע קומען אַרויס פון „אַנשל זעליקס" משפחה, טרעפט מען נאָך אָפט, ווי אַ שד גייט אַריין אין איינעם פון זיי און וואַרפט אים איבער פאַר אַ וואָלף . . . ווער האָט ני טגעהערט די געשיכטע פון אַ דאָקטער יעקל און ה׳ הייד? ביי טאָג איז ער געווען אַ מענטש און ביינאַכט — אַ שד . . . וואָס הערט זיך עפּעס וועגן פראַנקענשטיינען? ביי זיי, אין די שלעסער, גייען אַרום שדים אין בני-אָדם און טוען אָפּ שרעקלעכע זאַכן . . .

די מכשפים זיינען געוואָרן חבר-לאַפּ מיט די קינס, און האָבן מיט די שדים זיי געהאָלפן מאַכן אַ תל פון די בני-אָדם.

— **שמע ישראל!** — ניטאָ מער קיין שדים, נעלם געוואָרן . . .

וועלן מיר זיך אַצינד נעמען אַ קוק טאָן צו די לצים — וואָס פאַר אַ שלעכטס האָבן זיי אָנגעטאָן די בני-אָדם?

איי, האָבן זיי אָנגעטאָן! איי, איי, איי! . . .

וואָס לצים זיינען . . .

אַ לץ איז קודם-כל אַזאַ מין שוואַרציאַר, וואָס טוט אָפּ שפּיצלעך. ער נאַרט אָפּ, פאַרפירט, אַז מ׳זאָל אַריינפאַלן אין דער שואל-תחתיה אַריין.

ער פאַרשטעלט זיך, ער קוקט אויס אַקוראַט אַזוי ווי אַ מענטש; ער טוט אָן נייע שטיוולעטן אויף זיינע הינערשע פיס, ציט אַרויף הענטשקעס אויף זיינע הענט, וועלכע קוקן אויס ווי אַ בושלשע לאַפּעס, מיט אויסגע-בויגענע שפּיציקע נעגל, טוט זיך אָן אַ פאַראַעמדל מיט אַ שניפּסל, אָדער אַ געפּרעסטע העמד מיט מאַנזשעטן — דאָס ווענדט זיך שוין אָן דעם פאַר וועמען ער וויל זיך באַווייזן. און ער קומט אַריין — גאַנץ פיינער פאַרשוין און מיט אַ שיינעם קול, מיט אַזוינע זיסע רייד, נעמט ער אים דערציילן אַ מעשה פון אַ גרויס גליק, פון אַ גאָלדענעם אוצר, וואָס ער ווייסט אַקוראַט

וואו ער געפינט זיך, און ער רעדט איבער יענעם אַזוי לאַנג, ביז ער פירט אים שוין צום אוצר.

בעת׳ן גיין, אויב יענער איז אַ שניידער, למשל, וועט ער אים האַלטן אין איין מאָלן דאָס גליק, וואָס טרעפט אים אַצינד; ווי אַזוי ער וועט שוין מער ניט דאַרפן דרייען די קאַילקע, שטעכן מיט דער נאָדל, ציען פאַסטריגעס, שלייפן פּעטלקעס ווידער, פּרעסן, נאָר אַז ער׳ט זיך שוין פון איצטער אָן קענען אָפּרוען, קויפן אַ שיינע שטוב, ניט גיין מיט קיין אויסגעריבענע הויזן פון הינטן, נאָר אָנגעטאָן אין גאַנצע, נייע מלבושים, מיט אַ דינסט און אַ משרת, וועלכע וועלן אים דערלאַנגען אַלץ, וואָס ער׳ט נאָר וועלן. איז אַז דער לץ זעט שוין ווי אַזוי דער שניידער איז פאַרכאַפּט פון דער רייכער פאַנטאַזיע, ווי עס רינט אים שוין די סלינע, ווי ער באַמערקט שוין גאָר־ניט וואָס אַרום אים טוט זיך, פירט ער אים פאָר פאַר אַ גרוב, אַליין גיט ער איינס און צוויי אַ שפּרונג פון דער אַנדערער זייט, און אַז דער שניידער הויבט אויף אַ פוס און לאָזט זי אַראָפּ אים נאָכשפּאַנען — באָמפּ! ער ליגט שוין אַ צעקלאַפּטער אינעווייניק פון אונטן . . . אָדער ער ברענגט אים פאַר אַ שטיין, איבער וועלכן ער פאַרטשעפּעט זיך און ברעכט האַלדז און נאַקן. און איידער ער האָט נאָך אַפילו צייט געהאַט אַרויסצולאָזן אַ קרעכץ, הערט ער שוין אַ פליעסקע מיט אַ געלעכטער — והילד איננו! . . .

וואָס אַ לץ איז — נאָך אַמאָל

ווען און וואו אַ בעל־מלאכה האָט דערזען אַ גאָלדענעם אוצר:

גייט זיך אַזוי איינמאָל פון שטאָט אַהיים אַן אָרעמער בעל־מלאכה, וועל־כער שוין וואָכן אַז ער סאָלאָפּעט דעם צונג נאָך אַ פאַרדינסט; ער איז פאַר־זאָרגט און פאַרדאגהט, וואָס ער האָט נאָך ניט צו באַצאָלן דאָס דירה־געלט, און ווי אַזוי זיין גאַנצע פאַמיליע — גרין, באָרוועס און נאַקעט — פּעכנעט אויפן פּיסק. ער שטעלט זיינע טריט אַזוי, ביז ער קומט צו דער בלאָטע, מיט דער שטענדיקער קאַלוזשע, אין וועלכער עס האָט זיך תמיד געראָיעט אַ חזיר . . . ווען ער הויבט אָן ביי דער זייט אַריבערצושפּאַנען, דערזעט ער אין דער מיט בליאַסקעט געל — אַ שטיק גאָלד, אַן אוצר! ער׳ט גענומען שטעלן אַ פוס צום אוצר און איז שוין געקראָכן אין דער בלאָטע איבערן האַלדז. דערלאַנגענדיק שוין גאָר נאָענט, דערזעט ער, אַז עס איז ניט מער ווי אַ שטיקל גלאָז, אויף וועלכן עס איז געפאַלן די שיין פון דער לאַמטערן...

דער תכלית: ער איז געקומען אַהיים אַ פאַרוויאַזגעטער, מיט בלאָטע אַפילו אין די קעשענעס . . .

ווער האָט עס דאָרט פאַר אים אַוועקגעלייגט דאָס שטיקל גלאָז?

אַ מלמד און אַ טאָפּ עסן . . .

זיצט זיך אַזוי אַ מלמד און עס כליאַנעט אים דאָס האַרץ. ער האָט נאָך דעם פרימאָרגן אַפילו קיין גלאָז טיי ניט געהאַט. קוקט ער אַזוי אַלע מאָל אין קיך אַריין.

מיטאַמאָל דערזעט ער אויפן פריפעטשיק שטייט אַ טאָפּ — אַ גרויסער, אַ שוואַרצער טאָפּ! רוקט ער זיך שוין אַזוי אַרויס פון הינטערן טיש, מיט אויסגעסטאַרטשעטע אויגן גייט ער אַזוי צום פריפעטשיק, נעמט אַראָפּ דאָס דעקל: עס איז דער טאָפּ מיט עסן! מיט איינגעמאַטכס, וואָס קוקט אויס: פאָווידלע!

האָט ער שוין אַ לעפל, שטעקט אַריין, באַקומט אַרויס אַ היפּש ביסל און גיט עס דעם מויל.

טפוי, טפוי! — האָט ער גענומען שפייען. וואָס איז געווען אין טאָפּ? — ניט קיין פאָווידלע, נאָר שמאַראָווידלע . . . וואָס זיין שכן, דער ליים־פירער, פלעגט דערמיט שמירן די אַקסן פון וואָגן . . .

ווער, מיינט איר, האָט עס אים דאָרט אַרויפגערוקט פון זיינעטוועגן?

פאַרפירט פון אַ שוואַרציאַר, לויט אַ דערציילונג פון אַ שניידער

וויו שוין געשילדערט, האָט דער ב׳ מיט דער פרוי, חוה׳ן, געמאַכט דאָס פיינסטע, אפשר דאָס קינסטלערישסטע שטיקל אַרבעט: אירע פיס, אירע קלובעס, אָרעמס, אירע אַקסל; נאָר אירע בריסט זיינען ביי אים אַרויסגעקומען אָפּגעטאָקט און גלאַט, אַז אַ מחיה. היינט איר צורה? די באַקן, די ליפּן, די פערלדיקע ציין? ווער שמועסט נאָך אירע אויגן? זיינען וואונדערלעך, שיין מיטן זיבעטן חן, זיינען זיי! דערצו נאָך, ווי שוין געזאָגט, האָט ער אַדורכגעקנאָטן דאָס גאַנצע לייב מיט אַזאַ מין מאַגנעט, וואָס כסדר ציט ער צו איר די בני־אָדם. דעם מאַגנעט רופט מען היינטיקע צייטן: יצר־הרע.

אָבער ניט אַלע מאָל און ניט אַלעמען ציט דער יצר־הרע צו איר גלייך. מאַנכעסמאָל לייגט ער זיך אָן אויף איינעם און לאָזט אים בשום אופן אַ מינוט ניט צורו. אַזוינער וועט דאַן נאָכקוקן אַ אידינע, ווי אַ גויה, אַבי אַ בת־חוה, מיט גרויס נייגיר. ווער שמועסט נאָך, אַז טאָמער איז זי אַ שענערע, וועט ער ניט אָפּרייסן פון איר די אויגן . . .

גייט זיך אַזוי איינמאָל אַ שניידער אויף אַ וועג, אויף וועלכן ער איז געצויגן געוואָרן פונעם יצר־הרע, מיט זיינע זינדיקע מחשבות. וואו ער קוקט און קוקט נאָך יעדער פאַרבייגייענדיקער בת־חוה. אָבער קיין איינע מאַכט זיך גאָרניט פון אים קיין שום צימעס און וואַרפט אים אַפילו ניט צו

קיין בליק. ווערט ער שוין ביי זיך פֿאַרצווייפֿלט און מיט אַ געפּאַלענעם געפיל זעצט ער זיך אַוועק אויף אַ באַנק, וואו אַלץ אַרום איז אים שוין געוועזן נמאס ומאוס . . .

אָבער, מיט אַמאָל דערזעט ער שפּאַנען איינער, מיט געלאָקטע האָר, מיט רויטע באַקן, פּערלדיקע ציין, מיט בלישטשענדיקע אויגן און היפּשע אַרויסגעבוילטע בריסט. דערצו האָט זי נאָך אַן איידעלע טאַליע, מיט דינע, געטאָקטע פּיס, אויף וועלכע זי טראָגט שיכעלעך, ווי לאַטקעס מיט הויכע, שמאָלינקע קנאַפּעלעך. די אויגן ווערן אים אַזש ברייטער ווי לענגער און עס ציט זיך אים ממש אַרויס דאָס חיות . . .

אָבער דאָ געשעט אַ נס: זי שפּאַנט גלייך אַנטקעגן אים, ביז זי קומט צו גאָר נאָענט און נעמט אים ווינקען מיט די אויגן . . .

מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ פֿאַנגט ער אָן צו שטעלן פּיס נאָך איר, און זי פֿאַרפֿירט אים טאַקע אין אַ חדר מיוחד . . . אָבער שוין אינעווייניק, באַמערקט ער, ווי זי נעמט אַראָפּ פֿונעם קאָפּ די געלאָקטע האָר, און בלייבט שטיין מיט צוויי צעקראַכענע צעפּלעך, באַקומט אַרויס פֿונעם מויל די פּערלדיקע ציין, און עס שטעקן אַרויס פֿון דאָרט ניט מער ווי אַ פּאָר פֿניאַקעס. באַלד ווערט פֿאַרשוואונדן פֿון אירע באַקן די רויטע פֿאַרב, און זיי זיינען געריינצלט, ווי צוויי אַלטע שטערנס. און דאָ ציט זי אַראָפּ פֿון זיך דאָס קלייד, פֿאַלן אַראָפּ פֿון איר די בריסטן און זי בלייבט שטיין אויף צוויי דאַרע, געלע, הינערשע פּיס. און — אוי־ווי, ער דערזעט אַ שוואַרץ־יאָר! . . .

מילא, וואָס ער'ט געטאָן — צי ער האָט געלייענט קריאת־שמע, צי ער'ט געזאָגט שמונה־עשרה — האָט ער שוין געטאָן. נאָר דערנאָך, ווען עס האָט זיך אים דערמאָנט — איז אים איבערגעגאַנגען אַ סקרוך, אַ שוידער! . . . — לאָזט זיך ניט פֿאַרפֿירן . . .

דער מלמד געפֿינט אַ טייסטער

פֿאַראַן צו באַשרייבן, וואָס לצים האָבן אָפּגעטאָן צו בני־אָדם, ווי אַזוי זיי האָבן אַריינגעשטעקט צינערנע פֿינגערלעך, פֿאַר גאָלדענע; גלעזערנע פּאַטשערקעס, פֿאַר פּערל. איבערהויפּט פֿלעגן זיי ניט לאָזן צורו מלמדים...

גייט זיך אַזוי איינמאָל, שוין שפּעט פֿרייטיק פֿאַרנאַכט, פֿונעם מרחץ אַ מלמד. זעט ער, עס ליגט אַ טייסטער . . . בויגט ער זיך אָן, הויבט אויף דעם טייסטער — ער איז אָנגעשטאָפּט! ער קען אים אָבער ניט עפֿענען. ווינטער — ער איז פֿאַרפֿרוירן. טראָגט ער אים אַהיים, וואו עס שווינדלט אים אַזש אין קאָפּ.

אָבער אין דער היים איז שוין געווען שבת, טאָר ער אים ניט אויפֿרייסן.

לייגט ער אים אונטער די שמאַטעס אויפן פּעקעליק, איבערן אויוון, וואו עס זיינען געלעגן די פלעשער מיט וואַסער, צו זיין וואַרעם פאַר טיי.

אַ גאַנצן שבת, איידער ער זאָל האָבן אַ שטיקל מנוחה און געניסן פון עונג שבת, האָט ער אַפילו ניט געוואוסט וואָס ער׳ט געדאַוונט. דעם „כל מקדש״, פרייטיק צונאַכטס צו די לאָקשן, דעם „ברוך ד׳ יום, יום״ — שבת צום קוגל, די זמירות צו שלש סעודות, האָט ער מער געפּאַנפּעט ווי געזונגען. קוים דערצויגן די הבדלה, האָט ער אָנגערוקט פולע קעשענעס, אַ פולן בעזים מיט גליק, מיט הצלחה פאַר דער וואָך. אויסגעווישט די אויגן מיטן „מצוות ד׳ ברא מאירת עינים״, נעמט ער אַראָפּ דעם טייסטער און פאַמעלעך עפנט ער אים פאַנאַנדער.

און וואָס, מיינט איר, איז אין אים געווען? און ווער האָט עס אים פון זיינעטוועגן אָוועקגעלייגט?

גאָר אָפּט פלעגן זיי די מלמדים אָפּנאַרן. ווען זיי זיינען געגאַנגען פון שול אַהיים, פלעגן זיי פלוצלונג דערזען פון ווייטן אויפן סמעטניק אַ שטיקל גאָלד, זיינען זיי אַראָפּ פונעם וועג און מיט קלאַפּנדיקע הערצער צוגעקומען צו דעם און געקוקט דערויף . . . וואָס איז עס געווען? נישט מער ווי אַ שטיקל גלאָז, אַ שערבל. ווער, מיינט איר, פלעגט עס די שטיקלעך גלאָז מיט די שערבלעך פאַר זיי אויפן סמעטניק אַוועקלייגן?

זיי האָבן זיך געפּליאַסקעט און געקראַצט — והילד איננו . . .

צו די בני־אָדם, ווען זיי האָבן זיך געטראָגן פונעם מזרח, האָבן די לצים אָפּגעטאָן שפּיצלעך.

עס האָבן געשטעלט פּיס פון דאָרטן גאַנצע גרופּעס, משפחות, שבטים. אייניקע האָבן געהאַט אַ בעסער מזל; איז דער וועג פאַר זיי ניט געווען אַזוי שלעכט, ווי אויך האָבן זיי זיך באַלד דערשלאָגן צו אַ מקום מיט חיונה, וואו זיי זאָלן זיך קענען באַשטאַטן פונדאַסניי. אַנדערע, ווידער, האָבן געשפּאַנט און געשפּאַנט איבער זאַמד און איבער שטיינער, איבער פּוסטע וויסטענישן, אָן וואַסער, אָן עפּעס וואָס מען זאָל קענען דערלאַנגען דעם מויל, נאָר מיט אַ סך חיות רעות, שלאַנגען און עקדישן, האָבן זיי זיך דערשלאָגן צו אַן אָרט מיט אַ גרעזל מיט אַ ביימל, מיט פּירות, — זיינען שוין דאָרט געזעסן אַנדערע בני־אָדם, וועלכע האָבן זיי ניט געוואָלט דערקענען — ניט אַריינלאָזן, נאָר מיט קאַטשערעס, לאָפּעטעס, גראַב־אייזנס, העק, מעסערס, שווערדן און שפּיזן זיינען זיי אַרויס זיי אַנטקעגן.

ויהי היום — און אַזאַ מחנה איז שוין געווען אויסגעמאַטערט ביזן לעצטן און האָט זיך שוין געפילט זייער פאַרצווייפלט. מיט אַמאָל — איי, איי! עס טרעט אויף פאַר זיי איינער, וועלכער קוקט אויס אַ גאַנץ פיינער

פאַרשוין, מיט אַ שפּיציק בערדל, און מיט זיס־קלינגענדיקע רייד דערציילט ער זיי אַ מעשה פון אַ געגנט, וואו עס וואַקסן ניט בלויז באָקסערן מיט פייגן, נאָר פאַרטיקע זעמל, פּאָפּאַלקעס, מילינצעס, לאַטקעס, קרעפּלעך און וואַרע־ניקעס . . . און אַז ער ווייסט דעם וועג אַהינצו און אַז זיי זאָלן אים נאָר נאָכקומען.

נו, זיינען זיי אים נאָכגעגאַנגען. מילא, אויף וואָס פאַר אַ וועג ער האָט זיי שוין געפירט ? זיי האָבן זיך אויסגעלונקען די פיס, ניט איינמאָל גע־בראָכן דעם האַלדז און נאַקן, זיינען בייגעשטאַנען אַזעלכע סכנות, פון וועלכע זיי זיינען אַרויס „בשן ועין״.

אום זיי זאָלן אים ווייטער נאָכפאָלגן, פלעגט ער זיי ביי יעדער צרה טרייסטן מיט די גליקן, וואָס זיי וועלן טרעפן אין יענעם געגנט. אָבער צום סוף האָט ער זיי געבראַכט אויף אַן אָרט, און איידער זיי האָבן זיך צייט געהאַט אַרומצוקוקן וואו זיי געפינען זיך, זיינען זיי באַפאַלן געוואָרן פון גרויסע מחנות פליגן — פון מחנות מיליאָנען, מיליאַסן פליגן.

האָבן זיי גענומען אַרבעטן מיט די הענט זיי אָפּצוטרייבן. זיי האָבן זיך געפּאַטשט אויפן קאַרק, געפליאַסקעט אין די באַקן, זיך געשנעלט אין דער נאָז, דערלאַנגגט אין שטערן, זיך צעקלאַפּט ווי ווייניקע עפּל . . . שפּעטער ווערן זיי אַרומגערינגלט מיט גאַנצע וואָלקנס מוקן־קאָמאַרעס, וועלכע האָבן זיך מיט אַ דינעם זשומען צוגעשטעלט צו זייערע לייבער און זיי געביסן, אַז זיי האָבן זיך גענומען קראַצן ביזן בלוט אַריין. אַ סך האָט פון די קאָמאַרעס גענומען וואַרפן „הייזער הויך״. אַן אַנדערש מאָל איז זיי באַפאַלן אַ מבול פון היישעריקן. זיי האָבן געוואָלט לויפן, שרייען צו דעם, וואָס האָט זיי אַהינצו פאַרפירט, האָבן זיי אָבער דאַן דערהערט אַ פליעסקען מיט אַ געלעכטער — והילד איננו! . . . וואָס מיינט צו זאָגן: זיי האָבן שוין געקענט רעדן צום קוימען . . .

צווייטער טייל*
אמרפל און די שנער...

יחי המלך, המשיח!

אָבער נאָך ערגער איז געשען צו אַלע בני־אָדם פון דעם, וואָס די קינס זיינען זיי אומעטום נאָכגעקומען: סאַי אויף די וועגן און מקומות, צו וועלכע שבטים האָבן זיך שוין דערשלאָגן, ווי מיר זאָלן זאָגן: אין פדן ארם... וואו־ניט־וואו, אין ארם נהרים, סדום ועמורה, אדמה וצביים, אין מצרים, אין ירושלים, וואו זיי האָבן זיך ניט באַשטאַט, זיינען זיי דאָ און טוען זיך זייער מלאכה פון הרגענען בני־אָדם, הענגען, ברענען און בראָטן זיי; רייסן און צופן פון זיי לעבעדיקע שטיקער; לייגן זיי אָן אַ פּאַק און ציילן זיי אַריין מלקות, קוועטשן זיי צונויף די גאָרגלען, אַז זיי לעקן די אונטערשטע זייט פונעם ב׳ס פּאָדלאָגע.

די קינס זיינען געווען פּיפּיקע חברה־לייט: קומען זיי נאָך צו גיין איטלעכער צו די בני־אָדם אויף יעדן אָרט און דערציילן זיי אַ מעשה, אַז זיי דאַרפן נאָך קושן די ריטער, מיט וועלכע מען שמייסט זיי, און זיך בוקן צו זייערע פיס, מיט וועלכע זיי טראַמפּלען זיי. באשר, וואָס איז? עס געפינען זיך שוין אין אַנדערע מקומות קינס, קען זיך דאָך איינעם פון זיי פאַרגלוסטן קומען מיט זיי זיך אָפּרעכענען... אויב יאָ, וועט ער זיך אַרויסשטעלן זיי פאַרטיידיקן. בכן זאָלן זיי אים ניט באַטראַכטן ווי זייער באַצווינגער, נאָר ווי זייער רעטער און אויסלייזער. איניקע האָבן געזאָגט בפועל ממש — זייערע געטער!...

זיי פלעגן זיך אָנטאָן בגדים פון אויסטערלישע פאַסאָנען: מיט לאַנגע און קורצע פּאָלעס; מיט אנצוגן, באַצירטע מיט גאָלד און זילבער, מיט פאַרשיידענע מעטאַלענע קנעפּ, מיט קוטאַסן און פראַנדזן. זיי האָבן זיך אַרויפגעשטעלט אויפן קאָפּ הוטן מיט שפּיצן, מיט פיגורס פון שפּאַרבערס, אָדער באַשטעקט ניט בלויז מיט פעדערן — מיט גאַנצע פלעדערוויש,

---

* די געשיכטעס זיינען אויסגעטראַכטע, זייט־זשע אַזוי גוט און זוכט ניט אין זיי קיין אמת׳ן.

באַהאַנגען מיט ווײדלען פון ווילדע חיות. זײ האָבן זיך אַרומגעבונדן דעם בויך מיט אַ ברײטן פּאַסיק, מיט אַ לאַנגן מעסער בײ דער זײט און פלעגן פּאַראַדירן פאַר זײ מיט אַ סאָרט פּאָמפּ, מיט אַ מין גדלות, ווי זײ זאָלן האָבן געווען זײן נאָך גרעסער פון געטער.

אַ סך פון זײ זײנען ניט געווען קײן שיפּע זיבעלעך. אום עס זאָל אַלע איבעריקע זײן אַ למען ידעו, פלעגן זײ באַווײזן גבורות: אײנער, למשל, האָט גענומען אַ לײב און אים צעריסן פאַר אַלעמענס אויגן. אָדער, ער האָט אויפגעהויבן אַ העלפאַנט אויף אײן פינגער. אויב זײ האָבן עס ניט געקענט באַווײזן, האָבן זײ געלאָזט פאַרשפּרײטן וועגן זיך אַזעלכע געשיכטעס. אײנער האָט געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט, האָבן זיך אַלע איבעריקע איבער־געקערט . . . און אַלע בני־אָדם זײנען געפאַלן פאַר זײ אויף די קני, מיט אויסגעשטרעקטע הענט געשריגן: „יחי המלך, המשיח!" . . .

פיר פעלקער און זײערע קײסאָרים

אָט, למשל, וואָס אַזוינע פיר חברה־לײט האָבן אויפגעטאָן פאַר פיר סאָרטן בני־אָדם, זײ זאָלן זיך צו זײ אָפּגעבן. די פיר חברה־לײט זײנען געווען: אמרפל, דער קעניג פון שנער; אריוך, פון די אלסר; כדרלמר, פון די עילם, און תדעל, פון די גוים . . . אַזוי ווערן זײ דערמאָנט אין חומש בראשית, אין דעם בוך, וואו עס איז פאַרצײכנט געוואָרן די געשיכטע פון די בני־אָדם.

אָבער פאַר באַקוועמלעכקײט וועגן, וועלן מיר זײ אויף אונדזער טײערן און ליבהאַרציקן אידיש אָנרופן: אַמאַראַפּקע, אַרקע, קידאַרלקע און סידאַלקע . . .

צום ערשטן וועלן מיר, פאַרשטײט זיך, אָנפאַנגען מיט אַמאַראָפּקען און דערצײלן וואָס פאַר אַ גבורות ער'ט באַוויזן פאַר די שנער, זײ זאָלן זיך אים אָפּגעבן. עס וואָלט באַדאַרפט שטײן אין חומש, וואו זײ ווערן דער־מאָנט, שנאָרער, ניט שנער — עס איז אַ טעות, אָמאַר רעבע לויוויע....

פריער — ווער און וואָס פאַר אַ מין בני־אָדם זײנען געווען די שנאָרער?

ווי באַוואוסט, זײנען ניט אַלע בני־אָדם אַרויסגעקומען מיטן אײגענעם כאַראַקטער, מיט אַלצאײנע געוואוינהײטן.

האָט זיך אויסגעגעבן אַ גרופּע משפחות, שבטים, מיט אַ טבע צו שנאָרן... זײ זײנען געווען אַזוי דורכגעדרונגען מיטן שנאָרערײ, אַז זײ האָבן זיך אָן דעם ניט געקענט באַגײן. קײן שום זאַך, וואָס זײ האָבן באַדאַרפט — סײ יעדער פאַר זיך, סײ פאַר זײער כלל — האָבן זײ ניט אויסגעפירט אָן שנאָרערײ.

מיר'ן נעמען צוערשט אַזוינע זאַכן, וואָס זײ האָבן באַדאַרפט האָבן

פאַרן כלל, ווי, למשל: אַ מרחץ, להבדיל, אַ שול, אַ בית־המדרש, אַ תלמוד־תורה, אַ ישיבה, אַ ביקור־חולים, אַ בית־הקברות, — איז ווען זיי האָבן זיי געוואָלט מאַכן, פלעגן זיי זיך אין מחנות אַרוסילאָזן איבער די גאַסן, צו די טירן און בעטלען ביי יעדן, ער זאָל שענקען דערפאַר אַ נדבה.

ווידער פאַר די זאַכן, וואָס יעדער האָט געמוזט האָבן פאַר זיך, האָבן ביי זיי געשנאָרעט אַפילו אַזוינע לייט, ווי מלמדים, שמשים, חזנים, דיינים, רבנים, סתם תלמידי־חכמים, מגידים, גוטע אידן, מוזיקאַנטן, אַלערליי משוררים, אַפילו מחברים. אָט־די אַלע פלעגן נאָר שנאָרן פאַר אַ טייל פון זייערע באַדערפעענישן; פאַר די רעשט האָבן זיי עפּעס געמאַכט פון זייערע באַרופן.

פייגל...

ווי, למשל, אַ חזן האָט באַדאַרפט האָבן פאַר זיינע באַדערפעענישן אַ גאַנצן פויגל. פאַר זיין דאַוונען פאַרן עמוד האָט ער נאָר געקראָגן אַ האַלבן. ער האָט דאָך אָבער פאַרט געמוזט האָבן אַ גאַנצן? וואָס־זשע האָט ער געטאָן? ער איז נאָכן דאַוונען צוגעגאַנגען צו איינעם, וועלכער האָט פאַרמאָגט גאַנצע שטייגן מיט פייגל, און האָט אים אָפּגעגעבן אַ ברייט (גוט־שבת, אַ שיינעם גוט־יום1טוב, און יענער האָט אים שוין דערפאַר אַריינגערוקט אין דער האַנט אַריין אַ „חצי פויגל". נו, האָט ער שוין געהאַט אַ גאַנצן, אָדער ער האָט געמאַכט אַזאַ איינעם אַ ברייטן מי־שברך ...

איבערהויפּט פלעגן ביי זיי דאַרפן שנאָרן מלמדים. פאַר זייער שכר־לימוד פלעגן זיי אַריינקריגן נאָר עטלעכע פעדערן, וועלכע האָבן זיי געקלעקט פאַר וואַסער אויף קאַשע אין דערוואַכן. אויף שבת האָט זיי שוין גערעדט דער קאָפּ: מאַנטיק, דינסטיק, מיטוואָך. אָבער אַז עס איז געקומען דאָנער־שטיק, ווען יעדער פון זיי האָט זיך שוין געקלערט: מילא, ער וועט זיך באַגיין אָן פיש; דעם קוגל קען מען מאַכן פון קאַרטאָפּליעס; ער מוז ניט זיין דווקא א לאָקשענער. און ער איז שוין ביי זיך מושווה געוואָרן צו באַגיין זיך אַפילו אָן יין לקידוש, אָבער חלה — מוז מען דאָך האָבן? און דאָ, אַז ביי אים געפינט זיך ניט קיין „חצי־פויגל", אַפילו אויך ניט קיין פלעדערוויש, פונוואַנען צו מאַכן עפּעס אויף שבת, האָט ער שוין קיין אַנדער ברירה ניט געהאַלט, ווי אַרויסצושיקן די מלמדקע צונויפצובעטלען עטלעכע פעדערן, כאָטש אויף מעל פאַר דער חלה.

דאַרנדיק זיך כסדר דעם קאָפּ: וואו נעמט מען כאָטש אַ „האַלבן פויגל"?, פלעגט זיך ניט איינעם פון זיי אויסווייזן אַ פויגל אין דער לופטן. אָבער ווען עס זאָל אַפילו געווען זיין אמת, האָט אַזוינער אים ניט געקענט כאַפּן. מיט וואָס, מיטן טייטל?

אָבער חוץ די אַלע אויסגערעכנטע חזנים, מלמדים א. אַז. וו., האָבן זיך בײַ זײַ געפונען גאַנצע צאָלן, װעלכע האָבן ניט געהאַט קײן שום באַרוף. זײַ זײַנען אינגאַנצן געווען אויסגעשטעלט מיט זײער חיונה צו שנאָרערײַ. זײַ פלעגן באַרוועסע, אָפּגעריסענע שפּאַנען פון טיר צו טיר, אויסצובעטלען אַ פּאָר פּעדערן. טאָמער האָט זיך אַמאָל געטראָפן, צו אײנעם איז פּלוצלונג אַרײַנגעפלויגן אַ „גאַנצער פויגל״, האָט ער ניט געהאַט קײן שטײגל און ניט געוואוסט װי אַזוי אים אײַנצוהאַלטן. איז אײדער ער האָט זיך אַ דרײ געטאָן, איז ער אַרויסגעפלויגן און אַנדערע האָבן אים אויפגעכאַפּט . . . דערפאַר האָבן זיך בײַ די שנאָרער געפונען אַזױנע, װאָס האָבן פאַרמאָגט גאַנצע שטײגן. זײ פלעגן װיסן װי אַזוי אָנצושטעלן כאַפּ־שטײגעלעך און זײ אַרײַנבאַקומען אײנס נאָכן אַנדערן, אײנעם נאָכן צװײטן . . . בײַ זײ זײַנען געווען אַזױנע, װעלכע האָבן זיך ספּעציאַליזירט װי אַזוי צו כאַפּן פײגל אין דער לופטן. זײ פלעגן אַרומגײן איבער די גאַסן מיט פאַרריסענע קעפּ, און טאָמער האָט זיך זײ אויסגעדאַכט, אַז אין דער הויך פליט אַ פויגל, זײַנען זײ געשפּרונגען אין דער לופטן . . .

װײַטער האָבן זיך בײַ זײ געפונען אַזױנע חברה־לײַט, מיט ניט קײן קורצינקע הענט, מיט לאַנגע, שמאָלע פינגער, מיט װעלכע זײ האָבן געקענט שטילינקערהײט אַרויסציען אַ פויגל פון יענעמס קעשענע . . .

געװײנטלעך, פלעגן די פויגל־כאַפּער האָבן בײַ זיך אײנעם, אָדער אַ פּאָר פײגל. װאָרים די פײגל האָבן אַ טבע צו פליען אײנער צום אַנדערן, און האָבנדיק בײַ זיך פײגל, איז זײ גרינגער געווען צו כאַפּן אַנדערע. פלעגן די ערשטע, מיט די לאַנגע פינגער, צוגײן צו אַזױנע און זײ דערצײלן אַ מעשה, װאו עס פליען דאָרטן פײגל אין דער לופטן . . . און אַבי די האָבן שוין געהאַלטן פאַרריסן די קעפּ, פלעגן זײ פאַמעלעך אַרײַנשטופּן די האַנט מיט די לאַנגע פינגער צו אַזױנעם אין קעשענע און אַרויסציען בײַ אים די פויגל... און אײדער ער האָט עפּעס דערפילט — הילד איננו!...

אַפילו די מיט גאַנצע שטײגן האָבן ליב געהאַט צו שנאָרן. אויב זײ האָבן עס ניט באַדאַרפט פאַר זיך, האָבן זײ עס געטאָן פאַר אַנדערע. איבער־הויפּט פלעגן זײ שנאָרן פאַר די כלל־באַדערפעניש. בײַ אַן אסיפה פון די שנאָרער פאַר עפּעס אַ כלל־זאַך, פלעגן זײ זיך אַװעקשטעלן און האַלטן אַ שנאָרערשע דרשה. דערבײַ האָבן זײ אַרויסגעװיזן טאַלאַנט, אַ גרעסערן פון אמתדיקע שנאָרער. זײ פלעגן מאַכן אַזױנע רחמנות־פּנימער, אַרויס־ברענגען אַזױנע נעבעכדיקע טענער, אַפילו באַגיסן זיך מיט טרערן, אַז ניט זײ אַלײן, נאָר די איבעריקע זאָלן דערלאַנגען דערפאַר די פּאָר פײגל.

טאָמער האָבן אייניקע פון די בייוועזנדע געהאַט ביי זיך אַ פּאָר פייגל אויפן אָרט, האָבן מאַנכע אויפטרעטער אַזוי געפּישטשעט, אַז די פייגל זיינען ממש געקומען צו אים אַליין צו פליען . . . אויב אַזעלכע האָט זיך איינגעגעבן צונויפבבעטלען אַ היפּשע צאָל, פלעגן זיי נאכהער פאַר אַלעמען זייער שטאָל־צירן מיטן פיינעם שטיקל שנאָרערשע מלאכה, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן . . .

וואָס שנאָרער זיינען

מען האָט דערציילט ביי זיי אַ געשיכטע :

איינמאָל איז ביי זיי אין אַ משפחה אויסגעוואָקסן אַ שיין מיידל ; איז זי געפעלן געוואָרן איינעם, שוין ניט קיין יונגערמאַן, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ סך שטייגן, און ער האָט מיט איר חתונה געהאַט. דאָס איז אַפילו ניט געווען קיין נייעס. עס האָט ביי זיי אָפט פּאַסירט, אַז פייגל־פאַרמעגלעכע בני־אָדם, אַפילו באַיאָרטע, ביי וועמען עס זיינען אָוועקגעקומען די ערשטע ווייבער, זיינען זיי געגאַנגען און האָבן חתונה געהאַט מיט גאָר יונגע פרויען. מאַנכע, כאָטש זיי זיינען שוין געווען איינגעבויגן, אָן ציין, אָן האָר, כסדר מיט ברילן. ביי אַ סך זיינען שוין געהאַט אַרויסגעוואַקסן בינטלעך האָר פון דער נאָז, פון די אויערן, און האָבן שוין ניט געקענט מאַכן אַ שפּאַן, זיינען זיי נאָך פונדעסטוועגן געגאַנגען און חתונה געהאַט דווקא מיט יונגינקע מיידלעך.

זיי זיינען די מיידלעך, פאַרשטייט זיך, גאָרניט געפעלן געווען, נאָר די מיידלעך האָבן זיך לאַקאָמעט אויף זייערע שטייגן מיט די פייגל.

דערנאָך האָבן די אַלטינקע בני־אָדם זיי גראָד אַרויסגעוויזן גרויס ליבשאַפט. זיי פלעגן זיך כסדר האַלדזן און קושן. אָבער זיי זיינען שוין דאָך פאַרט געווען אַלט, און אייניקע האָבן שוין אַפילו גאָרניט געקענט שטיין „שמונה־עשרה". ביים דאַוונען גיין „הגבה וגלילה", אַוודאי ניט. האָבן די יונגינקע ווייבלעך זיי ניט געקענט פאַרטראָגן. דערביי נאָך אַ זאַך : זייערע פייגל פאַר די יונגינקע ווייבעלעך האָבן זיי ניט געהאַט קיין חשק אַרויס־צולאָזן. און עס פלעגט די יונגינקע פרויען פון זיי ממש עקלען. דער סוף איז געווען, אַז די אַלטע פלעגן זיי מיט זייער גרויס ליבשאַפט און צערטלעכ־קייט קראַנק מאַכן און פיל פון זיי נעבעך טרייבן צו משוגעת.

אָבער צי דער פייגל־באַזיצער איז יאָ אָדער ניט געווען אַזאַ מין אַלטינקער בן־אָדם — האָט ער זיך באַצויגן צו איר אויסערגעוויינלעך גוט. ער האָט איר תמיד געהאַלדזט און געקושט, געלאַשטשעט און געגלעט. ער האָט איר געקויפט די שענסטע קליידער, מתנות, טייערע צירונג : פינגער־לעך, אויערינגלעך, בראַסלעטן, באַזעצטע מיט איידלשטיינער, שנירלעך פערל ; געהאַלטן פאַר איר אַ דינסט, אַ משרת, וועלכע האָבן איר דערלאַנגט

פון „פייגל־מילך". נו, האָט זי זיך נאָך דער חתונה פּאַפּראַווועט און האָט אויסגעקוקט נאָך שענער, נאָך חנעוודיקער. און ער איז שוין געווען פאַר־ליבט אין איר אבער די אויערן; גערן געווען צו זיין אין שטוב און פאַר־ברענגען מיט איר. ביים טיש האָט זי באַדאַרפט זיצן באַגלייך מיט אים און ער האָט זיך געהאַלטן אין איר אין איין שפּיגלען. זי, ווידער, איז גראָד אויך תמיד געזעסן מיט אים ביים טיש, און זיך אַלע מאָל געצייגט צו אים צוגעלאָזן, נאָר געגעסן מיט אים האָט זי ניט.

ווען ער האָט געפרעגט: פאַרוואָס זי עסט ניט, האָט זי אים יעדעס מאָל געגעבן אַן אַנדערן תירוץ: אַז עס טוט איר ווי דער קאָפּ, אַז זי איז ניט הונגעריק. אָבער, אַז זי האָט קיינמאָל ניט גענומען עפּעס אין מויל אַריין — ניט ביים אָנבייסן, ניט ביים וואַרעמעס, ניט ביי דער וועטשערע — איז אים די זאַך געוואָרן קשהדיק. האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט אויסצושפּירן און זען, ווען זי עסט.

ויהי היום, ווען ער האָט אָפּגעגעסן וואַרעמעס, גייט ער און לייגט זיך צו אויף דער קאַנאַפּע; ער האָט אָבער מיט איין אויג געדרימלט און מיטן אַנדערן געקרימלט . . . נאָר זי האָט זיך נאָך אַלץ געדרייט אין שטוב, געזעסן און גאָרניט . . .

הכלל, ער הויבט אָן שנאָרכן: ער גיט איין שנאָרכע און נאָך אַ שנאָרכע, ביז ער דערזעט, ווי זי נעמט די בענקלעך, שטעלט זיי אויס אין אַ ריי, לייגט אַוועק אויף יעדן בענקל אַן אַנדער מאכל, פאַנגט אָן גיין פון איין בענקל צום אַנדערן און ווענדט זיך צו יעדן מיט אַ געבעט:

— בענקעלע, בענקעלע, גיב מיר אַ שטיקעלע ברויט! — און נעמט זיך אַ שטיקעלע ברויט. דערנאָך:

— בענקעלע, בענקעלע, גיב מיר אַ שטיקעלע פיש! — און נעמט זיך אַ שטיקעלע פיש. אַזוי מיטן פליישׁ, מיט די פאַסאָליעס, מיט די קאַרטאָפּליעס, מיטן צימעס, מיטן קאָמפּאָט . . .

די געשיכטע באַווייזט, וואָס שנאָרערס זיינען. אַז ווען זיי ווערן שוין אָפּילו פאַרמעגלעך און עס פּאַסט זיי שוין ניט גיין שנאָרן ביי יענעם, בעטלען זיי ביי זיך אַליין . . .

אַ תקיעה־גדולה — „והילד איננו" . . .

אָבער אַזוי זיינען די שנאָרערס געווען פרייע בני־אָדם. קיין שום קין האָט איבער זיי ניט געקענט „שאַלטן און וואַלטן", און פראַווען איבער זיי זיינע קינשע שטיק. טאָמער האָט זיך איינער באַוויזן, איז איידער ער האָט זיך אויסגעדרייט, זיינען זיי אַלע, מחנותווייז און באַזונדער, געקומען בעטלען ביי אים טובות . . . חוץ פאַר זייערע כלל־זאַכן, האָבן זיי אים יעדער געבעטן,

ער זאָל זיי טאָן אַזוינע טובות, וועלכע זאָלן אַרויסקומען רעות פאַר אַנדערע. געקומען זיינען צו אים מלמדים, חזנים, שוחטים, קצבים, שדכנים, מוהלים, אַפילו מחברים.

די מלמדים, למשל, האָבן אים געבעטן, ער זאָל זען, אַז די שנאָרער זאָלן שיקן זייערע קינדער אין חדר, און אַז זיי זאָלן באַצאָלן שכר־לימוד. און דערנאָך זאָלן זיי ניט דאַרפן גיין פאַרהערן די תלמידים פאַר זייערע טאַטעס. שוחטים — ער זאָל מדקדק זיין, אַז מען זאָל עסן כשר פלייש און, למען השם, ניט קיין שחיטת חוץ. קצבים — מען זאָל ניט מאַכן טרייף די אָקסן בעת'ן שעכטן; אַז קרעפּלעך, וואַרעניקעס, אַפילו בלינצעס, זאָל מען מאַכן פליישיקע; פוטער זאָל מען אויסשלאָגן פון חלב; סמעטענע — פון טיקעווע שמאַלץ, און נאָך און נאָך. אויסרעכענען אַלעמענס פאַרלאַנגען? ווייַ, ווייַ, ווער וואָלט עס געקענט? אָבער נאָכדעם ווי מחברים האָבן זיך אָנגעבויגן פאַר איינעם אַזעלכן, ער זאָל עפּעס טאָן פאַר זיי; געוואָלט האָבן זיי פון אים דאָס, וואָס זיי ווילן היינט־צו־טאָג פון די שאַלטער און וואַלטער פון די בני־אָדם, אַז זיי זאָלן זען מען זאָל לייענען זייערע ווערק און מען זאָל זיי געבן פאַר זייער טרחה, לאָמיר זאָגן: אויב ניט קיין גאַנצן פויגל, איז כאָטש עפּעס פעדערן? דערביי האָבן אים אַ פּאָר פון זיי דערלאַנגט זייערע כתב־ידן, אַז ער, דער קין, זאָל זיי איבערקוקן און אויסגעפינען ווי גוט און ווי שיין זיי זיינען; האָט ער דערזען אין דער ריי פון די, וואָס זייַנען געקומען צו אים בעטן טובות, איינעם מיט איינגעבויגענע פּלייצעס, מיט אַן אָנגעבלאָזן פּנים, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, וועלכער האָט גע־האַלטן אַ שופר. געווען איז ער אַ בעל־תוקע. מיט אַ געבראָכן געמיט האָט ער אים פריער איבערגעגעבן וועגן זיין טרויעריקער לאַגע; ווי אַזוי ער מיט זיין הויזגעזינד מוטשען זיך; אַז ער'ט שוין מער קיין כוח ניט אַפילו צו שלעפּן די פיס. דערביי דערציילט ער אים, אַז דאָס לעצטע מאָל, ווען ער האָט געדאַרפט בלאָזן שופר, האָט זיך אינעווייניק אַריינגעלייגט דער שטן — האָט ער זיך שיעור ניט אַרויסגעקוועטשט די אויגן און בשום אופן האָט ניט געוואָלט אַרויסקומען פונעם שופר קיין תקיעה. בעט ער אים אַזוי, צי קען ער עפּעס ניט טאָן פאַר אים?

דאָ האָט יענער אַ כאַפּ געטאָן ביי דעם אַלטן דעם שופר און האָט אויסגעבלאָזן אַ תקיעה־גדולה — „והילד איננו!" . . .

ווען שנאָרערס זיינען געוואָרן לייבן און בערן

און אַזוי זיינען דערווייל יעדעס מאָל די שנאָרערס ווייטער געבליבן אָן אַ קין, וועלכער זאָל איבער זיי שאַלטן און וואַלטן.

ביז עס האָט זיך באַוויזן פאַר זיי דער אַמאָרפקע!

און אום אַריינצוקריגן די שנאָרערס אין „קוטשימענט", האָט ער געטאָן אַט־וואָס: ער האָט צונויפגעזאַמלט אַלע לעמפּערטן און האָט פאַר די אויגן פון די שנאָרערס אָפּגעריסן פון זיי די גריוועס. ביז דאַן האָבן אַלע לעמפערטן געהאַט גריוועס, אַזוי ווי די לייבן. נאָר פון דעמאָלט אָן, איז שוין יעדער לעמפּערט אָן אַ גריווע. דערנאָך האָט ער צוזאַמענגעטריבן אַלע בערן און פאַר זייערע אַלעמענס אויגן זיי אָפּגעשניטן די ווידלען. ביז דאַן האָבן אַלע בערן געהאַט ווידלען. נאָר פון יענעם מאָל אָן — וואו אַ בער, איז ער אָן אַ ווידל. דאַן האָט ער געכאַפּט אַ שנאָרער, אים אַרויפגעשטעלט אַ גריווע און צוגעטשעפּעט אַ ווידל; געפּאַקט אַ שנאָרער, אים אַרויפגעטאָן אַ גריווע און צוגעזעצט אַ ווידל; איינעם נאָכן אַנדערן, איינעם נאָכן צווייטן.

דאָ זיינען ביי זיי אַלע אַרויסגעפאַלן די נשמות: וואָס וועלן זיי טאָן? וואָס וועלן זיי טאָן? זיי וועלן אַצינד אויסקוקן ווי לייבן און בערן. ווי אַזוי־זשע וועלן זיי שנאָרן? פאַר וועמען זיי וועלן זיך באַווייזן, וועט ער זיך גלייך אָפּטראָגן. קיין שאַרפע ציין, שפּיציקע נעגל, ווי אמתדיקע לייבן און בערן, אום צו באַפאַלן אַנדערע און אָפּרייסן ביי זיי עפּעס אַ שטיק, האָבן זיי ניט. וועלן זיי דאָך אַלע אויסגיין! ווער האָט עס עפּעס מיטלייד מיט איינעם, וואָס קוקט אויס ווי אַ לייב און ווי אַ בער? האָבן זיי אַלע אויפגעהויבן אַ יללה, אַ קלאָג, געפאַלן פאַר אים אויף די קני, געשריגן צו אים מיט אויס־געשטרעקטע הענט, מיט געוויין און געבעט:

— אמאַראָפּעלקע, אַמאַראָפּקעניו, מיר גיבן זיך דיר איבער!

זיי האָבן אים געזאָגט, אַז ער קען איבער זיי שאַלטן ווי נאָר ער וועט וועלן, אַבי ער זאָל זיי מער ניט מאַכן פאַר קיין בערן און פאַר קיין לייבן. ווייל זיי פאַרמאָגן ניט קיין ציין און קיין נעגל און זיי וועלן אַלע אונטערגיין...

צום ביסל שנאָרער, וועלכע ער האָט שוין געהאַט באַקליידט מיט גריוועס און ווידלען, איז טאַקע געוועזן אָך און ווי. זיי האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל פון לייבן און בערן, און אַז זיי האָבן זיך דערנעענטערט צו וועמען, איז ער איינמאָל אַליין אַנטלאָפן און האָט נאָך געשריגן צו אַנדערע, לאָזנדיק זיי ווייסן: בו, אַ לייב! בו, אַ בער! — האָבן זיך אַלע מיט שרעק אָפּגעטראָגן...

און אַזוי ווי זיי זיינען ניט געווען קיין לייבן און קיין בערן מיט ציין און נעגל, נאָר שנאָרער, האָבן זיי געפּעכגיעט אויפן פּיסק, און די וואָס האָבן געוואוסט דעם אמת, האָבן פון זיי חוזק געמאַכט און געהאַט צו זיי טענות, פאַרוואָס זאָלן זיי אויסקוקן ווי חיות־רעות? און ניט געוואָלט האָבן מיט זיין קיין מגע ומשא. זיי האָבן נעבעך אַרומגעבלאָנקעט אין גרויס דחקות, ווי טראַגיש־קאָמישע וועזנס: שנאָרערס, מיט גריוועס און מיט ווידלען פון לייבן און בערן? . . .

ד ר י ט ע ר ט י י ל *

ווי אַזוי אַריוך, אַרקע, האָט זיך דערביוועט צו זיין דער קין ביי די אלטר — אַלעסער, וואָלט באַדאַרפט צו שטיין אין חומש, וואו זיי ווערן דערמאָנט. עס איז אַ טעות, אָמאַר רעבע לויוויע.

דער חומש איז דער וואונדערלעכסטער בוך! איין וואָרט גיט איבער אַ גאַנצע סיטואַציע. געציילטע ווערטער—אַ גרויסן אַלמענטשלעכן אידעאַל; אַ וואונדערלעכע לעבנס-פילאָסאָפיע, וואָס אַנדערע ביכער האָבן עס ניט געקענט קלאָר אַרויסברענגען מיט טויזנטער ווערטער. נעמען פון מענטשן, פון ערטער, פון זאַכן, באַצייכענען מאָמענטן פון גרויסע, דראַמאַטישע פּאַסירונגען. ווי, למשל: גרשון, ישראל, אַפילו יעקב — יאָ, יעקב! וואָס מיינט אָט־דער נאָמען? —

„ותשלח יד" . . .

ער מיינט און ער באַטייט, אַז ווען יעקב אָבינו האָט געדאַרפט אַרויס פון דער מאַמע רבקהס בויך, איז דאָך זיין ברודער עשיו אויך געלעגן מיט אים. איז ער, דער לעצטער, זיך מיישב און נעמט זיך רוקן פאַראויס.

אַזוי ווי יעקב איז געווען דער עלטסטער, ווייל ער איז פאַרבונדן געוואָרן פריער, איז דאָך אים געקומען דער כבוד גיין צוערשט. האָט עס אים, פאַרשטייט זיך, פאַרדראָסן, און ער האָט אָנגעכאַפּט דעם ברודער, דעם שייגעץ, ביי אַ פוס, פאַר דער פּיאַטע. אָבער איידער ער זאָל אים קענען אָפּהאַלטן, האָט יענער אים מיטגעצויגן . . .

דער עלטערער, יעקב, איז דעמאָלט גאָרניט געווען קיין שיפע זיבעלע... איין קלייניקייט, אַלע אידן קומען דאָך אַרויס פון אים! איז כאָטש וואָס דער צווייטער איז געווען זייער אַ שטאַרקער, אַ רויטער, אַ האָריקער, אַזוי ווי אַ חיה, איז ווען ער האָט זיך שוין געפונען פון דער זייט, פון אויסנ־

---

* די געשיכטעס זיינען אויסגעטראַכטע, זייט־זשע אַזוי גוט און זוכט ניט אין זיי קיין אמת'ן.

וויניק, האָט דער ערשטער אַרויסגעשטעקט פון דאָרטן אַ האַנט און האָט דעם שקאָץ ניט אָפּגעלאָזט דעם פוס . . . ווען די בייוועזנדע האָבן עס דער־זען, האָבן זיי אים גערופן: יעקב. דאָס הייסט: אַזעלכער, וואָס האָט ביים געבוירן ווערן צוגעהאַלטן דעם ברודער ביי דער פּיאַטע . . .

איינציקע ווערטער אין חומש דערציילן וואונדערלעכע, אַפילו טשיקאַווע מעשיות. קורצינקע פסוקימלעך גיבן איבער גרויסע עטישע און עסטעטישע ווערטן! מען דאַרף מדקדק זיין אַפילו אויף יעדן אות און עס איז אומ־געהייער שווער צו פאַרנעמען אַלץ, וואָס אין אים איז פאַרשריבן. עס געפינען זיך אין אים אַ סך ווערטער, וועלכע מ׳ווייסט נאָך עד היום ניט וואָס זיי באַטייטן, אָדער וועמען זיי מיינען. אַפילו אַזאַ גרויסער קאָפּ, ווי רש״י, וועלכער האָט באַוויזן צו אַנטפּלעקן דעם פאַרבאָרגענעם אינהאַלט פון אַן אַ שיעור ווערטער און שטעלן אין אים, האָט אַ געגנוגנדע צאָל דורכגעלאָזן.

עס שטייט אין חומש בראשית, אין דער סדרה לך־לך, אַ פסוק: אריוך, מלך אלסר. אָבער ווער איז געווען דער אריוך, וואָס זיינען געווען די אלסר? אַ נעכטיקער טאָג! עס זיינען פאַראַן אין אים ענלעכע פסוקים: אַזוינע, ווי עוג מלך הבשן, בלק בן ציפור, מלך מואב, פרעה מלך מצרים. איז ניט ברענגען זיי פאַר נעמען, נאָר זיי דערציילן ווער און וואָס די פאַרשוינען, וועלכע זיי באַצייכענען, זיינען געווען.

ווי, למשל: עוג מלך הבשן, ווערט איבערגעגעבן אין אַ מדרש, איז געווען אַזאַ לאַנגער, אַז ווען משה רבנו האָט אים געדאַרפט אַוועקלייגן — וואָס איז? ער איז געקומען אויסהרגענען זיינע אידן, — איז ער אַליין, משה, אויך ניט געווען קיין קוציקל — צען איילן הויך; האָט ער גענומען אַ שווערד, די מאָס פון אים, און ער האָט געגעבן אַ שפּרונג־אונטער צען איילן, העכער פון זיך, האָט ער אים קוים דערלאַנגט מיטן שפּיץ פון דער שווערד צו די קנעכל. און ווען יענער האָט זיך אויסיגעצויגן, האָט ער געמוזט דערלאַנגען מיט די פיס קיין מצרים, מיטן קאָפּ קיין ירושלים . . . היינט, ביי בלק בן ציפור, מלך מואב, ווערט נאָך דערציילט אויספירלעכער, וואָס פאַר אַ מין חברה־מאַן ער איז געווען. ער איז געווען אַ פּאַשיסט, אַן אַנטיסעמיט; ער האָט געוואָלט אומברענגען די אידן.

די אידן, אַרויסגייענדיק פון מצרים, צושפּאַנענדיק צו זיין מדינה, האָבן זיי גאָרניט געוואָלט טאָן צו אים און צו זיינע מואבים. אָבער ער האָט נאָך צונויפגערופן די עלטסטע פון מדין און געהאַלטן פאַר זיי אַ היטלעריסטישע דרשה, אַז די אידן וועלן זיי פאַרצערן, אַזוי ווי דער אָקס דאָס גרינע גראָז פונעם פעלד. און וואָס ער האָט ניט דעראַרבעט מיט בלעמ׳ען, אַ מין גרויסער פילאָסאָף, אַפנים, פון יענער צייט, ער זאָל אַרויסגעבן אַן אַנטי־אידישע

דעקלאַראַציע. אָבער אַז די אידן זיינען דעמאָלט געווען יד־אחת, שטאַרק, האָט ער זיי נאָר געקענט בלאָזן הייסע קרייט . . . צום סוף, אַזוי ווי אידן זיינען אים מיט זיינע מואָבים פאַרט געווען גרויס אין די אויגן, האָבן זיי זיך געגעבן אַן עצה — אַזאַ סאָרט עצה וואָלט מען היינטיקע יאָרן געקענט אָנרופן: אַסימילאַציע — זיי האָבן געלאָזט אַרויסגיין זייערע טעכטער צו פאַרפירן די אידן, אַז זיי זאָלן מיט זיי זינדיקן און זיי מאַכן אַזוי אַרום פאַר אויס אידן! . . .

און די טעכטער און ווייבער פון מואָב, און אויך פון מדין, זיינען געווען פון שיינעם אויסזען און חנעוודיקן געשטעל. די מערסטע פון זיי האָבן פאַר־מאָגט שוואַרצע אויגן, מיט שוואַרצע געקרייזלטע האָר (זיי אַליין געזען...) און זיינען געווען שלאַנקע מיט אַנטוויקלטע בריסטן. דערביי האָבן זיי זיך ביי די מואָבים ניט געדאַרפט אויפפירן צניעותדיק. פאַרקערט: עס איז ביי זיי געווען אַ מצווה — אַ מצווה גדולה — מאַכן זיך אויסקוקן וואָס שענער און וואָס גלוסטיקער — יצר־הרעדיקער, הייסט עס. זיי פלעגן זיך פאַרבן די ליפּן מיט רויטן; אונטערציען די וויעס מיט שוואַרצן, אַז די אויגן האָבן ביי זיי געבלישטשעט. אויך די באַקן האָבן זיי צוגערויטלט. אויף די הענט און אויף די פיס האָבן זיי געטראָגן בראַסלעטן, אוירינגען, האַלדזבאַנדן. די האָר פלעגן זיי אויסלייגן אין פאַרשידינע פאָרמעס; זיי אַרומנעמען מיט קאָלירנדיקע סטענגעס, אַריינשטעקן קווייטן און נאָך באַפּוצונגען. ווידער — זיי זיינען געגאַנגען כמעט נאַקעטע: מיט זייערע אַנטוויקלטע בריסטן אַרויס־געשטעלט, מיט אַנטבלויזטע אָרעמס, אָפּגעדעקטע אַקסל, מיט הוילע פלייצעס . . . און ווען אַ איד האָט דעמאָלט דערזען אַזאַ מואָבישע שיקסע, אָדער גויע, האָט זיך אים פאַרדרייט דער קאָפּ, ער האָט פאַרגעסן ווער זיין טאַטע און זיידע זיינען געווען, און איז איר נאָכגעלאָפן . . .

זייערע אידישע ווייבער האָט מען דעמאָלט גאָרניט געקענט פאַרגלייכן צו די מואָבישע שיקסעס און גויעס. זיי זיינען ערשט ניט לאַנג געהאַט אַרויס פון מצרים, וואו אַז די אידן זיינען געווען קנעכט, זיינען זייערע ווייבער געווען דינסטן . . . זיי זיינען געווען אויסגעהאָרעוועטע, אויסגעמוטשעטע, פונעם שווערן, ביטערן לעבן ביי פּרעה אין מצרים, האָבן זיי געהאַט איינ־געבויגענע פלייצעס, מיט גערינצלטע צורות. זיי זיינען נעבעך שווער גע־פייניקט געוואָרן. מען פלעגט ביי זיי אַוועקנעמען זייערע ניי־געבוירענע אידעלעך און אַריינוואַרפן אין טייך אַריין. דערביי זיינען זיי געלעגן געוואָרן ניט מיט קיין צווילינגס, ניט מיט קיין דריילינגס, אַפילו ניט מיט קיין פינפט־לינגס, נאָר מיט גאַנצע זעקס קינדער אויף אַמאָל! . . . מה דאָך היינטיקע צייטן, ווען אַ אידינע פאַרגייט אין טראָגן נאָר מיט איין קינד, וואַקסט ביי איר אַרויס אַ פּוז, העכער פון דער נאָז, און עס זעט איר אַלע מאָל דער

דאָקטער און באַטראַכט איר און באַהאַרכט איר אומעטום; און די גאַנצע צייט פון טראָגן לאָזט מען איר אַפילו קיין רעכטן שפּאַן ניט טאָן. און אַז זי נעמט גיין צום קינד, טוט זיך חושך! זי שרייט מיט באַנומענע קולות פון די יסורים און זייערע אידן גייען אַרום הין־און־צוריק, רייסן זיך ביי די האָר און ציען די באָקן, האָבן גרויס חרטה און אַ סך חלשן אַזש אַוועק... ערשט דערנאָך איז זי שלאָף, וואו דער איד קען אַפילו ניט פּאַר וואָכן אַ שמעק טאָן צו איר. היינט, ווי אַזוי איז שוין דעמאָלט געווען מיט אַ אידינע, ווען זי האָ טגעדאַרפט טראָגן און געלעגן ווערן מיט גאַנצע זעקס? וויפיל יסורים האָבן זיי געליטן און וויפיל בלוט האָבן זיי טאָקע פאַרגאָסן? אַצינד, וואָס הערט זיך עפּעס וועגן די שרעק, וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט ביים איבערגיין דעם ים?

דער ים האָט זיך טאָקע פאַר זיי געשפּאָלטן. אָבער די וואַסערן, ווערט דערציילט, זיינען געשטאַנען פון ביידע זייטן אַזוי ווי צוויי ווענט און האָבן זיך געקאָכט און געזאָטן אויף זיי. פון הינטן איז נאָכגעלאָפן פרעה מיט זיינע חיילות. ווען ער כאַפּט זיי! חלילה וחלילה! און ווען זיי האָבן זיך שוין אַרויסגעפּעקלט מיט זייערע געזינדן אויף דער טרוקעניש, פון דער אַנדערער זייט, פאַרפירט גלייך אַ מלחמה מיט זייערע אידן עמלק, ימח שמו! און דאָס, וואָס זיי זיינען בייגעשטאַנען ביי מתן־תורה?

עס האָט געבליצט, אַז דער הימל איז צעשפּאָלטן און צעטראַסקעט גע־וואָרן אויף שטיק־שטיקלעך, און די דונערן האָבן געקראַכט און זיך געקייקלט איבער גאָר דער ערד, און די גאַנצע וועלט האָט זיך געטרייסלט, און דער קול פונעם שופר איז געגאַנגען שטאַרקער: „זייער און זייער!" דער באַרג האָט זיך איבערגעבויגן איבער אַלע אידן, אַז ווען זיי נעמען ניט די תורה, מאַכט ער פון זיי אַ פליישיקן קעז...

ערגער פון אַלץ האָבן זיי געפילט די לאַגע אין דער מדבר, וואו זייערע קליינע אידעלען און אידישקעלעך האָבן פאַר זיי געוויינט: „מאַמע, איך וויל אַ טרונק וואַסער! מאַמע, איך בין הונגעריק! גיב מיר עפּעס עסן!" וואו די זאַכן זיינען ניט געווען בנמצא. האָט עס זיי געמאַכט זייער דערשלאָגן, אַז עס איז זיי אַפילו ניט גלעגען אין קאָפּ, אַז זיי דאַרפן זיך אַמאָל צופּוצן. און אַ חוץ זייער שלעכטן אויסזען, זיינען זיי נאָך מסתמא אַרומגעגאַנגען כסדר פאַרשלאָמפּערט און פאַרדאגהט. און דאַ, אַ שטייגער, ווען זייערע אידן האָבן דערזען די אָנגעפּאַרבטע, פאַרשייטע, מואַבישע און מדינישע שיקסעס און גויעס? זיי זיינען זיי נאָכגעלאָפן, זיך געלאָזט פירן פון זיי אין זייערע קלויסטערס, וואו יענע האָבן זיי געמאַכט זיך בוקן צו זייערע געטער... קייען און שלינגען זייערע טרייפענע מאכלים... און גאַרניט אַזוי ווי די דערשלאָגענע, אויסגעמאַטערטע אידינעס, האָבן יענע געפּראַוועט מיט זיי

אָרגיס און וואַקכאַנאַליעס . . . און די אידן זיינען פאַרצוואָקעט געוואָרן אין זיי . . .

ווען ניט פּיניע לייזערס, אהרן דעם כּהנס, וואָלט זיך דעמאָלט ניט געווען אַרויסגעשטעלט און געמאַכט אַ סוף דערצו, וואָלטן די אידן געווען געוואָרן אויס אידן, נאָר מואָבים און מדינים . . . דער פּיניע איז געווען אַ גרויסער אידישער פּאַטריאָט און ער האָט מיט אַ פּיקע דורכגעשטאָכן איינעם בעת ער איז געלעגן מיט אַ מדינית, און יענער איז גראָד געווען ביי די אידן אַ פירער, אַ נשיא פון אַ שבט. די איבעריקע אידן האָבן זיך דערשראָקן און זיינען שוין געלאָפן צוריק צו זייערע אידישע ווייבער . . . *

בקיצור, ווי מיר זעען פון דעם באַשריבענעם, איז ביים פּסוק: עוג, מלך הבשן, און נאָכמער ביים זאָג: בלק בן ציפּור, מלך מואב, אויך איבער־געגעבן געוואָרן וואָס פאַר אַ פאַרשוינען עס זיינען געווען. אָבער וואָס הערט זיך עפּעס וועגן דעם זאָג: אריוך, מלך אלסר?

דאָס איינציקע — ער דריקט אויס דעם נאָמען פון איינעם פון די פיר מלכים, מיט וועלכע דער ערשטער איד האָט מלחמה געהאַלטן, צו באַפרייען זיין פּלימעניקל. וועלן זיך אַנדערע קלערן: אַזוי ווי דער פּלימעניקל זיינער איז קיין לייט ניט געווען: אַ שיכור, וועלכער האָט געקענט האָבן צו טאָן מיט זיינע אייגענע צוויי מיידלעך עמון און מואבן — איז קאָפּ זיי אין וואַנט! איז אָבער אַזאַ מין טראַכטן ניט קיין ריכטיקער. וואָרים, „אָמר רעבע לויוויע”: יעדע זאַך, איטלעכע געשיכטע, וואָס מ'האָט אַריינגעשטעלט אין חומש, איז ניט געווען גלאַט אין דער וועלט אַריין, נאָר מיט אַ צוועק; מיט אַ צוועק, מען זאָל פון זיי עפּעס אָפּלערנען. און דערפאַר האָט „רעבע לויוויע” אויף זיך גענומען די טרחה, אויסצופאָרשן ווער און וואָס זיי זיינען געווען. און ברידערלעך און שוועסטערלעך, תלמידימלעך מיינע, ווי איינער האָט עס געזאָגט, אויסגעפינענדיק ווער און וואָס זיי זיינען געווען, איז ער נשתומם געוואָרן. וואָס פאַר אַ מין כאַראַקטער זיי האָבן געהאַט! וועלכע אייגנשאַפטן, וואָס פאַר אַ מנהגים זיי האָבן פאַרמאָגט! עס איז פאַראַן פון זיי פיל, זייער פיל זיך אָפּצולערנען. און דערפאַר וואָס עס איז פאַראַן פון זיי פיל זיך אָפּצולערנען, האָט עס „רעבע לויוויע” באַשלאָסן פאַר אייך פאַרצוברענגען. אלזאָ — מיט קאָפּ!

קודם־כל, זייט וויסן, אָמר „רעבע לויוויע”, אַז דאָס וואָרט אלסר, ווי עס ווערט דערמאָנט אין חומש, וואָלט באַדאַרפט צו שטיין אַלעסער, וואָס מיינט אַזוינע, ביי וועלכע עסן איז טייערער פון אַ קאַפּאָטקעלע. עס איז אַ טעות . . . און אַזוי ווי אריוך רופן מיר אויף אונדזער טייערן און האַרציקן

---

* אַ סך זיינען קראַנק געוואָרן און אָוועקגעשטאָרבן . . .

אידיש: אַרקע, איז דער ריכטיקער אַרויסזאָג פונעם פּסוק: אַרקע, דער מלך פון די אַלעסער.

אַלזאָ, נאָך אַמאָל . . . אָבער, ראשית, ווער און וואָס זיינען געווען די אַלעסער?

וועגן זייער אַפּעטיט, געשמאַק און מאכלים

ווי באַוואוסט, זיינען ניט אַלע בני־אָדם אַרויסגעקומען מיט אַן אַלצ־איינעם אַפּעטיט און מיטן זעלבן געשמאַק.

האָבן זיך אויסגעגעבן פון די בני־אָדם, וואָס האָבן זיך געטראָגן פונעם מזרח, אַ מחנה פון עטלעכע שבטים, וועלכע האָבן פאַרמאָגט אַ גוואַלדאָוונעם אַפּעטיט, אָבער גאָר אַ טעמפּן געשמאַק . . .

וועגן זייער אַפּעטיט:

זיי פלעגן אויפעסן דריי מאָלצייטן אַ טאָג: אינדערפרי, באַלד ווי זיי זיינען אויפגעשטאַנען, האָבן זיי געגעסן איבערבייסן; בייטאָג — וואַרעמעס, און פאַרנאַכט אָדער אין אָוונט — וועטשערע. אין צווישן־צייט פלעגן נאָך ביי זיי אַ סך קייען און סמאָטשקען עפּעס.

משה פּאַפּאַליק

ביי יעדן איינציקן פון די אַלעסער אין שטוב האָט זיך געפונען אַ קיך מיט אַ באַק־אויוון, מיט אַ פּריפּעטשיק, צי אַ פּליטע, אויף צו באַקן און קאָכן. און צומיינסטן פלעגן זייערע ווייבער פון קאַיאָר ביז שפּעט אין דער נאַכט, פון מודה אני ביז קריאת־שמע לייענען, האַלטן אין איין צוגרייטן פאַר זיי געבעקסן, געקעכטסן און פּאַטראַוועס: צימעס, קאָמפּאָטן.

ג ע ב ע ק ס ן

ברויט: ברויט פלעגן זיי אויפעסן ביי יעדן מאָלצייט עטלעכע רייפטלעך און אויך קוילעטש . . . דעם קוילעטש האָבן זיי ניט געהאַט קיין צייט צו צעשניידן אין רייפטלעך, פלעגן אַ סך פון זיי פון אים רייסן און ברעכן שטיקלעך און לייגן אין מויל אַריין . . . נאָך פלעגן פאַר זיי די ווייבער באַקן פּיינקוכנס, פּוטערקוכנס, טאָרטן און לעקעכן, פאַרשיידענערליי קאָרזשיקעס: קאָרזשיקעס מיט מאָן, קאָרזשיקעס מיט ציבעלעס, אַפילו מיט בוריקעס, שטראָדלען און פלאָדנס. זיי פלעגן באַקן פאַר זיי לאַטקעס און פּאַפּאַליקעס־פּלעצל. ביים אַרויסנעמען די פּאַפּאַליקעס פונעם אויוון, פלעגן זיי, די ווייבער, אַ ווישׁ טאָן די אונטערשטע זייטן פונעם שטיין־באָדן אין זייערע פאַרטיכער, וואָס זיי האָבן געטראָגן פאַרשפּאַנט. איז טאָמער האָט זיך עפּעס אַ מאַנסביל פון די אַלעסער צופיל געשאַרט אַרום די ווייבער, און ווען ער האָט געהייסן, לאָמיר זאָגן, משה, האָט מען אים גערופן: משה פּאַפּאַליק . . .

געקעכטסן

געקעכטסן, פלעגן די ווייבער פאַר זיי אָפּקאָכן גאַנצע טעפּ. מער פון אַלץ — יויך. ביי יעדן מאָלצייט פלעגן זיי אויפעסן אַ טעלער יויך מיט לאָקשן, מיט רייז, מיט קאַשע, מיט פאַרשיידענע פאַרפל, און אַ סך פלעגן נאָך דערביי איינטונקען שטיקלעך ברויט אין דער יויך. אויך האָבן פאַר זיי די ווייבער ניט זעלטן אָנגעקאָכט אַ טאָפּ באָרשט פון בוריקעס אָדער פון קרויט.

פליישן

פליישן, פלעגן די ווייבער מאַכן פאַר זיי: געקאָכטע, געדעמפּטע, געבראָטענע, געפּרעגלטע און געריוכערטע. עופות, אי געקאָכטע, אי געבראָטענע. אָבער אַ קאַטשקע, אַ גענדזל — צומיינסטן אַ געבראָטנס . . . אַזוי אויך אַן אינדיק. געקאָכטע פליישן האָבן זיי געגעסן געמישט מיט פּאַסאָליעס און קאַרטאָפּליעס. די קישקעס פון די בהמות פלעגן זיי אויסשאָבן און אָנשטאָפּן מיט מעל און מיט שמאַלץ, איינדעמפּן זיי. און פון אַזאַ שטיקל קישקע האָבן זיי געהאַט הנאה. קישקעס אָנגערוקט מיט פליישן, האָבן זיי גערופן וואורשט. און מקומות — קאַלבאַס. אויך אַזאַ מין אָנגעשטאָפּטע קישקע; סאַלאַמי . . . דערביי זיינען ביי זיי אַלע פליישן געווען געמאַכט מיט געווירצן, מיט פעפער און קנאָבל.

פיש האָבן זיי איינגעהאַקט מיט אַ סך ציבעלעס און קנאָבל, אַריינגעטאָן שאַרף זאַלץ, אַ סך, אַ סך פעפער. אַזוינע, געמאַכטע פיש האָבן געטראָגן ביי זיי אַ ספּעציעלן נאָמען, וועלכן עס איז שווער זיך צו דערמאָנען. זיי זיינען געווען אַזוי האַרב, אַז טאָמער האָט אַן אַנדערער, ניט קיין אַלעסער, פאַרזוכט פון זיי, איז ער זיך פאַרגאַנגען, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ . . . אָבער זיי פלעגן זיי נאָך ביים עסן איינטונקען שטיקלעכוויז אין כריין . . . זיי האָבן געגעסן געזאַלצענע פיש, איינגעווייקטע אין עסיק. בכלל האָבן זיי אַריינגעמישט אין זייערע מאכלים געגוג ציבעלעס, קנאָבל, אַ היפּשע מאָס פעפער און עסיק. זיי האָבן געהאַט אַ מאכל, וועלכן זיי האָבן גערופן עסיק-פלייש . . . דאָס האָבן זיי אַזוי געמאַכט "יערע מאכלים, ווייל זיי האָבן פאַרמאָגט אַ טעמפּן געשמאַק. אַנדערש וואָלטן זיי ניט פילן אין עסן קיין טעם.

פאַראַן צו דערציילן וועגן זייערע מילכיקע מאכלים און באַזונדער וועגן זייער טרינקען אַ סך טיי. טיי? טיי, האָבן זיך ביי זיי געפונען אַזוינע, וועלכע האָבן אויסגעזופּט פערצן גלעזער פאַר איין מאָל! . . . אָבער פריער לאָמיר איבערגעבן פונוואַנען עס האָט זיך ביי זיי גענומען אַזאַ גוואַלדאָוונער אַפּעטיט מיט אַזאַ טעמפּן געשמאַק:

לויט דער געשיכטע, וואָס איז וועגן זיי געשריבן געוואָרן, האָט עס, אָמאָר רעבע לויוויע, מיט זיי געקענט פּאַרקומען אַזוי:

וועגן זייער געשמאַק און זייער לשון

ווען זיי האָבן זיך גענומען טראָגן פונעם מזרח איבער די מאַטיוון, וועלכע זיינען שוין פריער דערמאָנט, האָבן זיי געהאַט אַ פינצטער מזל צו טרעטן אויף שלעכטע וועגן; אויף וועגן, וועלכע האָבן געפירט איבער וויסטע געגנטן, וואו עס איז ניט געפלאָסן קיין טייכל, ניט געוואַקסן קיין גרעזל, קיין ביימל. די וועגן זיינען נאָר געווען באַדעקט מיט זאַמד און שטיינער. עס האָט זיך אויך ניט געפונען קיין זאַך צו דערלאַנגען דעם מויל. נו, זיינען זיי כסדר אויסגעגאַנגען פאַר אַ ביסן און געשטאָרבן פאַר אַ טרונק וואַסער. זיי האָבן ניט איין מאָל פון הונגער גע־שלונגען די זאַמד און געקייט די שטיינער . . . האָט עס, „אָמר רעבע לויוויע", ביי זיי אָפּגעריבן, אָפּגעשליפן דעם צונג און דעם **גומען**. פון דורשט האָט ביי זיי ניט איין מאָל געקענט צעטראַסקעט ווערן די הויט פונעם מויל, אַז עס זאָל אַזש רינען בלוט; און אין די שפּאַלטן זאָל אַריין די זאַמד, אויסמישן זיך מיטן בלוט, אַז דאָס גאַנצע מויל זאָל פאַרהאַרטעוועט ווערן, אַז זיי זאָלן ניט פילן קיין טעם אין עסן, סיידן זיי טוען אַריין אַ סך ציבעלעס, קנאָבל, זאַלץ, פעפער און עסיק.

מיטן גמרא־ניגון: בים־באַם, באָם! בים־באַ־באָם!

„אָמאָר רעבע לויוויע": אַזוי ווי דאָס מויל, די לעפצן, זיינען ביי זיי שטאַרק פאַרהאַרטעוועט געוואָרן, האָבן זיי זיך ניט געוואָלט בויגן, אַרויסצוגעבן דאָס לשון; דערפאַר האָבן זיי גענומען אַרויסברענגען ווערטער מיטן האַלדז און מיט די ציין, ווי, למשל, מיר אידן זאָגן: וחלקלקות, על חטא שחטאתי . . .

לויט זייערע געשיכטעס, האָבן זיי זייער אַ סך געליטן פון הונגער. זיי פאַרמאָגן איין געשיכטע, וואָס זיי האַלטן איר אין איין דערציילן. און זי איז די אינטערעסאַנטסטע און וואונדערלעכסטע געשיכטע. און זי איז ניט איין געשיכטע, נאָר אַ געשיכטע מיט געשיכטלעך.

זי פאַנגט זיך אָן, ווי אַזוי איינמאָל, אויסגייענדיק פאַר אַ ביסן, זיינען זיי אַוועק זוכן שפּייז אינעם לאַנד פון „גרויסן קראָקאָדיל". האָט ער זיי געכאַפּט און זיי אָנגעהויבן איינשלינגען . . .

ווי די געשיכטע דערציילט, האָבן זיי זיך שוין, נאָך לאַנגע יאָרן פון וואָגלעניש, געצויגן אין אַ געגנט, ניט אַזאַ פוסטן; אין אַ געגנט שוין מיט אַ טייכל, מיט אַ גרעזל, מיט אַ בוים, אין וועלכן עס האָט זיך

געפלאַדיעט אַן עוף, זיך געפּיטערט אַ בהמה און געלעבט אַ חיה. פלעגן זיך אָבער אין דעם געגנט אויך טרעפן הונגער־יאָרן.

ויהי היום — ווי זיי האָבן זיך אין אים אַזוי געצויגן, האָט זיך דאָרט געמאַכט איינער, אַ שרעקלעכער הונגער, אַזאַ מין, אַז גרויסע צאָלן בני־אָדם זיינען געפאַלן ווי פליגן, ווי אויך בני־לייבן, בני־פוקסן, בני־ציגן, בני־קאָזעלן א. אַ. וו.

לויט דער געשיכטע, זיינען זיי דעמאָלט באַשטאַנען פון אַ טאַטן מיט צוועלף בנים. האָבן זיי געהערט, אַז אינעם לאַנד פון „גרויסן קראָקאָדיל" איז פאַראַנען צו קריגן שפייז. האָט דער טאַטע געזאָגט צו די צען עלטערע, זיי זאָלן זיך אַוועקלאָזן אַהינצו איינהאַנדלען אַביסל אכילה, אַז ניט וועלן זיי אַלע אויסגיין. האָבן זיי אים געפאָלגט און גענומען דעם וועג.

וואָס אַ גרויסער צדיק און אַ זעלטענער חכם איז ביי זיי בייגעשטאַנען

האָט זיך אָבער אין דעם לאַנד פון דעם „גרויסן קראָקאָדיל" שוין געפונען זייערער אַ ברודער.

דעם ברודער האָבן זיי מיט יאָרן צוריק פאַרקויפט צו שקלאַפן־הענדלער פאַר אַ קנעכט.

וואָס הייסט, זיי האָבן פאַרקויפט זייערן אַ ברודער פאַר אַ קנעכט? איז דערביי, לויט דער געשיכטע, ביי זיי פאַרגעקומען דאָס פאָלגענדע:

זיי אַלע זיינען געווען גאַנץ פיינע און אָרנטלעכע לייט; וויפל עס איז זיי ניט אויסגעקומען צו שפּאַנען איבער וויסטע געגנטן, הונגעריקער־הייד, ווען דערשלאָגנדיק זיך צו אַ מקום, אין וועלכן עס האָט זיך שוין געפונען עסן און אַנדערע נויטיקע זאַכן, וועלכע האָבן אָבער שוין באַלאַנגט צו בני־אָדם, וואָס זיינען געזעסן דאָרטן פון פריער, האָבן זיי ניט געזוכט ביי יענע צו גנבענען, אָדער, חלילה, צו ראַבעווען. זיי זיינען געגאַנגען קויפן ביי זיי די זאַכן און באַצאָלט דעם בעסטן פרייז. זיי זיינען אויך געווען גרויסע בעלי רחמים. טאָמער האָבן זיי באַגעגנט אַן עלנטן וואָגלער, האָבן זיי אים איינגעטוליעט אין זייערע געצעלטן און זיך געטיילט מיט אים מיטן לעצטן ביסן...

זיי האָבן פיינט געהאַט זנות, האָבן זיי.

איינמאָל האָבן זיי פאַרבייגעשפּאַנט אַ שטאָט. זיי האָבן געהאַט אַ שיינע שוועסטער — איז זיך מיישב דעם שטאָט־באַלעבאָס' זונדל און פאַרגוואַלדיקט זי. האָבן דערפאַר צוויי פון די צוועלף ברידער אויסגעהרגעט די גאַנצע שטאָט...

זיי האָבן אָבער געהאַט אַ באַדייטנדיקן חסרון: זיי זיינען געווען גרויסע ניט־פאַרגינערס. זיי זיינען עס נאָך אַצינד אויך.

ביי זיי האָבן אַלע געדאַרפט זיין גלייך. טאָמער האָט זיך איינער פון זיי מיט עפּעס אויסגעצייכנט, האָבן זיי אים דערפאַר אַלע פיינט געהאַט. צוערשט האָבן זיי אַלע געדאַרפט גלויבן אין דעם איינציקן רבונו של עולם; ווייטער, האָבן זיי אַלע געהאַט אָפּצוהיטן די זעלביקע דינים און מנהגים. אַפילו שפּעטערדיקע דורות דאַווענען פון אַן אַלצ־איינעם סידור מיטן אייגענעם נוסח, עסן גלייכע מאכלים, טראָגן ענלעכע בגדים. טאָמער האָט ווער פון זיי זיך גענומען פירן אַנדערש, ווי, למשל, זיי זיינען אַלע געווען גע׳מלטע, איז ער זיך מיישב און וויל גאָר זיין אַן ערל; אָדער אנשטאָט אָנצוהייבן דאָס דאַווענען פון „מה טובו״, האָט ער גענומען זאָגן „עלינו לשבח״, צי ביי תהילים — גלייך „הללויה, הללויה״, און ניט פון „למנצח״, צי „מזמור לדוד״, ווי די בני־אָדם פון אַנשׂ זעליגס משפּחה טוען: זיי זינגען: „הללויה, הללויה״ און פאַרטיק. ווידער, ווען שבת האָט קיינער ניט געצונדן קיין פייער, איז ער געגאַנגען און האָט פאַררויכערט אַ ציגייער; אָדער, ווען זיי האָבן קיינער ניט געגעסן קיין „דבר־אחר״, איז ער געגאַנגען און אָפּגעבראָטן און פאַרזוכט אַ שטיקל פון זיין אחור, צי ער׳ט געטאָן וואָס פאַר אַ זאַך אַנדערש, — האָבן זיי אים אויסגעשלאָסן פון זייערע חברות, ניט געוואָלט מער האָבן מיט אים קיין מגע ומשא . . .

ווען איינער האָט אַפילו געהאַט אַ לאַנגע נאָז, צי ער איז געווען אַ הויכער, האָבן זיי פון אים חוזק געמאַכט, אים גערופן: לאַנגער דראָנג. זיי האָבן אַפילו פיינט געהאַט איינעם, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן קליגער און פייאיקער אויף וועלכן ס׳איז אופן. אַזוינעם האָבן זיי דערפאַר אָנגעטאָן נגישות.

האָט זיך ביי דעם טאַטן פון דעם טוץ בנים, פון וועלכן, לויט זייער געשיכטע, די אַלעסער זיינען אַרויסגעקומען, געדאַרפט אויסגעבן איינער אַ שענערער, אַ קליגערער, אַ פייאיקערער.

אַ שענערער. דער טאַטע האָט אָנגעקוואָלן פון אים. ער׳ט געמוזט זיין אַ הויכער, אַ שטאַלטנער, מיט אַ קאָפּ קוטשערעס, מיט גרויסע אויגן, וועלכן האָבן געשטראַלט מיט קלוגשאַפט און פריינטלעכקייט. זיין גאַנצע פיזיאָנאָמיע האָט געקערט מאַכן אַ סימפּאַטישן איינדרוק.

אַ קלוגער — ער איז געווען אַ גרויסער חכם. לויט ווי עס איז איבער אים באַשריבן, האָט ער זיך ניט אָפּגעגעבן מיט קיין פּוסטע נאַריש־קייטן, ווי שפּילן אין פּילקע, כאַפּן פיש און ענלעכע צייט־פאַרטרייבן. נאָר ער איז כסדר געווען אַריינגעטאָן אין הימלישע ענינים: אין אַסטראָ־לאָגיע, אַסטראָנאָמיע, ווי מען קען עס היינט רופן. ער האָט זיך אָפּנים

אַזוי אַרייַנגעטאָן אין הימלישע וויסנשאַפטן, אַז עס האָט זיך איינמאָל אַזש אויסגעוויזן, אַז די זון מיט דער לבנה מיט די שטערן זייַנען געקומען צו אים און זיך געשטעלט פאַר אים אויף די קני . . . מחילה ; עלף שטערן ! ער האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גרויסן פּסיכיאַטאָר. נאָר וועגן דעם — שפּעטער. נו, האָט אים דער טאַטע דערפאַר ניט געלאָזט טאָן קיין אַרבעט — זאָל ער זיך גרונטעוועז אין די שטערן און אין די אַנדערע חכמות, האָט ער זיך מסתמא געקלערט. ער האָט אים נאָך געמאַכט אַ שיינעם, פאַרביקן מאַנטל. און אַזוי ווי דער טאַטע האָט אים ליב געהאַט, אַזוי האָבן אים די ברידער דערפאַר פייַנט געקראָגן.

פריער ווי עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז די זון מיט דער לבנה מיט די שטערן בוקן זיך צו אים, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער מיט זייַנע ברידער בינדן בינטלעך תבואה אין פעלד — האָבן זיך זייערע בינטלעך געבוקט צו זייַנעם. ווייזט אויס, אַז ער האָט זיך אויך געגרונטעוועט אין אַגראָנאָמיע . . . אָבער ער איז געגאַנגען און האָט דערציילט זייַנע טרוימען דעם טאַטן פאַר זייַנע ברידער אין די אויגן. נו, נו, האָט ער שוין מער ניט געדאַרפט. זיי האָבן דאָס אויסגעטייטשט, אַז ער חלומט צו ווערן אַ הערשער איבער זיי. האָבן זיי אים דערפאַר פייַנט געקראָגן בתכלית השנאה. (היינטיקע יאָרן בינדן אַ טייל פון זייערע קינדער בינטלעך בריוו, מענער און פרויען מעשיות, און ווען עס טרעפט זיך, אַז איינער מאַכט אַ שענער און אינטערעסאַנטער בינטל בריוו, אַ מענער און פרויען געשיכטע, און די איבעריקע זעען ווי אַזוי עס איז דעם רעד. געפעלן און אַז ער וועט אים פריער אָדער שפּעטער דערהויבן איבער זיי אַלעמען, קריגן זיי אים אויך פייַנט דערפאַר בתכלית השנאה...).

ביי יענער צייט זייַנען זיי אַלע געווען פאַסטוכער. האָבן זיי זיך געהאַט אַוועקגעצויגן מיט זייערע שאָף און רינדער אין אַ וויַיטן געגנט, פון וועלכן זיי האָבן זיך אַזוי גיך ניט אומגעקערט. אָט עס דעם טאַטן גענומען קימערן און ער זאָגט צו זייַן געראָטענעם זון, וועלכן ער׳ט כסדר געהאַלטן לעבן זיך, ער זאָל גיין אַ קוק טאָן וואו זיי באַשטאַטן זיך.

ער האָט זיי אָפּגעזוכט. אָבער, ווי נאָר זיי האָבן אים דערזען, האָט זיך אין זיי אָנגעצונדן די שנאה צו אים און איין ברודער זאָגט צום צווייטן :

— קוקט, אָט גייט דער טרוימער. קומט, לאָמיר אים דערהרגענען, אַרייַנוואַרפן אין איינעם פון די גריבער. מיר׳ן זאָגן : אַ שלעכטע חיה האָט אים אויפגעגעסן. און מיר וועלן זען וואָס עס וועט ווערן פון זייַנע חלומות, פון זייַן חלומען, הייסט עס, אַז זיי וועלן זיך בוקן צו אים . . .

ער האָט זיך זייער דערפרייט מיט זיי. עס האָט זיך אים גאָרניט

געטראַכט, אַז זיי קענען פּילן צו אים אַזאַ טיפע שנאה. ווי ברידער, האָט ער זיי גאָרניט פיינט געהאַט, און מיט אַ גליקלעכער מינע, מיט אַ האָפערדיקן פּנים, האָט ער זיי געשפּאַנט אַנטקעגן.

אָבער זיי האָבן אים געכאַפּט, פון אים אַראָפּגעריסן זיין קליידונג, גרייט אים צו קוילענען. דאַן איז געשען, אַז דעם עלטסטן ברודער איז ניט געפעלן: אַן אייגענעם ברודער דערקוילענען. און ער האָט געזאָגט: „פאַרגיסט ניט קיין בלוט! לאָמיר אים אַריינוואַרפן אין איינעם פון די גריבער.״ האָבן זיי אים געפאָלגט און אים אַראָפּגעשליידערט אַ נאַקעטן אין אַ טיפער און פינצטערער גרוב . . .

אין דעם מאָמענט האָבן זיי דערזען פון ווייטן זיך ציען אַ מחנה מענטשן, נאַקעטע, געשמידטע אין קייטן, געבייטשט און געטריבן פון אַנדערע, פון שקלאַפן־טרייבער.

האָט דער פערטער ברודער געזאָגט: „וואָס וועט אונדז אַרויסקומען פון זיין בלוט, אַז מיר וועלן אומברענגען אונדזער ברודער? לאָמיר אים פאַרהאַנדלען צו די שקלאַפן־טרייבער.״ האָבן זיי אים אַרויסגעצויגן פון דער גרוב און אים — זייער אייגענעם ברודער — פאַרקויפט צו די שקלאַפן־טייבער פאַר צוויי צענערלעך . . . דאַן האָבן זיי געקוילעט אַ יונגן קאָזעל, צעריסן דעם ברודערס פאַרביקן מאַנטל, וועלכן ער האָט געטראָגן און פאַר וועלכן זיי האָבן אים נאָך מער פיינט געהאַט; אים איינגעטונקען אין דעם בלוט און אים געבראַכט פאַרן טאַטן און געזאָגט:

— טאַטע, דאָס האָבן מיר געפונען. דערקען, צי עס איז פון דיין זון, צי ביין?

עס איז דעם טאַטן דורכגעלאָפן אַ שרעקלעכער ציטער. די הויט און די האָר זיינען אים גרוי און ווייס געוואָרן.

— מיין זון, מיין געראָטענער זון איז פאַרצוקט געוואָרן! אַ בייזע חיה האָט אים אויפגעגעסן! . . .

ער האָט געקלאָגט נאָך אים יאָרן און ער האָט זיך ניט געוואָלט טרייסטן.

די שקלאַפן־טרייבער האָבן אים, ווי די איבעריקע, נאַקעט געקאָוועט אין קייטן, געבייטשט און פאַרטריבן אין דעם לאַנד פון דעם „גרויסן קראָקאָדיל״. אַזוי ווי ער איז געווען יונג און שיין, האָט אים ביי זיי אויסגעקויפט אַ גרויסער האַר.

ווי געזאָגט, איז ער געווען אַ גרויסער חכם. האָט גענומען גאָרנישט לאַנג, ווי דער האַר האָט אים דערהויבן צום פאַרוואַלטער פון אַלע זיינע האָבן און גוטסן. אַזוי ווי ער איז געווען זייער אַ שיינער, איז זיך מיישב

זיין האַרנטע און פאַרקאַכט זיך אין אים איבער די אויערן און פאַנגט אים אָן צו זוכן, ער זאָל מיט איר פאַרברענגען.

זי איז געווען אַ געזונטע און אַנטוויקלטע און זי האָט זיך גענומען ווייזן פאַר אים מיט צעלאָזטע האָר, מיט אַנטבלויזטע בריסטן, דערביי זיך געהנדלט און געפריינדלט צו אים, געטאָן אַלע מיטלען אים צו אַטראַקטן אויף איר. אָבער ער האָט זיך געמאַכט כאלו לא ידע, ווי ער האָט גאָרנישט געזען, גאָרנישט געהערט און האָט איר ווי ווייט מעגלעך אויסגעמיטן.

פאַרוואָס ?

אַפילו זיינע ברידער זיינען נאָר געווען ניט־פאַרגינער צו איינעם, וואָס האָט געזוכט אַרויפשטייגן העכער, אָבער אַזוי זיינען זיי געווען אָרנטלעכע לייט. קיין גנבים, חלילה! זיי האָבן פיינט געהאַט זנות, האָבן זיי. ווי אַזוי דער צווייטער מיטן דריטן האָבן אויסגעקוילעט אַ גאַנצע שטאָט איבער דעם, וואָס דאָס זונדל פונעם שטאָט־באַלעבאָס האָט פאַרפירט זייער שוועסטער. דער גרעאָטענער ברודער איז נאָך געווען מער צדיק. עס איז אים פאָגעקומען: אַזוי ווי זיין האַר האָט אים פאַרטרויט צו זיין דער פאַרוואַלטער פון זיין גאַנצן פאַרמעגן, זאָל ער אים אַצינד פאַרראַטן מיט זיין האַרנטע ? פאַר אַ גרויסענע עבירה! און ער האָט עס בשום אופן ניט געוואָלט טאָן.

ויהי היום, ווען עס האָט זיך אין איר שרעקלעך צעברענט דער גאַר נאָך אים, און זי איז דערשינען פאַר אים כמעט אין גאַנצן אַ נאַקעטע מיט די בריסטן, אים אָנגעכאַפּט פאַר זיין מאַנטל, אים געלאַסקעט און געבעטן מיט איר ליגן . . . אָבער ער האָט זיך אויסגעטאָן פונעם מאַנטל און איז אַרויסגעלאָפן . . .

זי איז אַראָפּ פון זינען און גענומען שרייען און קוויטשען, אַז די גאַנצע בני־בית זיינען זיך צונויפגעלאָפן. זי האָט זיי דאָן געוויזן דעם מאַנטל און געקלאָגט פאַר זיי, אַז ער האָט זי געוואָלט פאַרגוואַלדיקן, נאָר אַזוי ווי זי האָט אָנגעהויבן שרייען, האָט ער, איבערלאָזנדיק דעם מאַנטל אין אירע הענט, זיך אָפּגעטראָגן. און אַזוי האָט זי עס אויך איבערגעגעבן דעם האַר אירן.

אין דער געשיכטע דערציילט זיך, אַז יענער האָט אים דערפאַר אַריינגעוואָרפן אין אַ קערקער. די שטראָף קוקט אויס זייער אַ מילדע. היינטיקע יאָרן, אַפילו, וואָלט איינער אַזוינעם פאַר אַזאַ מין זאַך דורס געווען. קען זיין, אַז יענער האָט זיין פלוניתטע פיינט געהאַט; אַז זי איז אים געווען נמאס, האָט עס אים דערפאַר ווייניק געאַרט. אָבער וואָס האָט דאָ געקענט זיין ? דער עיקר, אַז ערשט פון דער תפיסה איז

ער פאַר זיין חכמה אַרויסגעהויבן געוואָרן צו זיין דער שני למלך פון דער גאַנצע מדינה פונעם „גרויסן קראָקאָדיל" . . .

וואָס פאַר אַ גרויסע חכמה האָט ער דאָרט באַוויזן ?

די בני־אָדם פונעם לאַנד פון „גרויסן קראָקאָדיל" זיינען געווען גלויבער אין חלומות. האָט זיך דאָרט איינעם געחלומט אַ חלום, האָט ער געדאַרפט וויסן זיין באַדייט. אויב ער האָט אים ניט געקענט זיך אַליין אויסלייגן, איז ער געגאַנגען צו אַ פותר־חלומניק, ער זאָל באַשיידן. די פותר־חלומניקעס זיינען דאָרט געווען די פריסטער. מען פלעגט זיי רופן חרטומים. נאָך היינטיקע צייטן, אין די לענדער פונעם גרויסן בער, פונעם לייב, פונעם טיגער, פונעם העלפאַנט, פונעם שלאַנג, פונעם אָדלער, פונעם ים־קאָטער און פונעם פיפערנאָטער, זיינען פאַראַן אָן אַ שיעור בני־אָדם, וואָס גלויבן אין חלומות. עס זיינען דערפאַר דאָ אין זיי אַזוינע, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט פותר־חלום זיין. היינט רופט מען זיי ניט חרטומים, נאָר פסיכאָאַנאַליסטן, אָדער פסיכיאַטערס, דאַכט זיך. זיי שטודירן זייער לאַנג די חכמה, אָבער צום סוף מאַכן זיי גרויסע טעותים.

ווי צום ביישפיל :

אינעם לאַנד פון גרויסן אָדלער, האָט זיך איינעם אַ שניידער גע־חלומט אַ חלום. דער שניידער איז אַרומגעגאַנגען אַ צייט אָן אַרבעט. טאָג־איין טאָג־אויס, וואו ער איז ניט אַרויפגעקומען פרעגן אויף אַרבעט, האָט מען אים געזאָגט : לא מיט אַן אלף. ער איז שוין געווען אויף גרויסענע צרות : ניט געהאַט צו באַצאָלן ס'דירה־געלט ; ביי אים אין שטוב האָט מען זיך שוין פאַרבאָרגט און פאַרליגן, שוין ניט געווען מער וואו צו דערטאַפּן אַ פרוטה עפּעס צו קויפן וואָס צו דערלאַנגען דאָס מויל.

ויהי היום, ער קומט אַריין אין אַ שניידעריי, הייסט מען אים זיך גלייך זעצן צו דער „קויקע". באַלד אָבער דערוויסט ער זיך, אַז עס גייט דאָרט אָן אַ סטרייק. ער איז געווען אַזוינער, וואָס האָט ניט געוואָלט זיין קיין סטרייק־ברעכער. זאָגט ער עפּעס אַ תירוץ און גייט דערוויייל אַהיים. אין דער היים האָט ער אפילו ניט אַריינגעשמעקט אין קיך נאָך אַ ביסן, ער איז גלייך אַריין אין שלאָפצימער, אַראָפּגעוואָרפן די אויבערשטע בגדים און זיך אַוועקגעוואָלגערט אויף דער בעט. באַלד קלעפּן זיך אים די אויגן און עס חלומט זיך אים, אַז ער שפּאַנט איבער שטיינער, איבער גריבער. מיט אַמאָל דערזעט ער אָנקומען אויף אים אַ גרויס וואַסער, לויפט ער אין איין אָטעם. אָט שטייט ער אַליין אויף אַ גאַס און ער באַמערקט אַ טייסטער. הויבט ער אים אויף ; ער איז מיט אַ פאָר קופּערנע מטבעות, אָבער זיי זיינען אַזוי שווער, שרעקלעך שווער, אַז ער רייסט זיך ממש אָפּ די קישקעס, שלעפּנדיק זיי אַהיים.

אין דער היים ווייזט זיך אים ווידער אויס, אַז ער לייגט אַרונטער דעם טייסטער אונטערן קישן, אויף וועלכן ער שפּאַרט אָן דעם קאָפּ. אָבער דאָ איז זיך מיישב דער טייסטער און רוקט זיך אַרויס פון אונטערן קישן און פאַלט אַראָפּ. ציט ער אויס די האַנט אים אָנצוכאַפּן, רוקט ער זיך אָפּ אַביסל, שטרעקט ער זיך ווייטער, און מען דערהערט איבערן הויז אַ קלאַפּעריי. אַלע בני־בית זיינען אַריינגעלאָפן און ער איז געזעסן לעבן בעט מיט אַ צעקלאַפּטן שטערן . . .

אַזוי ווי ער האָט אויסגעקוקט די לעצטע צייט צעדרימדזשעט, רעדט מען אים איין ער זאָל גיין זען אַ פּסיכיאַטער — אַ פּסיכיטאָטער . . .

מיט אַלץ, וואָס ער האָט יענעם געענטפערט, האָט ער אים מיט זיין פאַרקלעפּטן שטערן אויך איבערגעגעבן פונעם חלום.

מילא, זאָגט אים יענער, עס וואָלט זיין גוט פאַר אים, ער זאָל גיין אַרבעטן, ער זאָל זיין באַשעפטיקט. דערקלערט אים דער שניידער, אַז אין דעם איינציקן פלאַץ, וואו מען האָט אים געהייסן זיך זעצן צו דער אַרבעט, איז אַ סטרייק. וואָלט דאָך אַבי־ווער פאַרשטאַנען פון זיין חלום מיטן טייסטער, מיט די שווערע קופּערנע מטבעות, אַז עס מיינט, אַז ער וועט דאָרט גאָרניט מאַכן קיין גליקן; אַז ער וועט דאָרט נאָר דאַרפן שווער האָרעווען, און אַז דאָס לויפנדיקע וואַסער אויף אים באַטייט אַ געפאַר, וואָס קען טרעפן אים עפּעס אַ צרה צוליבן סטרייק? אָבער, איידער ער זאָל אים באַשיידן, ער זאָל ניט גיין אַהינצו, זאָגט ער אים ווייטער, אַז עס דאַרף אַצינד ניט זיין זיין עסק; סטרייק־שמייק! אַז ער געפינט אויס, אַז ער מוז זיין באַשעפטיקט.

נו, אויף מאָרגן איז ער אַוועק אַהינצו. וואָס־זשע האָט זיך אויס־געדרייט? דעם זעלביקן טאָג, איבער שטיינער, וואָס זיינען געפלויגן צוליבן סטרייק, איז ער געקומען אַהיים, ניט בלויז מיט אַ פאַרלאַטעטן שטערן, נאָר אויך מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ . . .

אָבער דער בחור, פון וועמען מיר דערציילן דאָ, האָט גאָרניט גע־שטודירט קיין פּסיכיאַטריע, פּסיכאָאַנאַליז, ווי מען רופט עס. מיט זיין אייגענעם איינגעבוירענעם שכל האָט ער באַוויזן צו באַשיידן אַ פּאָר חלומות'לעך. פריער, צו צוויי אַרעסטאַנטן, מיט אים אין דער תפיסה. דערנאָך צום קייסער אַליין פון דער מדינה. אַזוי, אַז מען באַטראַכט עס, קומט פאַר, אַז אַלע איצטיקע פּסיכיאַטערס, פּסיכאָאַנאַליסטן, מיט פרוידן — דעם באַגרינדער פון דער גאַנצער חכמה — בראש, דאַרפן גיין ביי אים הייצן די הרובע . . .

די צוויי אַרעסטאַנטן זיינען געוועזן דער הויפּט־געטראַנק־מישער און דער הויפּט־בעקער פונעם מושל פון דער מדינה. דער געטראַנק־מישער האָט אים דערלאַנגט ווייַן מיט אַ פליג און דער בעקער האָט

אים צוגעשטעלט אַ שטיקל קוגל, „אָמאַר רעבע לויוויע״, מיט אַ גאַנצן קאַקערוטש . . . נו, האָט מען זייביידע דעפּאַר אַריינגערוקט אין „קוטש״, וואו אונדזער בחור האָט זיך שוין מיט זיין חכמה דערביוועט פאַר אַן אויפזעער.

ויהי הלילה — און עס האָט זיך די צוויי געחלומט חלומות. אינ־דערפרי האָבן זיי ניט פאַרשטאַנען זייער באַטייט און דערפאַר אויסגעקוקט שלעכט, ביז אונדזער אויפזעער דערוויסט זיך ביי זיי פאַר וואָס.

שלאָגט ער זיי פאַר, אַז זיי זאָלן אים דערציילן זייערע חלומות, וועט ער פּילייכט וויסן זיי אויסצולייגן.

דערציילט אים דער ערשטער, אַז עס האָט זיך אים געחלומט, אַז ער שטייט פאַר אַ וויינשטאָק און ער איז מיט דריי צווייגן; האָט ער זיך צעבליט און שטענגלעך מיט ווייַנטרויבן זיינען אַרויסגעוואַקסן און זיינען גלייך רייף געוואָרן, און דערביי האָט ער געהאַלטן דעם קייסערס בעכער אין דער האַנט. האָט ער גענומען די ווייַנטרויבן, אַריינגעקוועטשט זייער זאַפט אין דעם בעכער און אים דערלאַנגט צום קייסער.

באַשיידט ער אים, אַז אין דריי טעג אַרום, נאָך די דריי צווייגן פונעם וויינשטאָק, וועט מען אים אַרויפהויבן צוריק צו זיין פריערדיקער שטעלע, וואו ער וועט ווייטער מישן פאַרן קייסער די געטראַנקען. דערביי בעט ער אים, אַז אויב זיין באַשייד וועט אים מקוים ווערן, זאָל ער אים געדענקען צו טאָן עפּעס פאַר אים און דערביי דערציילט ער אים, ווי אַזוי מען האָט אים אומשולדיקערהייט אַריינגעוואָרפן אין דער תפיסה.

הערט דער צווייטער דעם גוטן באַשייד און ברענגט אים פאַר זיין חלום. ער דערציילט אים, אַז עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער טראָגט דריי קוישן אויפן קאָפּ — איינס אויף ס׳אַנדערע, און אַז דער דריטער קויש איז געווען אָנגעפילט מיט די אַלע געבעקסן, וועלכע ער פלעגט באַקן פאַרן קייסער, און אַז פייגל האָבן זיי אויפגעגעסן. זאָגט ער אים, אַז זיין חלום באַדייט, אַז מען וועט אים אין דריי טעג אַרום אויפהענגען און פייגל וועלן פּיקן פון אים זיין פליש. און אַזוי ווי ער האָט זיי די חלומות באַשיידט, אַזוי זיינען זיי מקוים געוואָרן.

אין אַ פּאָר יאָר אַרום, איינמאָל ביינאַכט, חלומט דער קייסער אַליין פון דער מדינה פונעם „גרויסן קראָקאָדיל״ צוויי חלומות. עס ווייזט זיך אים אויס, אַז ער שטייט ביים טייך און זעט ווי עס קומען אַרויס זיבן פעטע, זייער שיינע קי מיט אייטערס ווי פעסער און שטעלן זיך פּאַשען אין דעם טשערעט. באַלד זעט ער ווידער, ווי עס גייען אַרויס פונעם טייך זיבן אויסגעדאַרטע, איינגעקוואַרטע בהמהלעך, און זיי שלינגען איין די זיבן פעטע. און אַזוי כאַפּט ער זיך אויף. אַ ווײַלע, ווערט ער ווידער אַנטשלאָפן און עס חלומט זיך אים נאָך אַמאָל, אַז ער

זעט אויף אַ שטענגל אויסוואַקסן זיבן זאַנגען, אָנגעפּילטע, אָנגעפּאַקטע מיט קערנער. אַזוי באַלד וואַקסן אַרויס פונעם זעלביקן שטענגל זיבן איינגעדאַרטע, ווי אויסגעדראָשענע זאַנגען און שלינגען איין די זיבן פולע.

אויף מאָרגן לאָזט ער רופן די בעסטע חרטומים, זיי זאָלן אים באַשיידן די חלומות. אָבער קיינער פון זיי לייגט זיי אים ניט אויס שכלדיק. יעדערער טוט אַריין אין זיין באַשייד חניפה און אַן אייגענע כוונה. צום ביישפּיל: לויבט אים איינער אויס ביזן הימל אַריין און זאָגט אים, אַז זיינע חלומות באַווייזן, אַז ער דאַרף אויסשפּרייטן זיין ממשלה איבער אַלע זיבן ימען, און אַז ער דאַרף מאַכן די מלוכות פונעם בער, פונעם לייב, טיגער, העלפאַנט, שלאַנג, ים־קאַטער און פּיפּערנאָטער צו אים אונטערטעניק. אַנדערע, ווידער, וויקלען איין אין זייער פּתרון אַ מיין פּאַר אַ טובה פאַר זייערן אַ וואוילטעטער, ווי, למשל, האָט אים איינער געזאָגט, אַז זיינע חלומות באַווייזן, אַז ער דאַרף לאָזן פלאַסטערן זיבן וועגן אין אַ געגנט, וואָס האָט געהערט צו זיינעם אַ גוטן ברודער. און נאָך איינער, פאַר אַ שיינער מתנה פון אַ גרויסן שקלאַפן־האַלטער, האָט אים דערקלערט, אַז ער דאַרף אַרויסגעבן זיבן דינים קעגן די שקלאַפן: 1) זיי זאָלן וויסן, אַז זיי דאַרפן עסן קרענק מיט קדחת; 2) אַז זיי דאַרפן גיין באָרוועס און נאַקעט; 3) אַרבעטן געטריי און זיין שלאָגלערס; 4) זיי זאָלן צונעמען מיט ליבשאַפט די שמיץ פון זייערע טרייבער; 5) זיי זאָלן ניט אַרויסברענגען קיין שלעכט וואָרט; 6) זיי זאָלן זיך האַלטן יעדער באַזונדער; 7) טאָן אַלץ, וואָס מען וועט פון זיי פאַרלאַנגען.

אַ פּאָר חרטומים, וואָס זיינען געקומען פונעם לאַנד פון גרויסן בער, האָבן אים אויסגעטייטשט, אַז עס וועלן קומען אין זיין מדינה זיבן יאָר פון אַרבעטסלאָזיקייט, פון אַ גרויסן קריזיס, וואו זיינע אונטער־טעניקע וועלן מאַכן זיבן רעוואָלוציעס און אַרויפזעצן אויף זיין טראָן זיבן מושלים און יעדער פון זיי וועט הרגענען מענטשן רעכטס און לינקס. איינער אַ גרויסער פּותר־חלומניק פונעם לאַנד פון גרויסן אָדלער, וועלכער איז אַליין אַפּנים געווען אַ שטאַרקער ווייבערניק, ווייל אַלע זיינע באַ־שיידענישן האָט ער אויסגעבריידט מיט איין וועג, אָדער מיט אַן אַנדערן, מיט דעם איינפלוס פון אַ פרוי, פון דער ווייב, איז אַז מען האָט אים געבראַכט פאַרן מושל פון יענער מדינה, און נאָכדעם ווי ער האָט אויס־געהערט זיינע חלומות, באַשיידט ער אים אַזוי:

די זיבן פעטע און שיינע קי, וואָס ער האָט געזען אויפגיין פונעם טייך, באַווייזן, אַז ער וועט האָבן זיבן פעטע, פּוכקע און זייער שיינע ווייבער; אַז זיי וועלן האָבן אַזוינע היפשע ווייכע בריסט, אַזוי ווי קישנס, אַז עס וועט אים זיין אַ מחיה אויף זיי אָנצושפּאַרן דעם קאָפּ; וועלן זיי זיך איינמאָל גיין צום טייך באָדן, איז ווען זיי וועלן ליגן

אויפן ברעג, לעבן טשערעט, און זיך וואַרעמען אויף דער זון, וועלן אָנשווימען און אַרויסקומען פון טייך זיבן אויסגעדאַרטע, איינגעקוואַרטע ווייבער — ווייבער שוואַנדיעס און דראַניצעס, און זיי וועלן זיך כאַפּן הרגענען און שלאָגן די זיבן פעטע. זיי וועלן זיי צעפּאַטשן און צע־פליאַסקען, אויסרייסן די האָר, זיי אַריינשלעפּן אין טייך אַריין און אַליין קומען צו אים צו זיין זיינע ווייבער . . .

אינעם לאַנד פון „גרויסן קראָקאָדיל" האָבן די בני־אָדם פיינט געהאַט ווייבער שוואַנדיעס און דראַניצעס. האָט דער מושל געפילט זייער שלעכט פון דעם שידוך, וואָס דער באַשיידער פון דעם אָדלער־לאַנד האָט אים דאָ גערעדט. אַז דער געטראַנק־מישער האָט אים געדאַרפט דערלאַנגען אַ גלאָז וויין — קוקט יענער אַזוי אויף אים, אויף זיין קייסער, און עס דערמאָנט זיך אים דער באַשיידער פון זיין חלום, און ער קניט זיך פאַר אים און ער דערציילט עס אים.

אַזוי באַלד איז געקומען אַ שטאָפּעט צו דער תפיסה און מען נעמט פון דאָרטן אַרויס דעם בחור, מען בייט אים איבער זיינע טורמע־קליידער און מען ברענגט אים פאַרן מלך.

„דזשעפּערסאָן - פּאַניושקין"

ווי שוין געזאָגט, איז ער געווען איינער אַ חכם. אָבער דאָ קען אויך זיין, „אָמאַר רעבע לוויויע", האָט אים געשפּילט דער מאָמענט, וואָס ער האָט אָפּגעשטאַמט פון אַ משפחה, וועלכע האָט אַ סך געהונגערט, ביי וועלכער די דאגה „מה נאכל" איז תמיד געווען איינגעקריצט אין זייער זכרון, און ניט בלויז אין „מה נאכל", נאָר אויך אַפילו „מה נישתה ?" — איז אַזוי ווי אין אַלץ, וואָס עס קומט פאָר, זעט זיך יעדערער זיינס . . . בוקט ער זיך פאַרן מושל און דערקלערט אים איינמאָל, אַז זיינע ביידע חלומות מיינען איין זאַך. און ער פאַנגט אָן אים צו באַ־שיידן, אַז עס גייען קומען אין זיין מדינה זיבן גוטע, זאַטע יאָרן . . . אַזוינע יאָרן, וואו פּאַפּאַלעקעס, ציבעלעס, קנאָבל, פּאַסאָליעס, כלערליי אויבסן און פּרוכטן, פליישיקס און מילכיקס, וועט זיין בזיל הזול. און אַז די זיבן מאָגערע קי מיט די זיבן איינגעדאַרטע, אויסגעדראָשענע זאַנגען באַווייזן, אַז באַלד נאָך די זיבן זאַטע, וועלן קומען זיבן הונגער־יאָרן. אַזוינע הונגער־יאָרן, אַז מענטשן וועלן פאַרגעסן ווי עס האָט אויסגעזען אַ פּאַפּאַלעק, אַ ציבעלע, אַ פּרוכט א. אַז. וו. בכן, עצהט ער אים, אַז ער זאָל גלייך באַשטימען אַ פייאיקן מאַן, וועלכער זאָל מיט באַאַמטע אין זיין גאַנצער מדינה איינזאַמלען תבואה און אַלע אַנדערע שפּייזן אין די זיבן זאַטע יאָרן, מיט וועלכע ער זאָל האָבן צו שפּייזן

זיינע אונטערטאַנען אין די זיבן הונגער־יאָרן. און ער זאָגט אים דערביי, אַז דאָס וואָס עס האָט זיך אים געחלומט צוויי חלומות מיטן זעלביקן באַדייט, איז אַ סימן, אַז עס וועט גלייך מקוים ווערן.

געפעלט דעם מושל מיט זיין סוויטע אַרום אים דער באַשייד און ער זאָגט צו אים גלייך, אַז קיין פּייאיקערן, קיין קלוגערן אויף דורכצופירן זיין פּראָיעקט איז אין דער מדינה גאָרניט בנמצא. און שוין באַשטימט ער אים פאַר דעם אַמט און אינגיכן איז ער מיט אים אַזוי צופרידן, אַז ער דערלאַנגט אים דאָס גאַנצע פירערשאַפט פון זיין מלוכה. ער באַשטימט אים, הייסט עס, פאַרן שני למלך. ער באַטיטלט אים אַפילו מיט אַ נאָמען, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי. און כאָטש עס דערקלערט זיך ביי דער געשיכטע דער מיין פון די צוויי נעמען, דענקט נאָך פונדעסטוועגן „רעבע לויוויע״, אום מען זאָל בעסער פאַרשטיין דעם ריכטיקן באַטייט פון זיי, דאַרף מען טאָן אַזוי:

מען דאַרף זיך פאָרשטעלן, אַז אַזאַ מין פאַל זאָל האָבן פּאַסירט היינטיקע צייטן אין אַמעריקע גופא; אַז אַזאַ אַריבערגעקומענער בחור זאָל פאַר זיין חכמה, פאַר זיינע פּראַקטישע פּלענער, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן פאַר דער מדינה, דערהויבן ווערן פונעם פּרעזידענט צו דער העכסטער שטעלע נאָך אים אין דער מלוכה. אַזוינער וואָלט אַפילו גאָרניט געוואָרט ביז דער פּרעזידענט זאָל אים רופן אַ נייעם נאָמען. נאָר אויס דאַנקבאַרקייט צו דער מדינה, אין וועלכער ער איז אַזוי דערהויבן געוואָרן, וואָלט ער אַליין באַלד איבערגעדרייט זיין אייגענעם נאָמען אויף עפּעס אַן אַנגעזעענעם דאָ. ווי, למשל, ווען ער זאָל האָבן געהייסן, לאָמיר זאָגן: יוסלזאָן, וואָלט ער זיך פאַר געוויס פאַרביטן אויף דזשעפערסאָן. אַ נאָמען אַ זייער בכבודיקער אין דער מדינה. ווידער, ווען אַזאַ פאַל זאָל טרעפן מיט אַזוינעם אין סאָוועט־לאַנד, וואָלט ער זיך שוין אַפילו ניט געקענט רופן זינאָוויעוו, קאַמעניעוו, ראַדעק, טראָצקי. וואָרים עס זיינען שוין דאָרט געווען אַזוינע, וואָס האָבן זיך באַטיטלט מיט די נעמען, אָבער זיי האָבן מיט זיי שלעכט אָפּגעשניטן. אין אָנפאַנג זיינען זיי גראָד דאָרטן באַטראַכט געוואָרן מיט גרויס רעספּעקט. אָבער דערנאָך איז געוואָרן אַ שאַנדע, אַ בזיון, אַ חרפּה און אַ בושה זיך צו רופן מיט זיי. ווען מען זאָל אַצינד כאַפּן דאָרטן איינעם, וואָס רופט זיך טראָצקי, וואָלט מען אים צעפּלעט דעם קאָפּ . . . מען וואָלט אים צעפּערטלט און צעכאַטלט. וואָס־זשע דען פאַר אַ נאָמען וואָלט ער זיך געגעבן? „אָמאַר רעבע לויוויע״: פּושקין. פאַרוואָס? ווייל פּושקין איז דאָרט נאָך אַ באַליבטער נאָמען. ער איז דאָך אָבער שוין אַן אַלטמאָדישער? איז פאַראַן דאָרט אַן ענלעכער — פּאַניושקין, וועלכער איז דאָרט איצט אַ גאַנץ באַלעבאַטישער. מען האָט אַזאַ איינעם, מיט אַזאַ נאָמען, אַפילו

געשיקט מיט אַ דיפּלאָמאַטישער שליחות אַהער קיין אַמעריקע. ווידער, אין ענגלאַנד, וואָלט מען אַזאַ בחור געמאַכט פאַר אַ לאָרד . . .

אָבער, לאָמיר ניט טשעפּען ענגלאַנד. לאָמיר זיך באַנוגענען מיט אַמעריקע און מיטן סאָוועטן־לאַנד. הייסט עס, אַז דאָ וואָלט ער זיך גערופן: דזשעפערסאָן, און דאָרטן: פאַניושקין. איי, וועט זיך אימיצער טראַכטן: ווי קומט יאָסלזאָן צו פאַניושקין? איז, אַז בראָנשטיין האָט געמעגט זיין טראָצקי, פאַרוואָס ניט יאָסלזאָן — פאַניושקין? נאָר דער־הויפּט, וואָס מיר ווילן דאָ אויסברייען, אַז דזשעפערסאָן־פאַנוישקין קען זיין גלייך צו די צוויי נעמען, וועלכע יענער קייסער פונעם לאַנד פונעם „גרויסן קראָקאָדיל" האָט אים באַטיטלט . . .

אָבער, שאַט, עס איז דאָ נאָך אַ דעה פאַרן רופן איםביידע נעמען: לויט דער געשיכטע קוקט עס אויס, אַז יענער מושל איז געווען אַ ליבעראַלער מענטש, און אַוודאי ניט קיין אַנטי?איד. פאַרקערט, ער האָט זיי אַלע אַריינגענומען אין זיין מדינה בכבוד גדול. און ווי אַ ליבעראַל, האָט ער געקערט זיין פאַר פריינטשאַפט מיט דער מדינה פונעם גרויסן בער. קען זיין, אַז צוליב פריינטשאַפט־מאָטיוון זיינען די צוויי נעמען, מיט וועלכע ער האָט אים באַטיטלט: איינער אַ קראָקאָדילישער און דער אַנדערער אַ בערישער . . . און כידוע זיינען היינט אויך ליבעראַלן דערפאַר, אַז אַמעריקע זאָל זיין „חבר־לאַפּ" מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד, און אַ פּרעזידענט, וועלכער זאָל דערהויבן אַזאַ בחור צו אַזאַ מלוכה־פּאָסטן, וואָלט דאָך אויך גענאַרפט זיין אַ ליבעראַל. אַלס אַזעלכער וואָלט ער אים נאָך אַליין, צוליב „חבר־לאַפּישע" מאָטיוון מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד, באַווירקט ער זאָל זיך רופן מיט נעמען פון די ביידע. און אַזוי ווי די ערשטע צוויי נעמען, וואָס יענער מושל האָט געגעבן דעם בחור, איז ניט באַוואוסט ווי מ'דאַרף זיי ריכטיק אַרויסברענגען, און אַז די לעצטע צוויי זיינען כמעט דאָס אייגענע, וועלן מיר אים, אַלזאָ, רופן מיט די לעצטע צוויי. הייסט עס: דזשעפערסאָן־פאַניושקין . . .

און דער דזשעפערסאָן־פאַניושקין, הייסט עס, האָט זיך אויף אַ וואונדערלעכן אופן אויסגעצייכנט אין זיין שני־למלכעריי. זיין פּלאַן ווי אַזוי צו באַזאָרגן די מדינה מיט שפּייז פאַר די הונגער־יאָרן האָט ער אַדורכגעפירט גלענצנד; בערג מיט תבואה זיינען אָנגעהויפט געוואָרן אין פאַרזיכערטע שפּייכלערס און אַנדערע עסנוואַרג זיינען איינגעקאַמערט געוואָרן. און אָט פאַנגען זיך אָן די זיבן יאָר פון הונגער. דאַן ווערן פאַרקויפט די תבואות און אַנדערע שפּייזן צו דער באַפעלקערונג פאַר די בעסטע פּרייזן. און דער קייסער מיט זיין מלוכה ווערן נתעשר.

זיינע חלומות זיינען מקוים געוואָרן...

דער הונגער איז אויך געפאַלן אין די אַרומיקע לענדער און אין די מקומות, וואו דעם בחורס משפחה, זיין טאַטע מיט די ברידער האָבן געוואָגלט. מאַסן זיינען געלאָפן אַהינצו נאָך שפּייז און ער האָט גע־וואוסט, אַז פריער אָדער שפּעטער וועלן זיך זיינע ברידער מסתמא אויך באַווייזן. און אַזוי איז געשען: אין איין שיינעם טאָג זיינען זיי אָנ־געקומען און מ׳האָט זיי, לויט די סימנים וואָס ער האָט אָנגעגעבן, געבראַכט פאַר אים.

ער האָט זיי גלייך דערקענט, אָבער זיי אים ניט. ער האָט, פאַר־שטייט זיך, געטראָגן זיין שני־למלכשן טראַכט. און דאָן איז געשען, ווען זיינע חלומות, אַז זיינע ברידער וועלן קומען זיך בוקן פאַר אים, זיינען מקוים געוואָרן. אַצינד איז ער געגאַנגען נעמען פון זיי נקמה... אָבער ער האָט גענומען פון זיי אַזאַ מין נקמה, וואָס דינט פאַר אַ ליכטיקן ביישפּיל פון ברייטהאַרציקייט און מענטשלעכקייט צו די בני־אָדם פון איטלעכן דור. ער האָט ניט אַרויסגעצויגן אַ שאַרפע שווערד און געגאַנגען זיי איבערשניידן די העלדזער, ווי זיי האָבן עס אים געוואָלט טאָן. ער האָט ניט אַראָפּגעריסן זייערע קליידער און זיי אַריינגעוואָרפן אין אַ טיפער, פינצטערער גרוב און נאָכהער פאַרקויפט, יעדן פאַר צוויי צענער־לעך צו שקלאַפן־הענדלער, וועלכע זאָלן זיי נאַקעט שמידן אין קייטן און טרייבן אויף אַ שקלאַפן־מאַרק. נאָר וואָס דען? ער האָט זיי נאָר אָנגעשראָקן:

צוערשט באַשולדיקט ער זיי, אַז זיי זיינען שפּיאָנען; אַז זיי זיינען געקומען אויסקוקן די שוואַכקייטן פון דער מדינה, וואָס דערפאַר קומט זיי דער טויט. זיי זיינען געפאַלן פאַר אים אויף די קני, געבעטן און גערעדט צו אים, אַז זיי זיינען דאָס ניט; אַז נאָר קונים זיינען זיי און זיינען געקומען איינקויפן שפּייז. כדי אים צו איבערצייגן אין דעם אמת פון זייערע דיבורים, דערציילן זיי אים זייער געשיכטע... אַז זיי זיינען צוועלף זין פון איין טאַטן און אַז דער אינגסטער איז געבליבן מיטן טאַטן, און אַז דער עלטערער ברודער, וואָס איז מיט יענעם פון איין מאַמע, איז פאַרלוירן געגאַנגען. הייסט ער זיי דאָן שיקן איינעם צו ברענגען דעם קלענסטן ברודער, צו באַווייזן, אַז זיי זאָגן ניט קיין ליגן. דערווייל, זאָגט ער, וועט ער די איבעריקע פאַרהאַלטן פאַר אַ משכון און ער באַפעלט זיי צו פאַרשליסן אין תפיסה.

אין דריי טעג אַרום פירט מען זיי ווייטער פאַר אים, און ער זאָגט זיי, אַז זיי זאָלן אַלע גיין ברענגען דעם אינגסטן ברודער און אַז נאָר איינעם וועט ער פאַרהאַלטן פאַר אַ משכון.

זיי ווערן דאָן שטאַרק דערשראָקן און זיי דערמאָנען זיך די גרויסע

עבירה, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען קעגן זייער ברודער, און איינער זאָגט צום צווייטן, אַז אַצינד איז אויף זיי געקומען די שטראָף . . . דער עלטסטער רעדט צו זיי מיט פאָרוואורף, ווי ער האָט זיי געוואָרנט ניט צו טויטן דאָס אינגל.* און זיין פאַרגאָסן בלוט פאָדערט איצט נקמה . . .

דער שני־למלך, דער דזשעפערסאָן־פּאַניושקין, ווי מיר רופן אים דאָ, האָט פאַרשטאַנען זייער לשון און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין זיינע אויגן. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, געהייסן בינדן דעם צווייטן ברודער. און געטאָן האָט ער עס דערפאַר, ווייל ער איז, מער ווי די איבעריקע, באַשטאַנען, אַז מען זאָל אים נאָר קוילענען. ער באַפעלט מען זאָל אָנפילן זייערע כלים מיט תבואה, צוריק אַריינצולייגן זייער געצאָלטס; ער גיט זיי עסן אויפן וועג און הייסט זיי גיין.

אויפן וועג עפנט איינער דעם זאַק און געפינט דאָרט זיין געצאָלטס. ווערן זיי נאָך מער דערשראָקן, מען זאָל זיי ניט מאַכן פאַר קיין גנבים. דערשלאָגענע, פאַרזאָרגטע, קומען זיי אַהיים און דערציילן זייער אַלטן טאַטן אַלץ, וואָס האָט זיי געטראָפן.

ווען זיי האָבן אויסגעליידיקט זייערע זעק פון דער תבואה, האָבן זיי אַלע געפונען זייערע באַצאָלטע געלטער. זיי זיינען דאַן געוואָרן שטאַרק באַטריבט. דער אַלטער טאַטע באַקלאָגט זיין צווייטן זון און וויל זיי ניט געטרויען דעם אינגסטן, מיט וועמען זיין האַרץ איז געווען צונויפגעבונדן.

דער הונגער האָט זיך געשטאַרקט. זיי האָבן שוין אויפגעגעסן אַלץ, וואָס זיי האָבן געבראַכט, און אַלע מיט זייערע געזינדן הויבן אָן אויס־גיין פאַר אַ ביסן.

דער פּערטער זון רעדט צום פאָטער, ער זאָל מיט זיי שיקן דעם אינגסטן ברודער און ער גאַראַנטירט פאַר אים מיט זיין אייגענעם לעבן, אַז ער וועט אים צוריקברענגען. וואָרים זיי גייען אַלע אויס פון הונגער. הייסט ער זיי מיטנעמען מתנות פון געווירצן, זיסקייטן און מאַנדלען און דאָס געפונענע געלט, און עס אומקערן. די ברידער האָבן זיך דאַן צוריק אַוועקגעלאָזט צום לאַנד פון „גרויסן קראָקאָדיל“.

ווען דער שני־למלך האָט זיי דערזען, האָט ער זיי צוערשט געפרעגט: וואָס מאַכט עפּעס זייער טאַטע, וועלכער איז, פאַרשטייט זיך, אויך געווען זיין טאַטע. דאַן האָט ער דערבליקט זיין קלענערן ברודער, דעם וואָס איז געלעגן מיט אים „אונטער איין האַרץ“. ער האָט זיך געאיילט — טרערן! — איז אַריין אין אַן אַנדער חדר, וואו עס האָט נאַס געמאַכט די ערד . . .

---

* ער׳ט ניט געוואוסט, זיי האָבן אים פאַרקויפט.

ער האָט זיך אָפּגעוואַשן דאָס פּנים, אַרויס צו זיי און האָט געלאָזט פּראַווען פאַר זיי אַ סעודה. ער נעמט אַ בעכער, קלינגט אין אים און רופט זיי אויס, יעדן ביי זיין נאָמען, און זעצט זיי אויס איינעם נאָכן אַנדערן, נאָך זייערע יאָרן. און זיי וואונדערן זיך זייער דערויף, פון־וואַנען ער ווייסט עס. ער שענקט זיי מתנות; זיין ברודער, פון איין מאַמע — מתנות, פאַר פינף מאָל אַזוי פיל.

ער באַפעלט אָנצופילן זייערע זעק מיט תבואה, הייסט אַריינלייגן דעם בעכער אין זאַק פונעם קלענסטן און שיקט זיי אַלעמען אַוועק בשלום.

אויפן וועג יאָגט זיך צו זיי אַ שטאַפעט און לאָזט זיי וויסן, אַז עס פעלט דעם שני־למלכס בעכער, און אַז דער בעכער איז ביי אים אַ „וואונדער־בעכער", מיט וועלכן ער אַנטפּלעקט פאַרבאָרגענע זאַכן . . . און אַז מען איז זיי חושד, אַז זיי האָבן אים צוגעלקחנט . . .

ענטפערן זיי אַלע מיט איין קול, אַז ביי וועמען מען וועט אים געפינען, זאָל מען אים דערשלאָגן. קערן זיי איבער זייערע זעק און מען געפינט ניט. עפנט מען דעם זאַק פונעם קלענסטן און מען אַנטדעקט דעם בעכער. ווערן זיי אַלע דערשראָקן און פאָרן מיט אים צוריק און פאַלן דעם שני־למלך צו די פיס, בעטן רחמנות און ער פאַרזיכערט זיי, אַז מען וועט זיי קיינעם ניט אומברענגען; אַז נאָר דעם, ביי וועמען מ'האָט געפונען דעם בעכער, וועט ער פאַרהאַלטן פאַר אַ שקלאַף . . .

דאַן טרעט אַרויס דער פערטער ברודער, וועלכער האָט זיך פאַר אים גאַראַנטירט, און בעט אים, ער זאָל בעסער אים נעמען פאַר אַ קנעכט, און ער באַווייזט אים, אַז ער איז שטאַרקער און פייאיקער. ער דערציילט אים, אַז ער קען ניט קומען צוריק צום פאָטער אָן אים. ער גיט אים איבער, ווי אַזוי דער אינגסטער ברודער איז געבליבן ביי זיין טאַטן איינער פון זיין געליבטער ווייב, און ווי אַזוי נאָך איינעם, דעם עלטערן, האָט אַ חיה אויפגעגעסן . . . ווי אַזוי זיין טאַטנס האַרץ איז צוגעבונדן צו אים. ער זאָגט, אַז טאָמער וועט ער אים ניט זען, וועט ער פון גרויס צער, אין זיין עלטער, גיין אין קבר אַריין. ער וויינט פאַרן שני־למלך ביטער, ער זאָל רחמנות האָבן אויף זייער אַלטן טאַטן.

מער האָט זיך שוין אונדזער שני־למלך ניט געקענט איינהאַלטן. ער האָט אַ געשריי געטאָן, מען זאָל אַלע אַנדערע אַרויסציען און ער האָט אויפגעהויבן זיין קול מיט געוויין און אויסגערופן פאַר זיי, אַז דאָס איז ער, זייער פאַרלוירענער ברודער, וועמען זיי האָבן פאַרקויפט צו שקלאַפן־טרייבער. טרערן גיסן זיך פון זיינע אויגן און ער פרעגט:

— מיין אַלטער טאַטע לעבט נאָך ? . . .

ווי אַזוי עס איז שוין צווישן זיי ווייטער פאָרגעקומען — די הויפּט־זאַך איז, וואָס ער האָט זיי באַלד אַלעמען, מיט זייערע געזינדן, מיטן

טאַטן, אַריבערגעבראַכט; זיי באַזעצט אין אַ פּאַסיקן געגנט און באַזאָרגט מיט אַלעם גוטן פון דער מדינה.

נו, האָבן זיי דאַן אַביסל אָפּגעלעבט. פאַר אַלע צייטן, וואָס זיי און זייערע אָבות האָבן זיך געוואָגלט אין וויסטעניש, וואו אַ ביסן איז אָפט גאָרניט געווען בנמצא, האָבן זיי אַצינד געהאַט וואָס צו דער־לאַנגען דעם מויל.

און לויט ווייטערדיקע באַשרייבונגען פון זייער געשיכטע, זיינען זיי ניט געגאַנגען צו די דאָרטיקע זאָגן: „ברוכים היושבים", און געוואָרט מען זאָל זיי בעטן: „קומט עסן", נאָר זיי האָבן זיך אַליין געזעצט צום „טאָפּ פליישׂ". פיש האָבן זיך דאָרט אויך געפונען לרוב; ציבעלעס מיט קנאָבל, קאָן מען באַווייזן, האָט דאָרט אויך ניט געפעלט. האָבן זיי שוין מסמתמא — מסתמא? פאַר געוויס! — איינגעהאַקט די פיש מיט גענוג ציבעלעס, מיט קנאָבל; געווירצן האָבן זיי אויך געדאַרפט האָבן — זיי האָבן זיי דאָך שוין פריער געבראַכט צום שני־למלך, און אפשר טאַקע אויך כריין . . . און האָבן שוין מיט זייערע פאַרהאַרטעוועטע געשמאַקן געקענט פילן אין עסן אַ טעם.

אַז עס איז מיט זיי אַזוי געווען, קען מען זען פון צוויי באַשריבענע מאָמענטן פון זייער געשיכטע:

ווי עס ווערט דערציילט, האָבן זיי אין יענער מדינה געלעבט אַ בעסערן טאָג נאָר אַזוי לאַנג, ווי דער ברודער זייערער, דער דזשעפּערסאָן־פּאַניושקין, איז דאָרט געווען שני־למלך. אָבער אַז ער איז געגאַנגען דעם וועג פון אַלע אַנדערע בני־אָדם, און דער מושל, וועלכער האָט פון זיי געהאַלטן, האָט אויך ניט געלעבט אייביק — אַ טאָג, האָט ער אויס־געצויגן די פיס און אויס קאַפּעליוש־מאַכער; האָט זיך אויף זיין שטול געזעצט הערשעווען איינער, וועלכער ווערט באַצייכנט אַן אשר לא ידע דעם דזשעפּערסאָן־פּאַניושקין, אָדער: דראַלדליפּסנאָקיב, ווי מען וואָלט אַזוינעם גערופן אין דער מדינה פונעם גרויסן לייב . . . אשר לא ידע, „אָמאַר רעבע לוויוויע", קען איך מיינען — אשר לא יידן . . . זייערא שונא, וואָס האָט ניט געוואָלט וויסן פון אים. ניט בלויז פון אים, נאָר פון זיין גאַנצער משפחה, וועלכע זיינען שוין געווען דער צווייטער אָדער דער דריטער דור פון די ערשטע אַריבערגעקומענע. זיי האָבן אים געשטאָכן אין די אויגן, און מיט זיין רעדל נעמט ער זיך קליגן, ווי אַזוי צו לייגן זיי מיטן קאָפּ אין דער ערד אַריין. באַלד באַפעלט ער צו מאַכן זיי פאַר שקלאַפן, וואו מען קאַטעוועט זיי ביי די שווערסטע אַרבעטן. און אַזוי הייסט ער זיי אַלע זייערע ניי־געבוירענע זכרים וואַרפן אין טייך אַריין. בקיצור, עס איז זיי געוואָרן שלעכט, ביטער ווי דער טויט.

דערציילט זיך ווייטער אין זייער געשיכטע, אַז זייער ג׳, דער ג׳ פון זייערע אָבות, האָט געזען זייער באַצווינגעניש און געשיקט זייַנעם אַ שליח פאַר זיי אַ משיח. האָט ער זיך אָפּגערעכנט מיטן פינצטערן מושל, ביז ער האָט זיי אַלע אַרויסגעצויגן פון דער מדינה. אָבער אַרויס־גייענדיק פון דאָרט, איז זיי ווידער פאַרגעקומען צו שטעלן פיס אין אַ וויסטעניש, אָן וואַסער און עסן. קען מען דאָך אָן די צווויי זאַכן קיין לאַנגע שהיות ניט מאַכן? איז זיי שלעכט. קריגן זיי אויף זייער באַ־פרייער און שרייען: הלוואי וואָלטן זיי בעסער באַקומען די מיתה ביי דער שקלאַפעריי! דערביי ברענגען זיי פון פאַרצווייפלונג אַרויס, וואָס זיי האָבן דאָרטן געגעסן. זיי זאָגן, אַז זיי האָבן זיך געזעצט ביי אַ טאָפּ מיט פלייש און אַ לאַבן ברויט . . .

אַ צווייטן מאָל קומט פאָר, ווען עס האָט זיך זיי שרעקלעך דערעסן דער מאכל, וואָס איז פאַר זיי טעגלעך געפאַלן פונעם הימל. האָבן זיי געמאַכט אַ בונט און מיט ביטערע טרערן געקלאָגט, ווי אַזוי ער איז זיי שוין נמאס ומאוס . . . דערביי ברענגען זיי אַרויס, ווי אַזוי עס בענקט זיך זיי נאָך די פיש, מיט די ציבעלעס און קנאָבל, וואָס זיי האָבן אין לאַנד פונעם „גרויסן קראָקאָדיל״ געגעסן, און זיי זייַנען שוין אַפילו געווען גרייט זיך אומצוקערן צו דער פינצטערער שקלאַפעריי . . .

פון די צוויי מאָמענטן ווייסן מיר שוין, וואָס זיי האָבן דאָרטן געגעסן . . .

זייער געשיכטע איז דורכגעוועבט מיט מאָמענטן פון הונגער. זיי האָבן זיך ניט געקענט דערביוען צו קיין לייטישן מקום. די גוטע פלעצער זייַנען שוין געווען פאַרכאַפּט פון אַנדערע בני־אָדם, וועלכע האָבן זיך ניט געוואָלט צו זיי דערקענען. האָבן זיי זיך אַרייַנגעדרונגען אין אַזאַ מין אָרט, פלעגן די אַלטגעזעסענע, פאַרמאָגנדיק אוצרות מיט אכילה, ניט צולאָזן זיי קיין ביסן. האָבן יענע דערזען, זיי האַלטן עפּעס אַ שטיקל סקאָרינקע, פלעגן זיי עס ביי זיי אויסרייסן מיט די ציין. כסדר געבילט אויף זיי, ווי כלבים. און ניט זעלטן זיי באַפאַלן און געריסן פון זיי שטיקער. ביז צום סוף האָבן זיי געמוזט שטעלן פוס פון די מקומות, וואו די אויגן האָבן זיי געטראָגן.

ווען זיי האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פונעם לאַנד פון „גרויסן קראָקאָדיל״, האָבן זיי, נאָך יאָרן, טאַפּטשענדיק אין וויסטענישן, זיך אַרייַנגעדרונגען אין שוין ניט אַזאַ פּוסטן געגנט, איבער וועלכן זיי זייַנען ענדלעך געוואָרן אַליין די באַלעבאַטים. פלעגן זיך דאָרט אויך מאַכן יאָרן פון שרעקלעכן הונגער.

און ליידן פון הונגער איז פּאַסקודנע. ער איז דער גרעסטער שונא פון די בני־אָדם. אויך פון די בני־לייבן, בני־פוקסן. די איינציקע אַמוניציע

מט אים מלחמה צו האַלטן, איז אכילה. זי איז אָבער ניט לייכט צו באַ־קומען. מען דאַרף אָפט ריזיקירן דערפאַר מיטן לעבן. מען מוז עס אָבער טאָן, אַז ניט — קומט דער הונגער און נעמט אָןביים פּופּיק און דרייט: „זה חליפתי, זה תמורתי" . . . האָבן שוין די בני־אָדם די אַמוניציע, דאַרפן זיי אַלע מאָל אָנשטאָפּן זייערע ביקסן. מיט איין מאָל קען מען אים ניט אָוועקלייגן. מען קען אים גאָרניט אײנגאַנצן ניט מאַכן די מיתה. דאָס איינציקע — אַביסל פאַרטרייבן.

אויב אָבער פאַר אַלע אַנדערע בני־אָדם איז שווער צו קריגן די אַמוניציע, אַז זי פאַר די אַלעסער געווען ק"ן אלפים מאָל שווערער. דערפאַר זיינען זיי געווען להוט נאָך איר. נאָר פונדעסטוועגן זיינען זיי ביי איר געווען איבערקלייבעריש. כמעט אַלע אַנדערע, צו פּטור ווערן פונעם הונגער, וועלן זיי אכלען יעדע זאַך; אַפילו אַזוינע מיאוסקייטן, ווי זשאַבעס און ווערים, ראַקעס און חזירים . . . דערביי לייגן זיי אויף ביידע באַקן דעם חזיר מיטן בלוט, מיט פעטס. געוויסע בני־אָדם, ראַטע־ווען זיך פונעם הונגער, פרעסן זיי זיך אַפילו איינס דאָס אַנדערע. אָבער די אַלעסער פלעגן נאָר אַכלען בהמות, ציגן, שעפּסן, געוויסע מינים עופות און פיש. דערביי האָבן זיי קיין בלוט אַפילו קיין לעק ניט געטאָן: די פליישן פלעגן זיי ווייקן און זאַלצן, ביז עס איז אַרויס פון זיי די גאַנצענע רויטע „יוכע". די מורא פאַרן הונגער איז ביי זיי געווען אַזוי גרויס, אַז זיי פלעגן זוכן זיך באַוואָרענען מיט אכילה פאַר יאָרן, וואו זיי פלעגן זיך דערפאַר אַפילו ניט אָפּשטעלן פון רייסן איינער ביים צווייטן דעם ביסן.

„וואָס ווייניקער דער עולם, אַלץ גרעסער איז די סעודה"

וואַסער־פירער ביי זיי האָבן געמאַכט אַ סעודה: אויף די טישן זיינען געווען אויסגעשטעלט קריגעלעך מיט כריין פאַר די פיש, וואָס מען וועט זיי דערלאַנגען. דער כריין איז געווען אַ נאַר־וואָס אָנגע־ריבענער. זאָגט ביים טיש איינער צום צווייטן, אַז דער כריין שמעקט עפּעס מיט זשעגעכץ. הויבן די לעצטע אויף די קריגעלעך און שטעלן זיי צו צו דער נאָז, האָבן זיי פאַרוואָרפן דעם קאָפּ . . . מען האָט זיי געפּאַטשט אין פּלייצע, געדרייט דעם קאָפּ, אָבער אייניקע ביים טיש האָבן דערוויל ניט געקענט עסן די פיש, האָבן די איבעריקע אויך געהאַט אויפצועסן זייערע פאַרציעס פיש . . . נאָך די פיש האָט מען זיי אויפ־געגעבן דאָס געדעמפטס; יעדן דווקא אַ באַלעבאַטישן טעלער. דאָס גע־דעמפּטס, מיט די ציבעלעס, מיטן קנאָבל, האָט געשמעקט; נעמט איינער קוקן אויפן אַנדערנס טעלער. און וואָס טוען זיי? — טפו, טפו! —

איינער אינעם צווייטנס טעלער אַריין . . . זיי האָבן דאָס ניט אויפֿ־געהערט, ביז ענדלעך האָבן דאָס איניקע פֿאָרט ניט געקענט פֿאַרטראָגן און האָבן אָפּגערוקט זייערע טעלער. האָבן זיי די איבעריקע צו זיך צוגעדרייט און אויפֿגעגעסן . . . אָבער דאָס איז ניט דער איינציקער אופֿן, מיט וועלכן זיי פֿלעגן רייסן ביים צווייטן דעם ביסן פֿון מויל . . .

זיי זיינען ביי זיך געווען גאַנצע תקיפֿים און עקשנים. עקשנים? אוי, עקשנים! אין זייער געשיכטע אַליין ווערן זיי אָנגערופֿן אַ פֿאָלק פֿון עקשנים. ווי אַזוי איינער האָט ניט גערעדט צו זיי וועגן אַ וויכטיקן ענין, האָבן זיי זיך פֿון אים ניט געלאָזט דינגען. וואָס איז געווען די עצה זיי אַריינצוקריגן, זיי זאָלן מיטשטימען? — אַ סעודה! אַז מען האָט זיי געלאָזט וויסן — אַ סעודה, זיינען זיי געקומען, זיך אויסגעזעצט ביי די טישן. באַזונדערס אַמלעצטן איז דאָס אַזוי געווען. „אָמאַר רעבע לויוויע", אַז דאָס וועט גאָרניט אויסמאַכן, בשום אופֿן ניט קאַליע מאַכן, חברים און חברטעס, דאָס אייך צו לאָזן וויסן. — און אויב מען האָט זיי דערלאַנגט פֿאַרציעס איינגעהאַקטע פֿיש און עס איז געשטאַנען דערביי דער ריכטיקער כריין, נאָר־וואָס אָנגעריבענער, האָבן זיי זיך געלאָזט אויסהערן, איינטונקענדיק דערביי, פֿאַרשטייט זיך, אַ שטיקל פֿיש און כריין . . . און נאכהער, אַז מען האָט זיי אויפֿגעגעבן דאָס גע־בראָטנס און דערביי נאָך אַביסל משקה, מיט גענוג איינגעזייערטס צום פֿלייש, ווי ביים אָנפֿאַנג — אַ טעלער מיט יויך, מיט רייז, מיט לאָקשן, מאַנדלען, קאַשע, און צום סוף — אַ פֿיינעם קאָמפּאָט, איז פֿאַרשוואונדן זייער עקשנות און זיי זיינען געוואָרן ווייך ווי לעמעשקעס . . .

וואָס דאַרף מען האָבן דאָס?

דער באַשעפֿער פֿון אַלץ און גאָר, דער ב' האָט זיי אַליין אויס־געוויילט פֿאַר זיין פֿאָלק. פֿונדעסטוועגן, מאַכן זיי אויספֿירן זיינע געבאָטן — אַ נעכטיקער טאָג! פֿאַרקערט, זיי האָבן אים נאָך גאָר אָפּט ווידער־געשפּעניקט. ער זיצט אויפֿן הימל, לויט עס ווערט ביי זיי באַשריבן, האָט ער נאָך אויסגעאַרבעט די תקנות פֿאַר זיין וועלט־באַשאַף. האַלטנדיק די תקנות שוין איבערצוגעבן צו זיי, האָט ער זיי ניט אַרויפֿגענומען פֿון אויבן צו אים, נאָר ער האָט זיך אַליין, בכבודו ובעצמו, אַראָפּגעשטעלט פֿונעם הימל אויף אַ באַרג צו זיי, און האָט אַליין די תקנות פֿונעם באַרג פֿאַר זיי פֿאַרגעזאָגט, און זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַזוינע וואונדער־לעכע, וואָס טאַקע נאָר אַ באַשעפֿער פֿון אַזאַ וועלטעניו האָט געקאָנט אויסמלאכהן! און בעת ער האָט זיי אַרויסגעבראַכט, האָבן זיי פֿון זיינע ליפּן, ווי געוואַלדיקע בליצן, צעשפּאָלטן און צעטראַסקעט דעם

הימל אויף שטיק־שטיקעלעך! און זיין קול האָט זיך, ווי שרעקלעכע דונערן, געקראַכט און געקייקלט איבער דער ערד, אַז די גאַנצע וועלט האָט זיך געטרייסלט. די גרעסטע בערג האָבן זיך געשאָקלט, ווי ווערבעס פאַר אַ שטורעם. די ימים האָבן זיך געהוידעט, אַז זיי האָבן זיך שיער ניט איבערגעקערט און אויסגעגאָסן; די טייכן האָבן זיך געשטויסן אין ווילדע געלויפן, ווי איבערגעשראָקענע שעפסן, און עס האָט געשיינט, אַז עס איז געקומען דער סוף . . . פונדעסטוועגן, זעענדיק דאָס אַלץ, האָבן זיי זיך ניט אָנגעכאַפּט הענדום־פּענדום פאַר זיי. ערשט אַז ער האָט פונעם שפּיץ איבערגעבויגן אויף זיי דעם באַרג, האָבן זיי מסכים געווען . . .

דערנאָך האָבן זיי די תקנות ניט אָפּגעהיטן. אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק האָבן זיי זיך אויסגעפונען אַן אַנדער גאָט. אַ גאָט? אַ געץ! באַלד נאָכן מקבל זיין די תקנות, האָבן זיי געמאַכט פאַר אַ גאָט — אַ קעלבל, נאָך אַ גאָלדנס! און געטאַנצט אַרום דעם ווי משוגעים. ווייטער האָבן זיי געדינט צום גאָט פון פייער: געבראָטן פאַר אים זייערע קינדער; צו דער געטיכע פון זנות: געפּראַוועט פאַר איר אויס־געלאַסענע, אומווירדיקע שטיק. נו, האָבן זיי זייער אייגענעם אַריינ־געבראַכט אין כעס, און ער האָט זיי שוין ניט איין מאָל געוואָלט אינגאַנצן פאַרטיליקן. אָבער אַזוי ווי ער האָט זיי אַליין אויסגעקליבן, האָט ער פריער געשיקט צו זיי זיינען פאַרלעסלעכע פאַרשטייער, אַפּנים ניט געוואָלט זיי שוין אַליין אָנקוקן, זיי זאָלן רעדן צו זיי, אַז זיי זאָלן אויפ־הערן זינדיקן מיט פרעמדע געטער. און די זיינען געקומען און זיך אָפּגעגעסן מיט זיי דאָס האַרץ און זיי געוואָרנט, אַז טאָמער וועלן זיי ניט אויפהערן, וועלן זיי זיך אויסריכטן פון זייער אמתדיקן, פונעם ב׳, אַ שוואַרצן, אַ פינצטערן טאָג. ווי אַזוי די האָבן טאָקע צו זיי מיט צער און צאָרן אויסגערופן: „כה אָמר ד" . . . ער וועט ברענגען אויף אייך אַ שוואַרצן, אַ פינצטערן טאָג! . . . און ער האָט אויף זיי אָנגעבראַכט מער ווי איין שוואַרצן טאָג. טעג, ווען מען האָט זיי געשמיסן, געפּאַסעוועט, געברענט און געבראָטן, געקוילעט און געשאָכטן, זיי פאַרשלעפּט פון זייער היים אין מקומות, געקאָוועט אין קייטן. אָבער וואָס ער האָט צו זיי ניט געטאָן, האָט ווייניק געהאָלפן. דאָס בעסטע, וואָס ער האָט דערגרייכט, לויט די באַשרייבונגען, איז — זיי האָבן אים געדינט נאָר צו־ביסלעכווייז . . .

ענדלעך, האָט זיך פאַרט אַרויסגעבראַכט פון אים די זאַך, וואָס האָט געהאָלפן, אַז זיי זאָלן אים נעמען דינען געטריי און איבערגעגעבן. און געווען איז די זאַך ניט גראָד אַ מין פורעניות, ווי למשל: אַ מבול, אַ

שטורעם־ווינט, אַ שרפה, מגפה, עפּעס אַ חיה רעה, ווי אַ גרויסער לייב, אַ גיפטיקע שלאַנג, אַ לינד־וואָרעם — ניין! נאָר וואָס־דען?

די אוילאָמאַבע, עולם הבא!

נעמלעך, זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַפילו ניט גלייך פונעם ב׳ זעלבסט, ער האָט עס אַליין זיי קיינמאָל ניט געזאָגט, אָבער פון זיכערע קוועלן, אַז פאַר די אַלע, וואָס האָבן אים געדינט געטריי אויף דער וועלט, וועט ער נאָכדעם, ווען זיי וועלן קומען אויף יענער וועלט, געבן אוילאָמאַבע.

פון וואָס וועט עס אַזוינס באַשטיין די אוילאָמאַבע?

ערשטנס, וועט מען זיי אַלע דאָרטן, אויף יענער וועלט, אַריינגעמען אין גן־עדן, וואו זיי וועלן פאַרברענגען אין די טייערסטע און די פיינסטע באַקוועמלעכקייטן און געניסן פון די בעסטע פאַרגעניגס ביז משיח וועט קומען . . . און ערשט נאָכדעם ווי משיח וועט קומען, לעתיד לבוא, הייסט עס, וועט ער פאַר זיי פּראַוווען אַ סעודה, וואָס אַזעלכע איז נאָך קיינמאָל ניט געפּראַוועט געוואָרן.

זיי האָבן זיך אַפילו דערוואוסט, אַז ער האָט שוין פאַרטיק געמאַכט אַן אָקס, אַזאַ מין אָקס, וואָס עסט אָפּ אַלע פרימאָרגן טויזנט בערג מיט פאַ־שע! און אויך אַזאַ מין ריזיקן פיש, וועלכער פאַרשפרייט זיך מיט זיינע פלסיפעדערן איבער די אָפּגרונטן פון אַלע ימען, וואָס אויף זיין רוקן האָט ער אויפגעשטעלט די וועלט... ווי אויך האָט ער פאַר איר אָנגע־גרייט וויין, נאָך אין ששת ימי בראשית, וואָס איז אָפּגעהיט ביי אים אין די קעלטערן.

וועגן דער צוגרייטונג פון דער סעודה:

ביי זיי זיינען אַפילו פאַראַן אייניקע פּרטים וועגן דעם. אָבער „אָמאַר רעבע לוויויע״, לויט גרויסע סעודות זיינען געפּראַוועט געוואָרן, וועט זי קענען געמאַכט ווערן אַזוי:

פריער פון אַלץ וועט זייער כביכול אַליין דאַרפן אַוועקשעכטן דעם אָקס. ווייל קיין פּראָסטער שוחט וועט עס בשום אופן ניט קענען באַ־וויזן: קוילענען אַזאַ מין עקסעלע. דער חלף אַליין אויף איבערצוציקען, וועט דאַרפן זיין לאַנג פון ויצא ביז כי תצא — אַ סך, אַ סך לענגער, וואָס אַ געוויינלעכער שוחט וואָלט אים אַפילו ניט געקענט אַ ריר טאָן פונעם אָרט. און כידוע, מוז מען אים איבערכיקען פלינק.

ווידער, דעם פיש, וועט ער דאַרפן אַליין כאַפּן און אַרויסהויבן פון אונטער די אָפּגרונטן. אַפילו ששים רבוא שמשון הגיבורס, פון וועלכע יעדער איינציקער זאָל קענען, פונקט ווי דער ערשטער, אויסרייסן אַ טויער פון אַ שטאָט און אים אַוועקטראָגן אויף אַ באַרג, וואָלטן זיך מיט אים נאָר אונטערגעריסן. דערביי פאַרשטייט זיך, איידער ער׳ט אים קענען אַרויסהויבן, וועט ער דאָך פריער דאַרפן צעוואַרפן די וועלט, וואָס ער האָט אויף אים אַוועקגעשטעלט.

ביים אָפּשינדן, צעשניידן און אויסבדקענען דעם אָקס, וועט זיך זייער כביכול קענען באַנוצן מיט די קצבים און בדקנים, וועלכע, אַ דאַנק זייער געטרייען דינען צו אים, „אָמאַר רעבע לויוויע", וועלן שוין זיצן ביי אים אין גן־עדן אין געוואַלדיקע צאַלן. אויך אַזוי מיט די סאַרווער, אויף צעשניידן און אָפּקאָכן די פיש. ביים כשר מאַכן דיביידע פליישן, וועט מען אויסשיטן די גאַנצע זאַלץ און פאַר געוויס אויסגיסן אַלע טייכן.

דאָס אָפּקאָכן:

אָמאַר רעבע לויוויע: אויף דער מערב זייט, ווען די זון וועט זיך אָנפאַנגען אַראָפּזעצן, וועט זיך צעברענען און צעגליִען דורכאויס אַ קאַלך־אויוון, ביי וועלכן אַלץ — די פיש און די פלייש — וועט אָפּגעקאָכט ווערן . . . ואָמאַר רעבע לויוויע: אַז דער כביכול זייערער וועט באַשטימט לאָזן אויסגרייטן פאַר דער סעודה די פיינסטע געבעקסן, די שענסטע קוילעטשן, פיינקוכנס, פּוטער־קוכנס, טאָרטן, קומיש־ברויטן און שטראָדלען. די שטראָדלען וועלן קענען געבאַקן ווערן אין די בעקנס, אין וועלכע עס ליגן ביי אים די רעגנבויגנס, און עס וועט אויך ניט פאַרזען ווערן די סעודה פון צימעסן, קאָמפּאָטן, פּרוכטן און אויבסן . . .

ואָמאַר רעבע לויוויע: און אַלע וועלן שוין זיצן ביים טיש און דערוויל קוקן אויפן אויסגעשטעלטן וויין, אויף די צוגעשניטענע שטיקלעך טאָרט, לעקעך, קומיש־ברויט און שטראָדל; אַ סך וועלן זיך פאַרגלייכן דעם געשיר. וועט שוין אויך דאַן אַריינקומען בכבודו ובעצמו דער אַלמעכטיקער זייערער. מיט אים וועלן אויך אַריינשטעלן פיס אַ גאַנצע סוויטע פון גאָר געהויבענע ביי אים לייט — לייט, וואָס האָבן מיטן גרעסטן מסירת־נפש געלייסטעט פאַר אים זייער דינסט, זיך מקריב געווען צו מאַכן אומעטום זיין נאָמען גרעסער און באַרימטער פון אַלע אַנדערע געטער . . .

ווי נאָר ער וועט זיך באַווייזן, וועלן זיך אַלע אויפשטעלן און מיטן כאָר, דעם אויסדערוויילטן פון די גרעסטע חזנים און זינגער, וועלכע

וועלן זיך אַוודאי האָבן געפונען אין גן־עדן, ווייל — וועלכע נאָך האָבן זיך אַרויסגעצייגט צו דינען אים אויף דער וועלט געטרייער און האַרציקער ווי זיי ?... — וועלן זיי ניט נעמען אויפהויבן זייערע קולות מיט „קדוש, קדוש, קדוש", ווי זיי פלעגן עס טאָן פון אונטן, אויף דער וועלט, נאָר זיי וועלן אָנהויבן זינגען די נייע ליד פון קבלת־פנים, וואָס איז אָן אַ שיעור שענער און האַרציקער. אַזוי וועלן זיי זינגען: לאָמיר אַלע אין איינעם, אין איינעם אונדזער אַלמעכטיקן מקבל פנים זיין! . . . לאָמיר אַלע אין איינעם, לאָמיר אַלע אין איינעם אים מקבל פנים זיין! . . .

פון זיין צורה וועט זיך דאַן שפּרייטן אַ ליכטיקייט, וועלכע וועט בלענדן ווי אַלע זונען; אַזוי, אַז קיינער וועט ניט קענען אין איר אַריינקוקן. טאָמער וועט אימיצער פּרוּוון, וועט ער גלייך בלינד ווערן . . .

וועגן זיין הלבשה

אָמאַר רעבע לויויע: ער וועט גיין אָנגעטאָן, אין אַ מאַנטל, קאַפּאָטעס מיט שפּאַלטן פון הינטן וועלן שוין דעמאָלט האָבן אַרויס פון דער מאָדע. אָבער ער וועט זיין וואונדערלעך, גרויסאַרטיק שיין! פון הימל־קאָליר, באַצירט מיט גרעסערע און קלענערע איידל־שטיינער: דימענטן און בריליאַנטן, וועלכע וועלן שיינען און פינקלען . . . דער מאַנטל וועט אויך האָבן אַ ברייטן גאַרטל און ער וועט זיין אָנגע־שפּיגעוועט מיט גרעסערע און קלענערע דימענטן, פון וועלכע ער'ט זיך אַזש שימערירן מיט אַ ווייסער ליכטיקייט . . . זיינע אַנדערע מלבושים וועלן אויך זיין גרויסאַרטיקע, פון אַלע קאָלירן. ער וועט טראָגן גרינע שקאַרפּעטן, דורכגעוועבטע מיט אוזאָרן פון די פאַרשיידענע צאַצקעס און קווייטן. זייער שיינקייט וועט פאַרכאַפּן דעם בליק.

אָבער עס וועט ניט זיין קיין צייט זיך צו חידושן אויף זיין הלבשה. ער וועט באַלד מיט זיין סוויטע פאַרנעמען דעם אויבן־אָן. דאַן וועט איינער פון איר מיטן וואונדערלעכסטן רעדנער־טאַלאַנט נעמען דאָס וואָרט. ער'ט אָפּהאַלטן די אינטערעסאַנטסטע און באַלערנדסטע דרשה. ער וועט וואַרפן אַן איבערבליק אויף די גרויסע, גיגאַנטישע אַרבעטן, וואָס ער, זייער אַלמעכטיקער ג', האָט אויפגעטאָן; אויף די וועלטן, וואָס ער האָט שוין באַשאַפן. אָבער ער וועט זיך באַזונדער אָפּשטעלן אויף דער וועלט, וואָס ער האָט נאָר־וואָס צעוואָרפן . . . ער'ט אָנווייזן, ווי אַזוי די וועלט איז אַרויסגעקומען זייער אַ שיינע, אָבער אויך מיט חסרונות, און ווי אַזוי דער ב' האָט זיך דערפאַר כסדר באַמיט זי צו פאַרבעסערן און פאַרשענערן . . . אָבער ספּעציעל וועט ער אַרומרעדן וועגן די בני־אָדם, וועלכע ער האָט באַשאַפן אין זיין אייגענער פאָרם, וואָס אַזוי ווי זיי האָבן דאָך באַלד אויסגעקוקט אַביסל מאַלפּיש, האָט

ער דערנאָך אַריינגעלייגט אין זיי אַ וועלט מיט אַרבעט, צו מאַכן זיי איידעלער, פיינער און שענער . . . ־וועלכע, אָבער, אַנשטאָט זיי זאָלן אים העלפן כאָטש מיט אַלטן זיך רואיק, און פאָלגן און לאָזן זיך אויס־מענטשלען, האָבן זיי זיך געדרייט און בשום אופן ניט איינגעשטאַנען. און זיינען דערפאַר אַ סך פאַרבליבן מיט גרויסע אויערן, לאַנגע אָדער קורצע נעז, מיט ברייטע מיילער און מיט אַנדערע חסרונות. (מאָלט אייך: ע האָט זיי געגעבן, ספּעציעל די מאַנסבילן, אַ שיינע באָרד, וואָס זאָל זיי מאַכן אויסזען בכבודיקער, זיינען זיי געגאַנגען און האָבן זי אָפּ־געשוירן. אָפּגעשוירן? — אָפּגעגאָלט!...). ער וועט אויך אַרומרעדן וועגן זייער גייסטיקן וועזן, ווי אַזוי ער האָט זיי געוואָלט דערהויבן באַגלייך מיט אים; און ווי אַזוי דאָ האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַ גרעסערע עקשנות און ווי אָן אַ שיעור בני־אָדם האָבן זיך ניט בלויז ניט געלאָזט דערהויבן צו אַ געטלעכער מדרגה, נאָר ווי אויף צו־להכעיס אַראָפּגעזונקען צו דער בחינה פון שדים־שוואַרציאָרן . . . דער רעדנער וועט אויך דערמאָנען די בנות־אָדם: אויף זיי וועט ער אויסברייען, אַז כאָטש זיי זיינען אַרויסגעקומען מיט חסרונות, האָבן זיי גראָד געהאָלפן אין דער מלאכה פון פאַרבעסערן די בני־אָדם. זיי האָבן זיי אויסגעטראָגן, זיי געזויגן, אויסגעהאָדעוועט און געטאָן זייער אַ סך זיי אויסצומענטשלען . . .

פאַר דער צייט פון זיין דרשה וועט דער עולם שוין דערווייל נעמען צו קעלישעקלעך וויין — אַ ווייַן! פון ששת ימי בראשית! און פאַרבייסן מיט שטיקלעך טאָרט, לעקעך, שטראָדל. דאָן וועלן מחנות פון די בת־מלכהס, וואָס אין גאַניידן, נעמען אויפגעבן די מאכלים.*

צוערשט וועלן זיי דערלאַנגען די פיש; יעדן באַזונדער אין אַ טעלער אַ פיינע פּאָרציע. די פיש וועט האָבן אַלע טעמים; וואָס מיינט צו זאָגן, אַז יעדער איינער וועט פילן אין זיי דעם טעם, וואָס ער וועט נאָר וועלן: וועט איינער גלוסטן דעם טעם פון איינגעהאַקטע מיט אַ סך ציבעלעס, קנאָבל, זאַלץ און פעפער, וועט ער אים פילן; וועט אַן אַנדערער וועלן דעם טעם פון געקאָכטע, געבראָטענע, געבאַקטע, געפּרעגלטע, גערויכערטע, פון איינגעמאַרינירטע, אַפילו פון הערינג איינגעהאַקטן מיט ציבעלעס און עסיק, פון פיש מיט צוקער — וועט ער אים פילן . . . אַזוי אויך מיט די פליישן: וועט איינער ליב האָבן דעם טעם פון געדעמפּטע, געקאָכטע, געבראָטענע, פון אַ ראָסל־פלייש, אַפילו פון אַן עסיק־פלייש — וועט ער אים פילן . . .

מ׳וועט אַלע מאָל צוטרינקען אַ כוסה פון דער וואונדערלעכער משקה, און דער כאָר וועט אויסזינגען די האַרציקסטע לידער, מעלאָדיעס ספּעציעל פאַרן כבוד פון דעם אַלמעכטיקן. און אַלע וועלן זיך פילן עכט אויפ־

* מלאכים — ניט — צוליב זייערע זעקס פליגל . . .

געלייגט: זיי וועלן עסן און טרינקען, זינגען און פאַרברענגען פונעם אלף השישי ביזן אלף השביעי אַריין...

אָבער ווי אַזוי די סעודה וועט שוין ניט האָבן פאַרגעקומען, דער עיקר איז דאָ, לויט זייערע באַשרייבונגען, פון דער צייט, וואָס זיי האָבן צו וויסן געקראָגן וועגן דער סעודה, וואָס ער וועט געבן פאַר זיינע געטרייע דינער, ווי אויך פונעם גאַניידן, אינאיינעם — אוילאָמאַבע הייסט עס, — האָבן זיי אים גענומען דינען.

יאָ — וועגן גאַניידן

דער גאַניידן, אָמאָר רעבע לוויווע, איז אַ מין וואַקאַציע אָרט אויף יענער וועלט. ער איז צווישן וואונדערלעכע ביימער און פלאַנצן מיט פרעכטיקע בלומען און קווייטן. פאַר לויטערע טייכן, אין וועלכע עס איז אַ מחיה זיך אָפּצובאָדן און אַ שווים צו טאָן, שטייען גרויסאַרטיקע געביידעס, אויסגעשטאַט מיט די בעסטע באַקוועמלעכקייטן. זיי פאַרמאָגן זייער שיינע זאַלן — זאַלן, איינגעאָרדנטע מיט ביבליאָטעקן פון די בעסטע ביכער, מיט די פיינסטע טישן, געבעטע בענק, געמאַכטע באַקוועם אין זיי צו זיצן און לייענען. אויך זאַלן מיט בינעס, וואו מ'פירט אויף די אינטערעסאַנטסטע און באַלערנדסטע פאָרשטעלונגען, ביי וועלכע, ווען מ'דאַרף האָבן אַז עס זאָל אויפטרעטן אַ מלאך, קריגט מען אים דאָרט אַן אמתן, ניט קיין פאַרשטעלטן... אַזוי אויך, להבדיל, אַ שד, רחמנא לצלן! זאַלן — מוזעאומס, מיט וואונדערלעכע אַנטיקן, אויף וועלכע עס איז זייער אינטעערסאַנט צו קוקן. עס געפינט זיך דאָרטן אַ זאַל, אַ מוזעאום, פאַר פרומע אידן; קען מען דאָרטן זען אין אַ גלעזערנער שאַפע הענגען אָדם הראשונס קליידער; משה רבינוס שטעקן, מיט וועלכן ער האָט באַוויזן אַזוי פיל ניסים, און וועלכער איז אויך געווען אָדם הראשונס. אייזל-שטשאַקעס, מיט וועלכע שמשון הגיבור האָט צערעכט געמאַכט אַ פאַר טויזנט פלישתימלעך... אָט שטייט דאָרט אַ קעסטעלע מיט אַ גלעזערן דעקעלע, אין וועלכן עס ליגט אַ טונקל-רויטער פאָדעם. וואָ סאיז דאָס פאַר אַ פאָדעם? דאָס איז דער פאָדעם, וועלכן רחב הזונה האָט אַרויסגעשטעקט אין פענצטער צו די אידן, ווען זיי זיינען אַריין קיין יריחו, זיי זאָלן וויסן ווער עס איז... אין אַ גלעזערנעם קופערט — די אורים ותומים; דאָס קוישעלע, אין וועלכן משהס מאַמע, יוכבד, האָט אים אַלס קינדעלע אַריינגעלייגט און אַוועקגעלאָזט אויפן טייך. דאָרט געפינט זיך אַפילו דער שטעקן, טלית און תפילין, וואָס יהודה האָט געגעבן אַלס משכון צו תמרן; דוד המלכס פידעלע, דאָס שליידער-שטעקל, מיט וועלכן ער האָט געטראָפן אַ שטיין גליתן אין שטערן און

אים אָוועקגעלייגט. אַפילו דער מאַנטל, וועלכן יוסף הצדיק האָט איבער־געלאָזן פּוטיפרס ווייב, ווען זי האָט אים אָנגעכאַפּט, ער זאָל מיט איר ליגן, און איז אַרויסגעלאָפן . . . אָט שטייט דאָרט אַ קליין קעסטעלע מיט אַ גלעזערן דעקעלע און אינעווייניק ליגט אַ שטיק עק פון אַ מאַנטל, און דאָס איז דער עק פון דעם מאַנטל, וואָס דוד האָט אָפּגעשניטן שאול המלכן, ווען ער האָט אים נאָכגעיאָגט, געוואָלט כאַפּן און קעפּן . . . אויך געפינט זיך דאָרט אין אַ גלעזערנעם קאַסטן די האַק, מיט וועלכער נח האָט אויסגעטעסעט די ברעטער פאַר דער תיבה. עס איז גאָרניט צו באַשרייבן די אַנטיקן, וועלכע געפינען זיך דאָרטן . . .

ווידער, די צימערן צום שלאָפן זיינען געראַם, ליכטיק און לופטיק, מיט פּוכקע בעטן און געבעטע פּאָטעלן, אַז ס׳איז אַ מחיה זיך אויסצורוען. פאַראַן דאָרט אויך אַזוינע געצעלטן פאַר די וואָס ווילן שלאָפן אינדרויסן און כאַפּן מער לופט . . . מיט איין וואָרט: עס איז דער אמתדיקער גאַניידן ! . . .

דערביי וועט זיך יעדער האָבן דעם גאַניידן לויט זיין געשמאַק. ווי, למשל, פאַר די פרומע אידן וועלן די זאַלן מיט די ביבליאָטעקן זיין אויסגעשטעלט אין פּאַליצעס גמראס משניותן, מדרשים, עין־יעקבס, שולחן ערוכס יורה־דעהס און אַלע אַנדערע הייליקע ספרים, אין וועלכע זיי וועלן זיך קענען פּלפּולען אויף וואָס די וועלט שטייט און הנאה האָבן . . . זאַלן־שולן מיט בעלעמערס, עמודים מיט אָרון־קודשס און ספרי־תורה, אינעווייניק מיט סידורים, מחזורים, תהילימס, וואָס יעדער איד וועט זיך דאָרט קענען זאָגן תהילים, וויפיל ער׳ט נאָר וועלן.

אַפילו טערקן, וועלכע האָבן דעם ב׳ געדינט געטריי, וועלן זיך געניסן ביי אַ טערקישן גאַניידן. אָבער פון וואָס פאַר אַ זאַכן זיי וועלן געניסן, טאָר מען ניט אויסזאָגן . . .

אויך גוטע גויים האָבן זיך דאָרטן זייער גאַניידן. אָבער ביי דער סעודה, אָמאַר רעבע לוויוויע, וועלן די אמת־גוטע גויים זיצן באַגלייך מיט אַלע צדיקים ביי טיש און פאַרזוכן אַ שטיקל פונעם גרויסן פיש.

אָבער איבערהויפּט, קוקט עס אויס נאָך זייערע ווייטערדיקע באַ־שרייבונגען, אַז ביים נעמען דינען זייער גאָט און אָפּהיטן אַלע זיינע געבאָטן, האָט אויף זיי שטאַרקער געווירקט די סעודה . . .

מילא, האָבן זיי די ערשטע תקנות, וואָס ער האָט זיי דערלאַנגט אויפן באַרג, גענומען אויספירן ביז יעדן פינטעלע — ביז יעדן פינטעלע.

1. פון קיין אַנדער גאָט האָבן זיי שוין גאָרניט געוואָלט וויסן, האָבן זיי ניט געוואָלט.

2. זיי האָבן ניט געשוואוירן פאַלש, האָבן זיי ניט.

3. זיי האָבן אָפּגעהיט שבת מיט אַלע פּליטערלעך, האָבן זיי אָפּגעהיט.
4. זיי האָבן אָפּגעגעבן כבוד דעם טאַטן מיט דער מאַמען, האָבן זיי אָפּגעגעבן.
5. זיי האָבן קיינעם ניט געהרגעט, האָבן זיי ניט.
6. זיי האָבן ניט געגנבעט, האָבן זיי ניט.
7. זיי האָבן ניט מזנה געווען, אַוודאי און אַוודאי ניט!
8. זיי האָבן ניט געזאָגט קיין פאַלש עדות, קיינמאָל ניט.
9. זיי האָבן ניט געוואָלט האָבן דעם חברס הויז, האָבן זיי ניט.
10. זיי האָבן קיין חשק ניט געהאַט צום חברס הויז, ניט צו זיין קנעכט, אַוודאי ניט צו זיין דינסט, ניט צו זיין עקסעלע און אייזעלע...

אַפילו אַזוינע געבאָטן, וואָסערע קליידער זיי זאָלן טראָגן, ווי אַזוי זיי זאָלן זיך שערן; וועלכע בהמות, עופות, פיש זיי זאָלן עסן; ווי ריין זיי זאָלן זיך האַלטן — האָבן זיי ווי ווייט מעגלעך געזוכט אָפּצוהיטן. דערביי אָבער, לערנענדיק אַז די סעודה וועט ער ערשט פּראַווען לעתיד לבוא, נאָכדעם ווי משיח וועט קומען, האָבן זיי גענומען אַרויסקוקן די אויגן אויף אים — אויף מאַשיעכן...

אָבער ער, מאַשיעך, איז גראָד אַזוי גיך ניט געקומען, און אַזוי ווי לערנענדיק, אַז בכדי ער זאָל קומען, דאַרף אים זייער אַלמעכטיקער פריער הייסן גיין, האָבן זיי אים גענומען בעטן, ער זאָל אים וואָס גיכער שיקן. דריי מאָל אַ טאָג אין זייערע תפילות האָבן זיי אים געבעטן, ער זאָל אים וואָס גיכער הייסן נעמען דעם וועג. עס האָבן זיך שוין געפונען אַזוינע, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן פּייניקן, פאַסטן טעג, אַפילו וואָכן, אום צו ווירקן אויפן אַלמעכטיקן ער זאָל אים שוין באַפעלן צו שטעלן פיס צו זיי... איינער אַ רעבע האָט מיט זיינע תלמידים געפאַסט פערציק טעג, אים אַראָפּצוברענגען. אָבער דער אַלמעכטיקער האָט אים אַלץ ניט געשיקט. און אַז ער האָט אים ניט געהייסן גיין, איז ער, מאַשיעך, ניט געקומען.

און אַז ער, מאַשיעך, איז אַלץ ניט געקומען, האָבן זיך פאַראַוועט אַזוינע חברה־לייט, וועלכע האָבן גענומען טראַכטן, אַז אפשר איז די גאַנצע מעשה אַ ליגן — די מעשה מיטן גאַניידן, מיט דער סעודה, מיט מאַשיעכן? אַ פּאָר זיינען געגאַנגען און האָבן צו זיי פּשוט געזאָגט, אַז די גאַנצע מעשה מיטן גאַניידן, מיט מאַשיעכן, מיט דער סעודה איז אַ נעכטיקער טאָג, אַז מען פירט זיי אין באָד אַריין!... נו, נו, האָבן די לעצטע שוין מער ניט געדאַרפט! מען האָט זיי געטראָטן מיט די פיס, פאַריאָג טאָון פאַרטריבן, אַז זייערע פיס זאָלן ביי זיי ניט געדאַכט ווערן! וואָס הייסט: זיי ווילן זיי דערציילן: ניט קיין סעודה, ניט

קיין גאַניידן, קיין אוילאָמאַבע ? אַפּיקורסים ! . . .

דערווייל האָט זיך געמאַכט, אַז צו אַ סך אַנדערע מינים בני־אָדם איז ער יאָ געקומען ! און זיי האָבן שוין געגומען קריגן אוילאָמאַבע : אכילה מיט משקה ! אַז זיי האָבן געלייגט אויףביידע באַקן און געמאַכט אַלע מאָל אַ כוסה ! . . .

און אַזוי ווי די אַלעסער האָבן ניט געהאַט קיין מזל צו אַ שטיקל מקום פאַר זיי, אַזוי האָבן זיי אויך ניט געהאַט קיין גליק צו מאָשיעכן. האָבן זיך ביי זיי געיאָוועט אַזוינע, וועלכע האָבן זיי גע׳עצהט, זיי זאָלן זיך אויסמישן מיט די איבעריקע בני־אָדם, וועלן זיי שוין אַריינכאַפּן אַ ביסן און באַנעצן די ליפּן מיט אַביסל משקה ! . . .

אָבער, ווי געזאָגט, זיינען די אַלעסער געווען אַ פאָלק פון עקשנים, איז זיי דאָס ניט אָנגעשטאַנען. דערביי האָט דער מאָשיעך פון די אַנדערע בני־אָדם עפּעס אויסגעקוקט ניט דער ריכטיקער : ער האָט אויסגעזען אַ צעקאַליעטשעטער, אַ צעפּייניקטער . . . און די מאכלים ? אויפן אָרט פון פיש האָבן זיי געגעסן ראַקעס, וויאַנעס, אַנדערע סאָרטן וואַסער־שרצים ; אַנשטאָט אַ שטיקל פלייש פונעם גרויסן אָקס, האָבן זיי געגעסן חזיר־פלייש — פע ! . . . ווידער זייער משקה, וואָס מען האָט זיי דערלאַנגט, איז שוין גאָרניט געווען פון ששת ימי בראשית, נאָר בראָנפן, פון ששת ימי אחרונות . . . פון וועלכן, אַז זיי האָבן אויסגעזופּט אַ פאָר כוסות, זיינען זיי געוואָרען שיכור ווי לוט און זיך גע־וואַלגערט אין די גאַסן, ווי אמתדיקן „חיתן״. נו, איז זיי גאָרניט געפעלן זייער מאָשיעך, מיט דער אוילאָמאַבע, וואָס די האָבן אַריינגעקראָגן, און זיי האָבן באַשלאָסן צו וואַרטן אויפן אמתדיקן, וואו מען וועט זיי דער־לאַנגען טאַקע די ריכטיקע „אוילאָמאַבע״ : דאָס אמתדיקע שטיקל פיש, מיט דער פאָרציע פלייש, מיט ווייַן — אַ ווייַן ! . . .

בקיצור — זיי האָבן אָנגעהויבן זוכן וואָס בעסער צופרידנצושטעלן דעם אַלמעכטיקן : אָפּהיטן זיינע מצוות ביז יעדן פינטעלע און בעטן אים ביי יידן דאַוונען, ער זאָל מאָשיעכן שוין וואָס גיכער שיקן. פיל האָבן געפאַסט מאָנטיק און דאָנערשטיק, פאַר וואַכן, ער זאָל זיך שוין מרחם זיין און אים באַפעלן זיך שוין צו לאָזן אין וועג . . .

אָבער די אַנדערע בני־אָדם, די מיט זייער שוין־געהאַטן מאָשיעך, האָבן אויף זיי געגומען קוקן קרום און באַטראַכטן זיי דערפאַר, וואָס זיי האָבן אים נאָך גיט, פאַר גאָטס פאַרשאָלטענע ברואים . . .

דער אַלמעכטיקער ג׳, זייערער, האָט זיי פאַר זייערע זינד געלאָזט פאַרטרייבן פון זייער מדינה, און זיי האָבן זיך דערנאָך פאַנאַנדער־געשפּייט צווישן אַ סך אַנדערע מינים בני־אָדם ; האָבן אַצינד יענע איבער דער מאָשיעך־מעשה זיי געגומען פאַרפאָלגן, באַפאַלן, הרגענען און

שלאָגן, טרייבן זיי פון אומעטום. ווי שוין געזאָגט, זיינען די אַלעסער געווען אַ פאַלק פון עקשנים, האָבן זיי זיך ניט אונטערגעגעבן און זיי אַלעמען אויף צו־להכעיס ניט אויפגעהערט צו וואַרטן אויף זייעריקן . . .

האָבן די ערשטע זיי נאָך מער דערגאַנגען די יאָרן און זיי פלעגן ביי זיי יעדן ביסן אויסרייסן מיט די ציין, און עס איז די אַלעסער געוואָרן ביטער און פינצטער. אָבער חוץ ווי צו שרייען און בעטן דעם אַלמעכטיקן, ער זאָל שוין וואָס פריער הייסן גיין צו זיי מאָשיעכן, האָבן זיי ניט געוואוסט וואָס צו טאָן . . .

מאָשיעך קומט !

אָבער ניט איינער. אַ סך ! — איינס נאָכן אַנדערן, איינער נאָכן צווייטן ! . . . נאָר ליידער זיינען זיי געווען פאַלשע משיחים ; אַזוינע, וועלכע זייער אַלמעכטיקער האָט זיי ניט געשיקט, נאָר, וואָס האָבן זיך אַליין געיאָוועט . . .

אייניקע האָבן אַפילו געמיינט צו ראַטעווען די אַלעסער, זיי האָבן אָבער ניט געוואוסט ווי אַזוי.

ווי, למשל, אַז וואו נאָר די אַנדערע בני־אָדם פלעגן דערטאַפּן אַן אַלעסער, זיינען זיי אים, אויף איין אופן אָדער אויף אַן אַנדערן, באַפּאַלן. האָט איינער זיי גע׳עצהט, זיי זאָלן זיך פאַרשטעלן ; אַז ביי זיך אין שטוב מעגן זיי זיך זיין אַלעסער, נאָר אינדרויסן זאָלן זיי זיך מאַכן פאַר אַלצפרעסער — אַזוי קען מען אָנרופן די אַנדערע בני־אָדם, וואָס האָבן יעדער זאַך געפרעסן . . .

אַן אַנדערער, פאַר דעם, האָט זיך מיישב געווען, זיי אויסצולייזן צוריק אין זייער מדינה אַריין, פון וועלכער מ׳האָט זיי פאַרטריבן. ער איז אָבער געווען אַזאַ מין בחור, אַז ווען ער איז געגאַנגען פון זייערן אַ בית־המדרש אין מרחץ אַריין, איז ער פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן ! און אין מרחץ גופא, האָט ער ניט געוואוסט וואו אַ טיר עפנט זיך און איז אַריין אין דער וויבערשער. ער האָט געקאָנט, אָמאָר רעבע לויוויע, אַז ער׳ט ניט געוואוסט . . . ווי אַזוי־זשע, ווידער, האָט אַזאַ מין חברה־מאַן זיי געקענט אויסלייזן ? האָט ער טאַקע ניט געקענט ! נאָר ער האָט זיך פאַרלאָזט אויפן אַלמעכטיקן : ער האָט געגלויבט, אַז ווי נאָר זיי וועלן נאָך אים שטעלן פיס, וועט ער אונטערקומען און זיי ווייזן דעם דרך . . .

אום צו באַווייזן ער זאָל עס טאָן, האָט ער געפאַסט, זיך געפייניקט ס׳לייב, געשפּרונגען, געמאַכט אַנדערע האָוואַיעס, גערופן צו אים מיט משונהדיקע אויסגעשרייען. אָבער דער אַלמעכטיקער האָט זיך ניט גערירט

פונעם אָרט, כאָטש, כ׳ווייס אַליין ניט וואָס. ער האָט אים ניט געשיקט! נאָר וואָס — דער מאָטיוו, — דער סוף, איידער אין זייער מדינה אַריין, האָט ער די טויזנטער, וואָס זיינען אים נאָכגעקומען, פאַרפירט אין דעם לאַנד פון דער הויכער, רויטער יאַרמולקע. און דאָרטן זיינען אַלע מיט איר באַדעקט געוואָרן. נאָך אַזוינער האָט גרויסע צאָלן פאַרפירט צו די געצעלטן פונעם שוואַרצן, הייליקן קאָטער, פונעם געפּייניקטן זון פונעם הימלישן פאָטער

נאָכהער איז ביי זיי געווען אַ גערעטעניש אויף משיחים. זיי האָבן אַפילו אַרויסגעגעבן משיחים פאַר די אַנדערע סאָרטן בני־אָדם. ווייל דער שוין זייער געהאַטער, מיט דער אוילאָמאַבע, וואָס ער האָט זיי מזכה געווען, האָט נאָר געקלעקט פאַר אַ קליינעם טייל פון זיי . . . די רעשט זיינען ווייטער געבליבן פאַרזונקען ניין איילן אין דער אדמה.

און די משיחים זיינען געקומען פון אַלע קאָלירן, געשטעלן, איינגשאַפטן.

קאָלירן: רויטע, שוואַרצע, ווייסע, בלויע א. אַז. וו.

געשטעלן: גוגלניקעס ,קוציקעס, פּעמפּיקעס און צאַפּליקעס, מיט בערד: ברייטע, לאַנגע, מיט ציגענע בערדלעך און אינגאַנצן אָן בערד...

איינגשאַפטן: גיכע, פּאַמעלעכע, בייזע, פריינטלעכע, פריילעכע, טרויעריקע, וויינענדיקע און פאַרוויינטע משיחים. דערביי האָבן זיי זיך אויסגעגעבן: אַ רויטער, מיט אַ באָרד אַ ברייטער; אַ בלויער, מיט אַ לאַנגער און אַ שוואַרצער, מיט אַ ווייסער, מיט אַ ציגן־בערדל, און רויטע, וואָס זיינען געווען: גיכע, פּאַמעלעכדיקע, אַזוי אויך בלויע און שוואַרצע.

וועגן זייער לשון און קול

זיי האָבן געמאַכט פון אַ וואָרט אַ קוואָרט. ווי, למשל: פאַרקומען, האָבן זיי געזאָגט: שטאָטפינדן. זיי האָבן אין דעם אַלעסערישן לשון אַריינגעמישט ווערטער פונעם לאַמטעדריגישן, „טרופּקישן". בכדי מען זאָל מיינען, אַז זיי זיינען טאַקע משיחים, פלעגן זיי אַרויסברענגען די דיבורים: באַמבאַסטיש און סאַרקאַסטיש, מיט אומגעלומפּערטע האַ־וואַיעס, אָבער געוואוסט האָבן זיי עפּעס אמת — אַ נעכטיקער טאָג! . . .

די אַלעסער, ווי טיף זיי זיינען ניט געלעגן אין דער אדמה, פלעגן דאָך אויף זיך זאָגן, אַז זיי זיינען די סאַמע חכמים: טאָמער האָט איינער ערגעץ פון די אַנדערע מינים בני־אָדם באַוויזן עפּעס אַ חכמה, האָבן זיי אים געציילט פאַר אַ זייעריקן. אויב אַזוי, אָמאַר רעבע לוויע, אויב זיי האָבן שכל געהאַט צו רעכענען אַנדערע חכמים פאַר זייערע, זיינען

זיי דאָך אפשר ניט געווען קיין נאַראָנים? וואָס הייסט חכמים? טאָמער האָט ווער זיי פּרובירט געבן אַן עצה, פאַרברענגען אַ פּלאַן, האָבן זיי עס גלייך געוואוסט בעסער . . . דאָ נאָך, ביי די משיחים, וואו שוין מיט אַ פּאָר אָפּבריענדיק זיך אויפן הייסן, האָבן זיי שוין מיט די איבעריקע זיך געבלאָזן אויפן קאַלטן. די משיחים האָבן שוין געמעגט רעדן צו זיי „לאַמטעדריגיש״, „טרופּקיש״, מיט וואָס פאַר אַ מינים צורות און האַוואַיעס, איז עס זיי אין אייער אויער אַריין און פון דעם אַנדערן אַרויס . . .

אַמענדלעך, באַווייזט זיך פאַר זיי דער פאַראויס־דערמאָנטער אַרקע, וועלכער, אויף אַריינצוקריגן זיי, אַז זיי זאָלן אים הערן, טוט ער דאָס אייגענע, וואָס דער אַלמעכטיקער זייערער, דער ב׳ פון דער גאַנצער וועלט, וועט גיין טאָן פאַר זיינע געטרייע דינער לעתיד לבוא, נאָכדעם ווי מאָשיעך וועט קומען; נעמלעך, ער פּראַוועט פאַר זיי אַ סעודה . . . און טאַקע אַ ריכטיקע . . . וועלנדיק, אַז קיינער זאָל צו אים ניט פאַר־פעלן, פירט ער אויף אַט־וואָס:

ערשטנס, לאָזט ער פאַנאַנדערשפּרייטן אַ מודעה אין אַלע זייערע געמאַרקן, אַז עס גייט געפּראַוועט ווערן פאַר זיי איינע פון די בעסטע סעודות.

ווייטער, האָט ער אויסגעשטעלט כאָרן, צונויפגערופן אַלע קלעזמער, צוזאַמענגענומען אַ מחנה פּיפּיקע חברה, זיי אַלעמען פאַנאַנדערגעטיילט אין גרופּעס, און זיי אַרויסגעשיקט איבער די גאַסן, זיי זאָלן אויסזינגען, אויסשפּילן, אויספּליעסקען און אויסטאַנצן וועגן אַלצדינג, וואָס עס ווערט צוגעגרייט פאַר דער סעודה.

און געגאַנגען איז איבער די גאַסן אַ כאָר און האָט אויסגעזונגען און אַ קאַפּעליע מיט טרובעס, פּלייטן, פּויקן, צימבלען און טאַנצן האָבן צוגעשפּילט אַזוי:

(פון אַ פאָלקס־מאָטיוו)

כאָר: אָקסן, שעפּסן, רינדער, ציגן!
קאַפּעליע: טיראַ, ריראַ, ראַ, ראַ!
כאָר: הינער, קאַטשקעס גאַנצע וועגן.
קאַפּעליע: טיראַ, ריראַ, ראַ, ראַ!
און אַ רעדל חברה האָט צוגעפּליעסקעט:
טאַט, טאַט, טאַ! טאַ, טטאַ, טאַ!

ווייטער:

כאָר: גראַלניעס, בראָנפן, קעלערס וויין,
קאַפּעליע: טיראַ, ריראַ, ראַ, ראַ!

כאַר: פעסלעך ביר געקאַטשעט אַריין,
קאַפּעליע: טיראַ, ריראַ, ריראַ, ראַ, ראַ, ראַ!
און חברה האָט צוגעפּליעסקעט:
טאַט, טאַט, טאַ! טאַ, טאַ, טאַ! . . .

דאָ האָבן די כאָרן און די קאַפּעליעס גענומען זינגען און שפּילן מיטן ניגון פון אַ קאַזאַטשקע:

קאַרפּן, העכטן, גרויסע פיש,
ערשט געכאַפּטע, צאַפּלדיק פריש,
קוילעטש, קוכן, לעקעך און טאָרט,
שטרודל, קאַרזשיקעס פון יעדן סאָרט!
האָפּטשיק, טשוקטשיק, טשיגע־זשיגע, זשוקטשיק!
האָפּטשיק, טשוקטשיק, טשיגע־זשיגע זשוק!
האָפּטשיק, טשוקטשיק, טשיגע, זשיגע, זשוגטשיק,
האָפּטשיק, טשוקטשיק, טשיגע, זשיגע זשוק!

או ךדי קאַפּעליע האָט אַזוי צוגערומפּלט און חברה האָט צוגע־פּליעסקעט: טאַ, טאַ, טאַ; טאַ, טאַ! טאַ! טאַ! און געגומען גיין אַ טענצל. און ווייטער דער כאָר מיט דער קאַפּעליע:

עפּל, באַרן, מאַנדלען און ניס,
ראָזשינקעס, פלוימען, וויניק און זיס,
קעסטלעך, קוישן, גאַנצע זעק,
מ'טראָגט און מ'טאַסקעט גאַנצע פּעק!

און אַלע אַלעסער זיינען אַרויס אין די גאַסן און מיט זיי צוזאַמען געגומען גיין אַ טענצל און פליעסקען: האָפּטשיק, טשוקטשיק! . . . צום סוף האָט דער כאָר אויסגעזונגען:

זאָל קיינער בלייבן אין דער היים!
קומט צו דער סעודה, גרויס און קליין!

אָבער זיי זיינען קיינער ניט געקומען צו גיין, נאָר זיינען געקומען צו לויפן! . . .

אויף לאַנגע טישן, מיט געשיר און געפעס פאַר יעדן זיץ, האָבן זיך געפונען אויסגעשטעלט פלעשער משקה, קוישלעך מיט געשניטענעם לעקעך, טאָרט, קומיש־ברויט, שטרודל, קאַרזשיקעס פון אַלע פאַרמעס און אַלע טעמים, קריגעלעך מיט נאָר־וואָס אָנגעריבענעם כריין, געזויערטע אוגערקעס, ברויט, שיסעלעך מיט אויבס, פרוכט: עפּל, באַרן, מאַראַנצן, באַנאַנעס, טעלער מיט מאַנדלען און אַלערליי ניס. אויף לאַנגע ברעטער, אויף שטאַלצעס, זיינען געשטאַנען שיסלען מיט אָפּגעקאָכטע פיש, איינ־

געהאַקטע מיט ציבעלעס, קנאָבל, מיט אַ סך פעפער, פון וועלכע דער ריח האָט געריסן און געביסן יעדן אין די נאָזלעכער. ווייטער, האָבן זיך געשפּרייט בעקנס מיט געבראָטענע הינער, קאַטשקעס פאַרברווינטע און באַווירצטע; טעפּ מיט יויך, שיסלען מיט געקאַכטע לאָקשן, פאַרפל, רייז און קאַשע; בעקנס מיט קנישעס פון לעבער, געפרעגלטע און געקאַכטע קאַרטאָפליעס, טעפּ מיט קאָמפּאָט פון ראָזשינקעס און פלוימען, אָדער פאַרקערט.

דער ריח פון די געריכטן האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגן און האָט אַרויסגערופן ביי אַלעמען אַזאַ גלוסטיקייט טועם צו זיין די מאכלים, אַז עס האָט זיי געגומען רינען די סלינע. עס האָט זיך איטלעכן אַזוי געוואָלט אויסשטרעקן די האַנט נאָך אַ קעלישעקל משקה, מיטן פאַרבייסן! זיי האָבן אָבער פריער זיך געדאַרפט מתחייב זיין צו ווערן אונטערטעניק דעם אַרקען־אַריוכן, און דערפילן מיט געהאָרכזאַמקייט אַלץ, וואָס ער וועט פון זיי פאַרלאַנגען.

ביי דעם אָנגעזיכט פון די געריכטן, מיט די פּאָטראַוועס און גע־טראַנקען, איז פאַרשוואונדן זייער עקשנות; זיי זיינען געוואָרן ווי לעמעשקעס און האָבן אַלץ נאָכגעגעבן . . .

פ ע ר ט ע ר ט י י ל*

אַצינד, צו די קידאַרל׳קעז, כדלעמר׳ן, און די עילם

אָבער פריער — וועגן די עילם:

די עילם זיינען געווען אַ פאָלק פון גרויסע.

זיי זיינען געווען גרויסע נביאים, גרויסע חכמים, גרויסע תנאים, גרויסע אמוראים, גרוסע גאונים, גרויסע רבנים, גרויסע למדנים, און פאַרקערט. גרויסע צדיקים און רשעים, גבירים־אדורים, קבצנים־דלפנים, סוחרים, פאַבריקאַנטן, באַלעבאַטים — גרויסע; גרויסע ליגנער, גרויסע גנבים, גרויסע דאָקטוירים, גרויסע מיניסטאָרן, גרויסע שרייבער, מיט איין וואָרט: גרויסע אויף אַלע געביטן פון וויסן, אַרטן און ווערטן.

קליין אויף די געביטן האָט ביי זיי קיין שום ווערט ניט געהאַט. קליין האָבן זיי ניט אנערקענט, און פאַרטיק! . . . ווי, למשל, אַ קליינער ליגנער, אַזעלכער וואָס האָט פאַרמאָגט אַ פולע קעשענע, און אַז איינער האָט אים געבעטן אַ גמילת חסד, אַ נדבה, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט ניט; אָדער, אַז איינער, זייענדיק הונגעריק, האָט ער געזאָגט אַז ער איז זאַט ,און פאַרקערט, — איז ביי זיי קיין ליגנער ניט געווען. אַ קליינער גנב, אַזעלכער וועלכער האָט אַוועקגעלקחנט אַ ברויטל, אַן עפּל, אַ קאַרטאָפליע, איז ביי זיי קיין גנב ניט געווען. אַ קליינער צדיק . . . אַ קליינער בעל־צדקה . . . ווער עס האָט פאַרקויפט עפּל און בייגל, סידורים, ציצית, מחזורים, איז ביי זיי קיין סוחר ניט געווען; איינער, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ פאָר צעריסענע הויזן, איז ביי זיי קיין באַלעבאָס ניט געווען; אַ שניידער, וואָס האָט אויפגעבייט אַ פאָר הויזן אַ טאָג, איז ביי זיי קיין שניידער ניט געווען . . . נו, און אַ דאָקטאָר? אַזעלכער, וואָס האָט פאַרשריבן אַ רעצעפּט, געעפנט אַ מכה, אַ טשיריק, אָדער

---

* די געשיכטעס זיינען אויסגעטראַכטע, זייט-זשע אַזוי גוט און זוכט ניט אין זיי קיין אמת׳ן.

ווען איינער האָט זיך געקלאָגט פאַר אים, אַז עס טוט אים ווי אַ פוס, איז ער געגאַנגען און אים אָרויסגעריסן אַ צאָן, — איז ביי קיין דאָקטאָר ניט געווען, און די אָפּעראַציע — אויך קיין אָפּעראַציע ניט. אָבער אַזאַ דאָקטאָר, וועלכן איינער האָט געזאָגט, אַז עס טוט אים ווי דער קאָפּ, האָט ער גענומען און האָט אים אויסגעטרייבערט אַלע געדערים, געמאַכט אים פאַר אַן אָפּדעראַק, — איז זיך די אָפּעראַציע, וואָס ער'ט געמאַכט איבער אים, געווען אַ גרויסע אָפּעראַציע. איז ער שוין במילא ביי זיי געווען אַ גרויסער דאָקטאָר . . .

זאַכן, קעגנשטאַנדן און דערשיינונגען, אַז זיי זאָלן זיך מיט זיי רעכענען, האָבן ביי זיי געדאַרפט קומען אין גיגאַנטישע פאָרמען און ריזיקע צאָלן. אַפילו ביים גלויבן.

ווי באַוואוסט, דאַרפן דאָך אַלע בני־אָדם גלויבן אין אַ גאָט. איז ביי זיי אַ גאָט, אַזוינער, וואָס האָט נאָר געקענט בלינד מאַכן אַ פאָר קרומע, לעבעדיק מאַכן איין מת, אָדער פאַרקערט . . . — נאָר דונערן, נאָר בליצן, נאָר בלאָזן דעם ווינט, בלויז גיסן אַ רעגן, בלויז קאָמאַנדעווען מיטן יצר־טוב, מיטן יצר־הרע, — אַזוינער, וועלכער האָט נאָר געקענט טאָן איינע אָדער צווי זאַכן, איז ביי זיי קיין גאָט ניט געווען. נאָר זיי האָבן זיך אָפּגעזוכט צו גלויבן אין דעם גרויסן, אין דעם אַלמעכטיקן, אין דעם, וואָס האָט געקענט באַשאַפן די גאַנצע וועלט! דונערן, בליצן, בלאָזן גאַנצע זאַווערוכעס, אַראָפּגיסן אַ מבול, אַז אַלע זאָלן דערטרונקען ווערן, און וועלכער וועט קענען אַלע בני־אָדם, נאָך דעם ווי דער מלאך־המות וועט זיי האָבן אַוועקגעלייגט — צוריק אויפשטעלן, לעבעדיק מאַכן! . . .

אויך זייערע געפילן האָבן זיי אויסגעדריקט אויף אַ גרויסן אופן, ווי, למשל: אַז איינער האָט זיך פאַרליבט, האָט ער זיך פאַרליבט איבער די אויערן; האָט ער אימעצן אָדער עפּעס פיינט געהאַט, האָט ער עס פיינט געהאַט בתכלית השנאה . . .

מיט מעלות און חסרונות — אויך אַזוי.

זיי זיינען געווען גאָר גוטע און פאַרקערט, גאָר שטילע, גאָר־גאָר טרויעריקע, גאָר פריילעכע, גאָר לאַכנדיק און גאָר וויינענדיקע; ווי, למשל, איז ביי זיי איינער געווען אַ לאַכנדיקער, האָט ער אומעטום און פאַר יעדן כסדר געכאַכעט: כאַ־כאַ־כאַ! כי־כי־כי! איז ער געווען אַ וויינענדיקער, האָט ער פאַרגאָסן טייכן טרערן . . .

מיט חסרונות, ווידער, איז שוין ביי זיי געווען אַביסל אַנדערש: אַפילו די, מיט די קליינע, האָבן ביי זיי אויסגעזען ווי מיט גרויסע; ווי, למשל: איינעם, נאָר אַ האָרבאַטן, האָבען זיי גערופן: האָרבאַטש . . . האָט איינער ביי זיי פאַרמאָגט אַ קליינע פּופּקע אויף דער נאָז, האָבן

זיי געזאָגט, אַז ער האָט אויף איר אַ גאַנצן פּופּיק . . . אַביסל אַ העכערן, — לאַנגער לאַפּאַצאַן. נאָר אַ קורצזיכטיקן, — בלינדע קיטוטע. מיט איין וואָרט: חסרונות האָבן זיי אַלע באַטראַכט ווי גרויסע.

אָבער דאָס גרויסעניש זייערס, סײַ אויף די גייסטיקע, סײַ אויף די מאַטעריעלע געביטן, ווי אויך דאָס גאַרעניש מיט זייערע אייגנשאַפטן, איז פֿאַר זיי אַליין גאָר קיין גרויסע טובה ניט געווען; ווייל, ראשית, זיינען זיי אַלע גאָרניט געווען קיין גרויסע גיבורים, איז פונעם אָנשטרענגען זיך צו זיין גרויס, ביי זיי געווען אַ סך אונטערגעריסענע, אַ סך הייזעריקע — פונעם שרייען . . . אַ סך טויבע, אַ סך בלינדע, אַ סך פונעם זינען־געריריטע, אַ סך אַנזעצער, אַ סך האַרץ־קראַנקע, אַ סך האַרץ־געבראָכענע פון צו שטאַרק ליב האָבן.

מיר האָבן געזאָגט: אַ סך פונעם זינען־געריריטע. ביי אַן אסטראָ־נאָם ביי זיי, איז קוקן אויף דער לבנה קיין אַסטראָנאָמיע ניט געווען . . . נאָר ערט געדאַרפט האָבן צום באַאָבאַכטן — מיליאָנען מיליאָסן שטערן . . . צוליב וואָס ער'ט דאָך שוין אויך געדאַרפט שטודירן אַלגעברע, געאָ־מעטריע, טריגעאָמעטריע און מעטראָגעאָטרינאָמיע. מיט איין וואָרט: די גאַנצע מאַטעמאַטיקע און מאַטעמאַטאַטיקע; אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז ער איז אַראָפּ פונעם זינען . . . אַזוי אויך מט איינעם, וואָס האָט געוואָלט זיין אַ גרויסער גביר און האָט גאָרניט פאַרמאָגט; וואָס־זשע האָט ער געטאָן? ער'ט אָנגעבאָרגט און אָנגעליגן אומעטום און ביי יעדן, ביז ער'ט שוין טאָקע אויסגעקוקט אַזוינער. אָבער דער סוף איז געווען — ער האָט זיי אַלעמען אָנגעזעצט . . .

דערווייל האָט מיט זיי פּאַסירט, דאָס זיי זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן כמעט איבער דער גאַנצער וועלט.

און דאָס איז געשען מיט זיי צוליב פאָלגענדן:

מענטשן ווי חיות, און חיות ווי מענטשן

גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן, זאָגט דער חומש בראשית, אין זיין געשטאַלט. אָבער לויט זיין געבוי, קוקט ער גיכער אויס ווי אַ חיה, נישט ווי דער ב׳ . . . מיט זיין טבע — אַוודאי און אַוודאי; נאָך ווי אַ בלוטדורשטיקע וואַלד־בעסטיע . . .

די מענטשן אַליין פאַרגלייכן זיך תמיד צו אַ חיה. אַממערסטנס, צו אַ ווילדע, בלוטדורשטיקע בעסטיע. אַזוי הערט מען זיי כסדר זאָגן: ער'ז ווי אַ לייב, ווי אַ טיגער, ווי אַ בער, ווי אַ וואָלף, ווי אַ פוקס, ווי אַ שלאַנג, ווי אַ טכויר, ווי אַ קאָטער. זיי באַטיטלען זיך אַפילו מיט די נעמען פון די חיות רעות; ווי, למשל, הייסן זיי: משה־בער, משה־

וואָלף, משה־לייב; אָדער גאָר פשוט: לייב, בער, וואָלף, הערש. אַמ־לעצטנס, מיט די צווייטע, מיט פאַמיליע־נעמען, זיינען ביי זיי נעמען פון די ווילדע בעסטיעס, ווי: לייב, בער, טיגער, וואָלף, שלאַנג, פוקס, טכויר, קאָטער, מויז, מייזל — זייער פּאָפּולער. אַ סך טראָגן נעמען פון היימישע חיות, ווי, למשל: אָקס, פערד, אייזל, ציג, שעפּס, קאַץ, קראָליק, און אויך פון די עופות: האָן, קאַטשקע, גאַנדז, קאַנאַריק א. אַז. וו. מען וועט אָבער ניט הערן, אַז איינער זאָל זיך רופן: משה־גאָט... סיידן, פון חוזק וועגן.

גרופּעס, שבטים, גאַנצע פעלקער פּערזאָנפיצירן זיך, אָדער מען פּער־זאָניפיצירט זיי, נאָך היינט־צו־טאָג, אין דעם געשטעל פון איינער אָדער פון אַ צווייטער ווילדער בעסטיע. אַזוי פּערזאָניפיצירט מען רוסלאַנד אין אַ בער; ענגלאַנד אין אַ לייב; אַנדערע אין אַ שלאַנג, אין אַ העלפאַנט, אין אַן אָקס. נישט פּערזאָניפיצירן זיי זיך זעלבסט אפילו אין אַ מלאך... רוסלאַנד אַליין, רופט זיך ניט: מלאך גבריאל... ענגלאַנד — ניט מלאך מיכאל... און אין גאָט — אַוודאי ניט.

ווען רעבע לויוויע האָט זיך גענומען דערגרונטעוועןּ, וואָס פאַר אַ מין פאָלק עס זיינען געווען די עילם, האָט ער געזוכט אין די וועלט־כראָניקעס, אינעם „פאָרווערטס", אינעם „טאָג", אין דעם „מאָרגן־זשורנאַל", אָבער לא מיט אַ ספק! גאָרנישט געפונען פאַרצייכנט וועגן זיי...

אין ספר הספרים, חוץ אין חומש בראשית, ווערט עילם דערמאָנט אין דברי הימים, אַלס דער ערשטער זון פון שם. אויב אַזוי, אָמאָר רעבע לויוויע, זיינען זיי דאָך אונדזערע פריינטלעך! קען זיין, זיי זיינען געווען ענלעך צו אונדז? קען זיין! אָבער ווער קען עס זאָגן אויף זיכער? אין ירמיהו, קאַפּ. מ״ט זאָגט דער נביא נביאות אויף די עילם, אַז דער ב׳ וועט זיי איבערגעבן צו די פיר ווינטן פון די פיר ברעגן פונעם הימל און אַז זיי וועלן זיי צעבלאָזן אויף אַלע עקן פון דער וועלט. אויך אין ישעיהו, קאַפּ. כ״ב, ווערן זיי דערמאָנט. אין יחזקאל, קאַפּ. ל״ב, שילדערט דער נביא זייער אונטערגאַנג. אָבער אַקוראַט ווער זיי זיינען געווען — אַ נעכטיקער מאָרגן!

טראַכטנדיק פאָרט, ווער זיי זיינען געווען, איז ער שוין איין מאָל אַראָפּ פון דעם טראַמוואַי עטלעכע בלאָק ווייטער. איינמאָל איז ער מיט אים אַוועקגעפאָרן אין אַן אַנדער שטעטל... אָבער לא דובים ולא יער. געזען אַ פּאָר פון זייערע פריינטלעך...

ויהיה הלילה, בחצי הלילה, בלעטערט ער ווייטער דעם ספר הספרים און ער זאָגט זיך אַזוי: גרויסער ב׳, ווער פאָרט זיינען געווען די עילם? אַזוי גיט אים אַ שיין אַ פסוק: אָדם בקר ולא יבין, נמשל כבהמות נדמו.

קלערט ער זיך אַריין אין דעם שׂכל פון דעם אויסדרוק און קומט צום שלוס, אַז ניט בלויז כבהמות, נאָר טאָקע אויך כּחיות און נאָך מער — כחיות רעות . . . און אַזוי געפינט ער עס צו באַשטעטיקן אין דעם זעלביקן ספר הספרים אָנצייליקע מאָל; כּמעט אַלע נביאים פּערזאָני־פיצירן פעלקער אין געשטעל פון חיות און פון חיות־רעות . . . דער, אַמאָל רעבע לוויוויע: אויב געוויסע סאָרטן בני־אָדם האָבן זיך אַליין, צי מ׳האָט זיי פּערזאָניפיצירט מיט דעם געשטעל פון דער אָדער יענער חיה, האָט דאָך געמוזט זיין עפּעס געמיינשאַפטלעכעס צווישן זיי? איז אפשר אַ פּלאַן צו דערקונדיקן זיך פריער, צי עס זיינען פאַראַן אַזוינע חיות און וואָס פאַר אַ מין חיות זיי זיינען, און דערנאָך פון זיי שוין אויסגעפינען, וואָס פאַר אַ מין בני־אָדם עס זיינען געווען די עילם? . . .

הכלל, ער מאַכט ניט מער קיין שהיות און פּאָרט זיך אַוועק אין אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן. דאָרט איז ער געגאַנגען פון שטייג צו שטייג; געזען די ענגלענדער, די רוסן, די דייטשן — ימח־שמם! — פראַנצויזן, כינעזער, אינדוסן — אַלע פעלקער . . . אין זייער אַ גרויסער שטייג, גרעסער פון אַ שטוב, איז אַרומגעפלויגן אַמעריקע, מיט אַ מין גרויסן, שטאַלענעם שנאָבל, מיט אייזערנע לאַפּעס, מיט אַזוינע שאַרפע, שפּיציקע נעגל, אַז עס האָט אַזש אָנגעוואָרפן אַ שרעק!... יאָ, ער׳ט געזען די פאַרשיידענע פעלקער, דאָס הייסט חיות, נאָך וועלכע מען פּערזאָניפיצירט זיי. אָבער ניט די „עילם״ . . . באַגעגנט ער אַ וועכטער און פרעגט אים: שומר, מה מעילם? קוקט ער אים אָן, ווי אַלע אַנדערע באַטראַכטן אַזאַ מין טשיקאַווען אידישן מחבר. קלערט ער זיך שוין: מילא, פאַרפאַלן! נישטאָ אַזאַ חיה! און נעמט זיך שוין אַזוי אַרויסשפּאַנען פונעם זאָאָלאָגישן גאָרטן.

דערווייל דערזעט ער ביי אַ זייט, לעבן וועג, שטיין אַ מין חיה מיט פאַרדרייטע הערנער, מיט אַ באָרד, און זי צופּט זיך אַזוי גראָז. שטעלט ער זיך אָפּ און באַטראַכט די חיה; הויבט זי אויף דעם קאָפּ און ציט אים אויס אין דער ריכטונג צו אים און מאַכט זיך אַזוי: ע־ע־עילם! ע־ע־ע־עילם!

רעבע לוויוויע איז געבליבן געפּלעפט. און ער פרעגט זיך אַזוי: אַט דאָס זאָל זיין די חיה, נאָך וועלכער די עלם האָבן זיך, אָדער מען האָט זיי פּערזאָניפיצירט?

יאָ, צי ניין, בקיצור: לויט אַלץ, וואָס ער האָט זיך וועגן דער חיה דערקונדיקט, האָבן די עילם באַדאַרפט זיין אַזאַ מין פאָלק. (אויב אימיצער וועט אים באַווייזן, אַז ער מאַכט דאָ אַ טעות, וועט ער זיך מיט אים ניט שפּאַרן. וואָרים די חיה אַליין טראָגט אַפילו ניט אַזאַ נאָמען, נאָר אַזוי ווי זי האָט אַליין געמאַכט צו אים: ע־ע־ע־עילם, ע־ע־ע־עילם! — האָט ער

באַשלאָסן דערוויילַ זי באַשרייבן און דערנאָך זען. און חוץ דעם, ווען אַפילו די חיה הייסט: באַראַן, קאָזעל, קען מען זי אויך אָנרופן: עילם׳ אָז אַ מענטש רופט מען: וואָלף, בער, מעג מען דאָך אַ קאָזעלָ, אַ שעפּס רופן: עילם? האָט זשע קיינער קיין טענות ניט צו ר׳ לָ. און לייענט בעסער וואָס ער באַשרייבט וועגן איר, וואָרים עס איז זייער אינ־טערעסאַנט.)

איין מאָל האָבן זיי געמוזט זיין גאַנץ פריינטלעכע — ניט קיין בלוט־דורשטיקע. ווייטער האָבן זיי זיך אויך באַוויזן אינעם „מזרח״. אָבער אַזוי ווי עס האָבן זיך שוין דאָרט געפונען בני־אָדם, ווי בלוט־דורשטיקע בעסטיעס, מען פלעגט זיי אַפילו פערזאָניפּצירן און זיי אָנרופן מיט די נעמען פון חיות־רעות, פלעגן יענע זיי באַפאַלן, רייסן פון זיי שטיקער און זיי אומברענגען. האָבן זיך די לעצטע פון זיי געטראָגן פון אָרט צו אָרט און דערביי דורכגעמאַכט אַ סך ביטערע, געפערלעכע מאָמענטן. ביז ענדלעך האָבן זיי זיך פאַרט אַריינגעדרונגען אין אַ געגנט, אין וועלכן זיי זיינען שוין געבליבן שטעקן. און אַזוי ווי זיי ווערן דאָ אָנגערופן עילם, וועלן מיר דעם מקום, אין וועלכן זיי זיינען פאַרבליבן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, באַצייכענען מיטן נאָמען: עילמיעל . . .

אָבער דאָרט איז מיט זיי געשען דער פאַל, לויט וואָס עס איז פאַרצייכנט איבער דער אַנטוויקלונג פון דער חיה, וואו זיי האָבן זיך גענומען גרויסן. וואָלט עס אייגנטלעך פאַר זיי גאַרניט געווען אַזוי שלעכט. פאַרקערט: גרויסנדיק זיך אויף וואָסער גייסטיקן אָדער מאַ־טעריעלן געביט, האָבן זיי דאָך אויפן געביט געדאַרפט אַרויסברענגען גרויסע זאַכן? אויפן געביט פון חכמה — גרויסע געדאַנקען; נבואה — וואונדערלעכע נביאות? האָבן זיי עס טאַקע. ביי קאָמעדיעס, האָבן ביי זיי קאָמעדיאַנטן באַוויזן אַ שפּרונג צו טאַן, מאַכן אַזוינע קאָזשעלקעס ביז אונטערן הימל, אַז עס איז געווען חידושי חדשות צו קוקן . . . פּאָעטן האָבן אַרויסגעגעבן די שענסטע לידער; מחברים — די וואונדערלעכסטע און אינטערעסאַנטסטע געשיכטעס. נו, אַ שטייגער ביי זיי אַ ליגנער? האָט אָפּגעזאָגט אַ ליגן, אַז אַלע האָבן געזונגען מיטן ניגון פונעם יום־טובדיקן דאַוונען מעריב: איי, איז דאָס אַ לי־יי־גן; איי, איז דאָס אַ לי־יי־גן! איי, איי; איי, איי איי! איי, איז דאָס אַ לי־יי־יי־גן! איי, איז דאָס אַ לי־יי־יי־גן! . . .

בקיצור, עס האָט שוין מער גאַרניט געפּאַסט צו פּערזאָניפּיצירן זיי דאָרטן מיט דער חיה, און אַ סך האָבן זיי שוין טאַקע גענומען רופן: דאָס געטלעכע פאָלק!

האָט זיך, אָבער, דערביי אַרויסגעבראַכט פאַר זיי אַ גרויסע צרה, נעמלעך: די, וועלכע גרויסנדיק זיך אויף אַ גייסטיקן אָדער מאַטעריעלן

געביט, האָט זיך טאַקע זיי איינגעגעבן צו דערגרייכן אויף אים צו אַ הויכן פונקט, האָבן זיך דערמיט אויך גענומען גרויסן קעגן די, וועלכע האָבן נאָך ניט באַוויזן צו דערהויבן זיך צו דער זעלביקער הויך; האָט דאָס מין גרויסעניש — גאווה, וועלן מיר עס באַצייכענען — אָנגעהויבן אַרויסרופן צו זיי קנאה און שנאה פון די לעצטע.

נאָך אַ זאַך:

ס׳האָבן זיך ביי זיי אויסגעגעבן אַ היפּשע צאָל, וועלכע האָבן זיך ניט געוואָלט, אָדער ניט געקענט גרויסן, און זיינען געבליבן ביים קליין. האָבן די ערשטע זיי באַטראַכט, ווי אַ חרפּה פאַר זייער שטאַם און זיך געשעמט מיט זיי; אַז טאָמער האָט איינער פון גרויס באַמערקט גיין אַ צווייטן פון קליין, האָט יענער אים געמעגט זיין דער נאָענטסטער, איז ער אַריבערגעגאַנגען אויף דער אַנדערער קלאַדקע, פאַרדרייט דעם קאָפּ און זיך געמאַכט ניט זעענדיק אים; אים ניט איינגעלאַדן אויף זיינע שמחות. אין זייערע שולן ביים דאַוונען (זיי האָבן אויך געהאַט שולן און האָבן געדאַוונט. — ר׳ ל.), זיינען זיי כסדר געשטאַנען פון הינטן, ביים אַריינגאַנג, און מ׳פלעגט זיי ניט מכבד זיין מיט קיין „עליה״. מ׳האָט זיי ניט געגעבן קיין שום כבוד. נו, האָט זיך צווישן זיי איבער דעם פאַנאַנדערגעקויעט אַ קנאה און אַ שנאה.

לויט דער חיה

אַרום זייער געגנט, אָדער מדינה, האָבן זיך געפונען די מקומות, מירן זיי אָנרופן: מיצריעל, אַמויניעל, מויאַביעל, צידוניעל, אַראַמיעל. האָבן זיך דאָן אין די מקומות געגנאַדיעט חיות־רעות. עס הייסט, זיי זיינען געווען בני־אָדם, מיט צוויי פיס, אָבער מיט זייער טבע זיינען זיי געווען: לייבן, טיגערן, בערן, וועלף, שלאַנגען און עקדישן, די שרעקלעכסטע בלוט־דורשטיקע בעסטיעס, וואָס זייער איינציקע עובדא איז געווען — אָנגרייפן אַנדערע, רייסן ביי זיי די גאָרגלען, פרעסן ביי זיי די פלייש און זופן זייער בלוט. פלעגן זיי אויך אָפּט באַפאַלן די עילם, פון זיי אַ סך אומברענגען און צאָלן פאַרשלעפּן צו זייערע נאָרעס, וואו זיי האָבן דערנאָך געריסן זייער פלייש, געזויגן פון זיי דאָס בלוט. אין זייער אייגענעם מקום האָבן זיך נאָך אויך געפונען איבערבלייבענישן פון חיות־רעות, וועלכע פלעגן זיך נאָך ניט איין מאָל איינבייסן אין זייערע לייבער.

די עילם זיינען אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע סאָרטן חיות ניט געווען קיין סך און זיינען באַשטאַנען פון באַזונדערע קליינע סטאַדעס.

אָבער זיי האָבן זיך אָנפאַנגס געהאַלטן באַנאַנדער. פלעגן זיי סוף־כל־סוף צוזאַמען פאַרטרייבן פון זיך די „חיות־רעות״.

נאָר לײדער זײנען ביי זיי די אויפגעקומענע בעלי־גאווה געוואָרן חוצפּהדיקער, וואָס האָט פאַנאַנדערגעבלאָזן צווישן זיי די קנאה און שנאה אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן געפּלאַצט און זיך צעשפּאָלטן אין צוויי פיינטלעכע סטאַדעס, זיך פאַנאַנדערגעטיילט אין באַזונדערע, קעגנגעזעצטע טשערעדעס.

און די שנאה צווישן זיי האָט שוין געברענט אַזוי שטאַרק, אַז ווען די „חיות־רעות״ פון די אַרומיקע מקומות פלעגן באַפאַלן די עילם פון איין סטאַדע, זײנען די פון דער אַנדערער געשטאַנען און האָבן געקוקט ווי זייערע אייגענע ווערן פאַרטיליקט און האָבן זיך פּשוט מחיה געווען. מאַנכעס מאָל אַפילו זיי געהאָלפן, און אָפט האָבן זיי זיך נאָך געבויקערט און געממית׳ט איינס דאָס אַנדערע. דערווייל האָט זיך פונעם צפון־מזרח פון ·זייער מדינה געגומען לויפן אַ שרעקלעך בלוט־דורשטיקע בעסטיע. זי האָט אויף איר וועג פאַרוויסט און צעשטערט אַלץ און אַלעמען און זי האָט זיך געיאָגט צו באַפאַלן דעם עקדיש פון מיצריעל. אָבער אין איין וועגס האָט זי אויך אָפּגעווישט פון זייער מקום די גרעסערע סטאַדע פון די עילם.

נאָך דער חיה־רעה האָט זיך פון נאָך אַ ווייטערן געגנט פונעם מזרח פון זייער מקום געגומען טראָגן אַ ווילדער, שרעקלעכער לייב. ער האָט אָן אַ שיעור אַנדערע חיות פאַרטיליקט און פאַריאָגט. ענדלעך איז ער אויך באַפאַלן די קלענערע, איבערגעבליבענע סטאַדע פון די עילם. ער האָט ביי מאַסן פון זיי אויפגעריסן זייערע העלדזער, צעטרענט זייערע בייכער און דאָס בלוט האָט פון זיי געפלאָסן אַזוי ווי וואַסער . . . צו־לעצט האָט ער נאָך אַ היפּשע צאָל פון זיי פאַרשלעפּט צו זיין מקום, אין זיינע נאָרעס אַריין.

אַרום דאָרט האָבן זיך געמוזט נאָרען שרעקלעכע, אויסטערלישע חיות־רעות. דאָס קען מען דרינגען פון די באַצייכנטע חזיונות פון איינעם פון די עילם אין יענער צייט, וואָס איז געווען אַ גרעסערער, אין לשער אַ גרעסערער פאַנטאַזיאָר, פון רעבע ליווויען . . . ער איז געווען בשושן הבירה אשר בעילם. דערפאַר אַזאַ פאַנטאַזיאָר . . . און זיי האָבן זיך געפונען אין גרויסע סכנות. אָבער דאַן האָט דאָרט אָנגעשפּאַנט אויף דעם ווילדן לייב אַ מעכטיקער העלפאַנט און ער האָט אים צעלאָמעט די ביינער אויף שטיק־שטיקלעך. און באַלד נאָכדעם דערלאָזט ער זיי, די עילם, זיך אומקערן צו זייער פריערדיקן מקום.

אָבער איידער זיי האָבן זיך ווידער אַמאָל אין זייער מקום רעכט אַרומגעקוקט, האָט זיך אָנגעיאָגט אויף זיי אַ באַנדע ציקלאָפּן, אַזוינע

שרעקלעכע ריזן מיט איין אויג אין דערמיט פונעם שטערן; מיט דראַגאָנען, אַזוינע גיגאַנטישע פערד מיט פליגל; אַ מחנה אָפּגעטער, אָדער געצן, וואָס נאָר פון זייער אָנבליק איז אויף יעדן געפאַלן אַ פחד, אַ מורא. ווי, צום ביישפּיל: דער אָפּגאָט פונעם ים, האָט אויסגעקוקט ווי האַלב פיש און האַלב מענטש; דער אָפּגאָט פון פייער, מיט אַ פלאַמענדיקן צונג, מיט גליענדיקע ציין, מיט וועלכע ער האָט פאַרצערט די מענטשן־קרבנות, וואָס די גלוביקע אין אים האָבן צו אים מקריב געווען; דער געץ פון דונערן, פון בליצן, איז געווען מיט פייערדקע שפּיזן. מיט זיי אויך געציכעס, ווי די געציכע פון ליבע, וועלכע האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ היפשע נאַקעטע יפהפיה, וואָס האָט געקענט פאַרפירן אין דער שאול־תחתיה אַריין . . . אָט־די באַנדע פון ציקלאָפּן מיט די געצן האָבן זיי דעמאָלט שיער ניט אינגאַנצן פאַרטיק געמאַכט. איז אָבער דאָן געשען אַ נס:

גראָד אַ קליינע צאָל פון די עילם האָבן זיך אָנגענומען מיט אַ לייבנשער גבורה, זיך אַרויסגעשטעלט קעגן זיי און זיי פאַרטריבן.

אויף זיבן בערג פון אַן אָרט, ווייט פון זייער געגנט, אויפן צפון־מערב, האָט זיך גענומען נעסטן אַ שרעקלעכער, בלוט־דורשטיקער אָדלער. ער האָט פאַרמאָגט אַ געפערלעכן אייזערנעם שנאָבל, מיט אַזוינע לאַפּעס, מיט לאַנגע, שאַרפע, שפּיציקע נעגל, מיט וועלכע ער איז געוואָרן דער שרעק פון די חיות פון אַלע געגנטן, ווייט און ברייט אַרום די זיבן בערג פון זיין נעסטן זיך. מיט אַ געוואַלטיקער קראַפט פלעגט ער זיך געבן אַ טראָג אַראָפּ, אַזוי ווי אַ בליץ, אויף זיינע קרבנות; מיט זיין שנאָבל צעשפּאַלטן זיי די קעפּ און מיט זיינע אייזערנע לאַפּעס אויפרייסן זייערע לייבער און זופן זייער בלוט. ער איז געווען אַזוי פלינק און אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט באַזיגט די מעכטיקסטע חיות.

ענדלעך, איז ער אויך אָנגעפלויגן אויף די עילם.

די עילם האָבן זיך פאַרצווייפלט געווערט קעגן אים. אָבער סוף־כל־סוף האָט ער זיי באַזיגט און ער האָט מיט זיין אייזערנעם שנאָבל ביי זיי מאָסן קעפּ צעשפּאַלטן; מיט זיינע שרעקלעכע נעגל ביי זיי אויפגעריסן אָן אַ שיעור לייבער, און צאָלן פון זיי האָבן גענומען לויפן פון אים, וואוהין די אויגן האָבן זיי געטראָגן.

אָבער אומעטום האָבן זיך דאָן געגאָרעט בלוט־דורשטיקע בעסטיעס; האָבן יענע אויף זיי געשטשירעט די ציין. האָבן זיי זיך געטראָגן פון איין אָרט צום צווייטן.

אין די מקומות וואו עס האָט זיך טיילן פון זיי איינגעגעבן צו באַשטאַטן, האָבן זיי זיך אַרויסגעוויזן צו זיין פון גרויסן נוצן פאַר די איבעריקע חיות פון דאָרטן.

ווי מענטשן

אַזוי ווי זיי האָבן אין זיך פֿאַרמאָגט די אייגנשאַפֿט פֿון זיך צו גרויסן, איז, ווען איינער פֿון זיי האָט, למשל, שוין לעצטנס געעפֿנט אַ שניידעריי פֿון הויזן, האָט ער זי אַלע מאָל געמאַכט גרעסער, איינגעפֿירט די פּראַקטישסטע מעטאָדן, מיטלען און וועגן. און צוגעשניטן, פֿאַרסטרי־געוועט, גענייט און געפּרעסט האָבן ביי אים הויזן ניט איין שניידער, נאָר הונדערטער. און קיינער איז שוין אין יענעם מקום מער ניט געגאַנגען אָן הויזן . . . אַפֿילו ווייבער האָבן זיך שוין דאָרט אויך פֿאַרגונען צו טראָגן אַ פּאָר פּלודערן. פֿאַרן אויפֿנייען האָט מען דאָך שוין געדאַרפֿט האָבן קאָרטן, געוואַנטן, האָבן שוין פֿאַסטעכער געטריבן סטאַדעס שאָף פֿאַר וואָל, פּויערים האָבן צעאַקערט און פֿאַרזייט פֿעלדער מיט באַנוועל און זיי האָבן געהאַט פּרנסה. און הויזן האָבן שוין דאָרטן געטראָגן אַפֿילו הינט און קאַטשקעס.

איז איינער פֿון זיי געווען אַ בעל־צדקה, האָט ער אָוועקגעשטעלט דעם גרעסטן שפּיטאָל, וואו מ׳האָט געהיילט אַלעמען, פֿון די האָר אויפֿן קאָפּ ביז די נעגל פֿון די פֿיס. זיינען זיי אָבער געווען דאָקטוירים, האָט עס שוין ניט געטויגט ; זיי האָבן געמאַכט אָפּעראַציעס אויף רעכטס און אויף לינקס, און קיין אַפּענדיקס, קיין טאָנסל, קיין שום גלענד, קיין גאַל־בלאָדער, וואַסער־בלאָז, אַ גאַנצע ניר, אַלע קישקעס, אַ מילץ, אַ געבער־מוטער ביי ווייבער, — איז שוין דאָרט ביי קיינעם ניט געווען.

זיינען זיי געווען אין טעאַטער־געשעפֿטן, האָבן זיי אין יעדן דאָרף, אַפֿילו ווידעמקע, אָוועקגעשטעלט טעאַטערס און געוויזן אין זיי אַזוינע אויסטערלישע פֿאַרשטעלונגען און בילדער, וואָס דער ב׳ אַליין וואָלט זיי ניט געקענט צוטראַכטן. אָן אַלטע באָבע האָבן זיי פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ 16־יעריק מיידל, און פֿאַרקערט . . . עס איז גאָרניט צו באַשרייבן, וואָס פֿאַר אַ מינים קונצן זיי האָבן אין זיי געפּראַוועט.

טאָמער, ווידער, זיינען זיי געווען רעדאַקטוירים, האָבן זיי אַרויס־געגעבן די גרעסטע צייטונגען. זיינען, ווידער, די רעדאַקטוירים געווען ליגנער, האָבן זיי אין זייערע צייטונגען אָפּגעדרוקט די גרעסטע ליגנס, אַזוינע ליגנס, אַז ס׳וועלן זיך אַמאָל צונויפֿנעמען אַלע כאָרן פֿון דער וועלט און זינגען מיטן נוסח פֿונעם יום־טובדיקן מעריב־דאַוונען : איי, איז דאָס אַ ליי־יי־גן ! איי, איז דאָס אַ ליי־יי־גן ! איי, איי, איי, איי איי ! איי, איז דאָס אַ ליי־יי־יגן ! איי, איז דאָס אַ ליי־יי־גן ! — אַזוי ביז משיח וועט קומען . . .

אָבער דאָס גרויסן זיך האָט אַצינד פֿאַר זיי אַליין געטויגט אויף כפּרות :

וואָרים, ערשטנס, זיינען זיי כסדר געווען פאַרהאַוועט מיטן גרויסן־זיך, אַז זיי האָבן זיך אַפילו קיין צייט ניט גענומען עפּעס אָפּצועסן. ווייטער, טאָמער זיינען זיי אומשטענדן, זאַכן ניט מיטגעקומען צום צוועק, האָבן זיי זיך דערפון זייער געערגערט, וואָס האָט זיי גורם געווען צו פאַרשיידענע חולאתן און זיי האָבן שוין פון זייער לעבן ווייניק הנאה געהאַט.

אָבער דאָס ערגסטע דערביי איז געווען, וואָס מיטן גרויסן־זיך האָבן זיי אַרויסגערופן צו זיך קנאה און שנאה פון די אַנדערע, צווישן וועלכע זיי האָבן זיך געפונען. איינער, כדי צו ווייזן, אַז ער איז דער גרעסטער גביר, האָט ער בדאי פאַרזעצט דעם טאַטן מיט דער מאַמען און האָט אָנגעטאָן זיין עילמיכע בגדי־מלכות, איר באַהאַנגען מיטן קאָסטבאַרן צירונג, מיט שנירן פערל, בראַסלעטן, אויערינגען, פינגער־רינגען, כאָטש לויט איר אויסזען האָט זיך איר געפּאַסט צו שטיין איבער אַ קאָרעטע . . . און נאָכהער איז ער זיך מיט איר אַזוי פאַרפאָרן אין אַ געהויבענעם, אַריסטאָקראַטישן האָטעל, אָדער עפּעס אין אַ פיינעם זומער־רעזאָרט און זיך געשפּאַנט מיט איר אויף אַזאַ מין אופן, ווי איינער רעדט:

— נאַט, זעט, וואָס איך פאַרמאָג! . . .

ווערט ביי זיי אין דער מדינה, פאַלאַניעל, אַן אָרעמער שוסטער־געזעלן אַ חתן פאַר אַ דינסט־מויד, אַזאַ מין גבירנטע ווי ער אַליין איז געווען; נדן, האָט ער בלויז געהערט אַזאַ וואָרט; אַפילו צו די תנאים האָט אים אימיצער געליען אַ גאַנץ רעקל. אָבער אויף מאָרגן גייט ער זיך אַוועק צו אַ פּראָצענטניק און לייט ביי אים ק״ן קערבלעך. אויף אַ וואוינונג? ניין! אויף אַ באַלעבאַטישקייט? ניין! אויף חתונה־הוצאות? אויך ניט! אויף וואָס דען? — ער שפּאַנט אַריין אין אַ צירונג־געשעפט און האַנדלט־איין חתן־כלה מתנות! פאַר אים אַ זייגערל מיט אַ גאָלדן קייטל; פאַר דער כלה — אַ שנור פערל, אויערינגלעך, אַ בראַסלעט, אַ פּאָר פינגער־רינגען. חתונה געמאַכט האָט זיי די „חברה הכנסת כלה", וועלכע האָט פאַר זיי מלבושים צונויפגענומען ביי די רייכע, און ער האָט באַקומען אַ פראַק מיט אַ צילינדער, און זי — אַ פּליושענע רעטאָנדע, מיט אַ זיידן קלייד, אַ הוט מיט אַ גאַנצן פויגל און אַ וואואַל, כאָטש אַפילו אָפּגעטראָגענע, פאַרשטייט זיך . . .

נאָך דער חתונה באַזעצט ער זיך מיט איר אויף דער אָרעמסטער גאַס, אין אַן אַלט, כמעט צעבראָכן שטיבל, וואו ער קלאַפּט אויס מיט זיין שוסטערשן העמערל קוים „וואַסער אויף קאַשע", און ביידע כליאַנען אַ גאַנצע וואָך פאַר אַ ביסן; אָבער, מען טראָגט יעדע וואָך דעם פּראָצענטניק דעם וועכנטלעכן אָפּצאָל. נאָר אַז עס קומט אַ שבת, אַ יום־טוב (די עילם האָבן אויך געהאַט שבתים און ימים־טובים, ווי מיר אידן),

טוט ער זיך אָן דעם פראַק מיטן צילינדער, וועלכע זיינען אַ גאַנצע וואָך געהאַנגען אויף דער וואַנט, באַדעקט מיט אַ צעריסענעם, קויטיקן לײַלעך, מיטן זייגערל און גאָלדן קייטל איבערן סאַמעטענעם קאַמעזוויל, און זי — דאָס זיידענע קלייד מיט דער פּליושענער רעטאַנדע, מיט די פּערל, אוערינגען, בראַסלעט, פינגערלעך, און שפּאַנען זיך אַזוי ביידע אַרויס איבער די נאַלעווקע־מיעלס פון יענער מדינה, מיט פּאַמעלעכע טריט, ווי די ריכטיקע פּאַטאַצקיעלס . . .

גייען פאַרביי אַ פּאָר אָרעמע פויערימלעך פון יענער מדינה פון די פּאַלאַניעלס, אין פּראָסטע לייווענטענע בגדים, אָבער ווי אָרעם זיי זיינען ניט געווען, האָט יעדער פון זיי פאַרמאָגט אַ כאַטע, אַ גאָרטן, אַ שטיקל פעלד, אַ פּאָר בהמות, עופות; אויך אַ פּאָר שיינע „באַלעבאַטים" . . . דערזען דאָס פּאָרל פּאַטאַצקיעלס, באַטראַכטן זיי זיי און איינער זאָגט צום צווייטן: „אָט וואָס פאַר אַ מין גבירים די עילם זיינען!" . . . און זיי זיינען זיי שטאַרק מקנא . . .

ביי זיי אַ סטאָליער האָט באַוויזן צונויפצוקלאַפּן אַ היפּשע צאָל גאַר־ניטורס אַ טאָג. אַ שניידער האָט פאַרן אייגענעם טאָג אַרומגעניית די שאַלעוואַניע אַרום די טירן און פענצטער פון אַ גאַנצן הויז. אָדער ער'ט צוגעסטריגעוועט די פּאַדלאָגעס, אָנגעשטעקט די לייסטן פון די ווענט פאַר די צימערן, צוגעפּרעסט אַ פּאָר לייסטלעך צו די טירן און אויס־געשלייפט אין זיי די לעכער אויף צו פאַרשפּיליען מיט די שלעסער . . . וואָס אַזוי פיל אַרבעט וואָלט ביי אַ שניידער פון די „לייבן", פון די „בערן", פון די „טכוירן", דאָס הייסט, וועלכע מען פערזאָניפיצירט מיט זיי, גענומען פינף מאָל אַזוי פיל צייט . . . דער תכלית, אַז די ערשטע האָבן זיך פריי אויסגעאַרבעט, אויסגעקוקט צעקנייטשט און צערינצלט. פונעם אָנשטרענגען זיך, זיינען ביי זיי געווען אַ סך געבריכטע, קאַליקעס און געשטאָרבענע פאַר דער צייט. דערצו נאָך האָבן זיי די אַנדערע באַלמעלאָכעס, פון די אַנדערע „ווילדע בעסטיעס", פאַרן איבעריאָגן זיי, פיינט געקראָגן . . .

די שנאה צו זיי פון די אַלע אַנדערע „חיות" אַרום זיי איז געשטיגן אַזוי הויך, אַז זיי האָבן גאָר פאַרגעסן די טובות, וואָס די עילם האָבן זיי געטאָן; וואָס אַ דאַנק זייער יאָגן און גרויסן זיך, האָבן שוין ביי זיי אַפילו הינט און קאַטשקעס געטראָגן הויזן; אויך מומעס . . . נאָר זיי האָבן זיי גענומען באַפאַלן, מאָרדן און רויבן און עס איז זיי געוואָרן שלעכט! . . .

וואָס טוט מען?

אַ סך זיינען געקומען צו זיי מיט עצות. אייניקע האָבן צו זיי געזאָגט, אַז זיי זאָלן זיך אויפהערן יאָגן און גרויסן; אַז אַ גביר זאָל זיך ניט

אַרויסשטעלן מיט זיין עילמיכע, באַהאַנגען און באַקלאַנגען מיט צירונג, אַז עס זאָל אַלעמען רייסן די אויגן. אַ שניידער, למשל, זאָל בעסער צוסטריגעווען די פּאָדלאָגעס — אַריינשטעקן אין זיי מער פּאַסטריגעס, און ביים אַרומנייען די שאַלעוואַניע זאָל ער מאַכן מער שטעך, וועט זיין אַרבעט זיין בעסער און געדויערן לענגער; אַזוי אויך אַ סטאָליער זאָל צונאָגלען בעסער די קעשענעס און די קנעפּ צו די בגדים! אַנדערע, ווידער, האָבן זיי געראָטן, זיי זאָלן זיך פּאַרשטעלן, אַז זיי זאָלן ניט אויס־קוקן ווי עילם, נאָר ווי בערן און טכוירן, וועלן זייערע שונאים ניט וויסן וועמען צו דערלאַנגען . . .

אָבער אָט זיינען אַרויסגעקומען צו זיי אַ פּאָר און האָבן געזאָגט: שאַט, זיי האָבן אַ פּלאַן! פּאַר זיי אַ גוטן פּלאַן!

וואָס איז געווען דער פּלאַן? דער פּלאַן זייערער איז געווען, אַז זיי זאָלן אַלע אַרויסגיין הינטער דער שטאָט און דאָרט אויפשטעלן זיך אַ כאַטע, צעגראָבן אַ גאָרטן, פאַרזייען אַ פעלד, פלאַנצן אַ בוים, אויפ־האָדעווען אַן עוף, אַ בהמה, וועלן זיי דערפון האָבן וואָס צו פּיסקעווען און עס וועט דערביי דאָרט, הינטער דער שטאָט, שוין ניט זיין קיינעמס עסק . . .

נו, האָבן עס טאַקע פּיל געפּרואווט. וואָס־זשע איז געוואָרן? ווען זיי האָבן אויפגעהאָדעוועט פיל האָנען, זיינען זיי ביי זיי אויסגעוואַקסן אַזוי גרויס, ווי דראַגאָנען! זיי האָבן געפּיקט אויפן דאַך, געמאַכט אים ווי אַ רעשעטע, און אַז זיי האָבן גענומען קרייען, האָבן זיי אויפגעוועקט אַלע אַנדערע „חיות" פון אַרום, און זיי זיינען געקומען צו לויפן און געשטשירעט אויף זיי די חיהשע ציין! . . .

נאָך אַ זאַך: ביים שלאָגן כפּרות (זיי האָבן אויך געשלאָגן כפּרות, ווי מיר אידן), האָט אַזאַ האָן אָנגעכאַפּט דעם באַלעבאָס, אָנשטאָט יענער אים, און אים געדרייט אַרום זיין קרוין: זה חליפתי, זה תמורתי, זה כפּרתי, זה הבאַלעבאָס ילך למיתה, ואני אכנס ואלך לחיים טובים ארוכים ולשלום, — און אים אַ שמיץ געטאָן אונטערן טיש, אַז ע'רט געקליבן די ציין . . .

ביים שוחט, אַז אַזאַ מין האָן האָט געזען, וואָס יענער האָט געטאָן מיט אַ הון, איז ער זיך מיישב און נעמט טאָן מיטן שוחט דאָס אייגענע; דאָס הייסט: ער האָט אים אָנגעכאַפּט ביי די פליגל ,אַריבערגעבויגן דעם קאָפּ אויף אַרונטער, אים אַרויסגעקוועטשט דעם גאָרגל און אים גענומען דאָרטן אויספּליקן די האָר פון דער באָרד . . . דער שוחט האָט זיך געדרייט און געמאַכט מיט אַ פאַרשטיקטן קול: ברוו! . . . ברוו! . . . אָבער דער האָן האָט אים געהאַלטן פאַרדרייט די פליגל. אָט־אָט, נעמט ער שוין אַרויס פונעם פּיסק דעם חלף צו מאַכן איבער אים: כיק! און ער

וואָלט אים געוועזן . . . איז אָבער געווען אַ נס, וואָס איינער איז אַריינגעקומען מיט אַ צאָל הינער און אַ האָן, איז אַזוי ווי אונדזער האָן האָט עס דערזען, האָט ער אָפּגעלאָזט דעם שוחט און זיך גענומען שלאָגן מיטן צווייטן האָן . . .

די סטאַדעס פון די אַנדערע חיות פלעגן תמיד גיין מיט פירער. און די פירער זיינען ביי זיי געווען די שטאַרקערע, די גרעסערע. די עילם, זינט זיי האָבן זיך געראַטעוועט פון די נעגל פון דעם שרעקלעכן אָדלער פון זיבן בערג, האָבן זיך מיט אַזוינע ניט אַרויסגעשטעלט. ווייל איינמאָל זיינען זיי ניט געווען קיין בלוט־דורשטיקע און האָבן קיין אַנדערע ניט אָנגעגריפן. טאָמער זיינען זיי באַפאַלן געוואָרן פון חיות רעות, האָבן זיי זיך אָפּגעטראָגן וואו נאָר זיי האָבן געקענט. ווייטער, האָבן זיי זיך אומעטום געפונען אין קליינע צאָלן, וואו יעדער פון זיי, אָפּזוכנדיק אַ שטיקל פּאַשע, האָט ער זיך עס געצופּט באַזונדער און זיי האָבן זיך אין קיין סטאַדעס מיט פירער אין ערגעץ ניט אַרויסגעפּאַרנט. זיי פלעגן זיך נאָר צונויפרוקן צוליבן פּאָרן זיך און אויך אויסמעקען זיך. מעקען האָבן זיי פּאָרגעצויגן באַנאַנדער, בציבור הייסט עס. געמעקעט האָבן זיי צום הימל איין מאָל אין חודש אין קליינע צאָלן; אויך צו דער לבנה . . . דערביי פלעגן זיי שוין אַרויסשטעלן איינעם ,וואָס האָט געקענט שיין מעקען; אַ שליח־ציבור, הייסט עס. און יענער פלעגט אָנפאַנגען און די איבעריקע פלעגן אים נאָכקומען. ווי, למשל, פלעגט זיי ניט איין מאָל געפעלן צו מעקען מיטן ניגון פון אַ וואָלעכל, פלעגט דער שליח־ציבור זייערער נעמען מאַכן אַזוי: מע, מע, מע, מע, מע! מע, מע, מע, מעעעע! מעעעע! מע, מע, מע! מע, מע, מע! מע, מע, מע! מע, מע! מע, מעעע... מע, מע, מע, מע, מע! מע, מע, מעעע! . . . און די איבעריקע פלעגן שוין דאָ אַלע אַרויסברענגען: מע, מע, מעע! מעעע! . . . אָפּט פלעגן זיי אים לאָזן אַליין מעקען. צום סוף נאָר געבן אים אַ מעקע־צו: מעע! — ווי מיר, „אָמן״, למשל . . .

אָבער דאָ, ווען עס איז זיי שוין געווען באו מים עד נפש, ווען אַנדערע חיות רעות האָבן זיי אומעטום געמאָרדעט און געיאָגט, האָבן זיך אַ צאָל ביי זיי אַרויסגעשטעלט פאַר אַרויספירן זיי פון די פורעניותן. אייניקע פון זיי זיינען געווען מיט גרויסע קעפּ; אַנדערע, מיט גרויסע אויגן; געוויסע, מיט אַזוינע אויערן, און אַ סך מיט היפשע נעז. ביי די מיט די קעפּ האָבן זיך אַנטוויקלט פּלענער, ווי אַזוי צו ראַטעווען זיי פון די פורעניות; די מיט די אויגן האָבן אויסגעקוקט ווייט און ברייט און געוואָרנט זיי וועגן אַ צרה. ווידער, די מיט די נעזער, האָבן אויסגעשמעקט

פאַר זיי וואו אַ סכנה . . . אָבער אַלע די האָבן זיי ניט באַוויזן עפּעס וויכטיקס אויפצוטאָן און עס איז זיי געגאַנגען פון שלעכט צו ערגער.

אָבער, שאַט! עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט ביי זיי איינער, אָדער בעסער געזאָגט: אַ פּאָר קלוגערע האָבן אים אַרויסגערוקט, וועלכער האָט אָנגעפאַנגען באַווייזן פאַר זיי וואונדער! ער האָט גענומען באַגראָבן זייערע בלוטיקע שונאים רעכטס און לינקס, געבראָכן זיי די מאָרדעס און געלאָמעט זייערע ביינער, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן אָפּטרעטן.

און געווען איז ער גראָד אַזוינער, אויף וועלכן קיינער האָט זיך ביז דאַן ניט געריכט, אַז ער זאָל זיין פּייאיק אויפצוטאָן אַזאַ מין זאַך. געווען איז ער עס, דער אין אָנפאַנג באַצייכנטער כדרלעמר, אָדער קידאַלקע, ווי מיר רופן אים אין אונדזער ליבן אידיש.

ער האָט מיט זיך כסדר פאָרגעשטעלט אַ גאַנצער לאָמטאַש, אַ טאַטע לייבע, אָן שכל, אַ שטיק ליימענער גולם . . . זיין עובדא פלעגט נאָר זיין אָפּצוטאָן פאַר אַלעמען די שווערסטע אַרבעטן; ווי, למשל: אָנ־טראָגן פאַר איטלעכן וואַסער, אָנהאַקן האָלץ, אויסטעסען סטאָלבעס, זעגן ברעטער, אויפהויבן פאַר זיי די שטיבער, מאָלן דעם מעל, באַקן ברויט; מיט איין וואָרט: אָפּטאָן פאַר אַלעמען די שווערסטע מלאכות, פאַר וואָס ער האָט ביי זיי געקראָגן דערלאַנגט פאַר זיין אכילה אַביסל פון די פאַרבליבענע, נעכטיקע געבעקסן און געקעכצן, אַ פּאָר אָפּגעטראָגענע, צעריסענע בגדים זיך צו פאַרדעקן דאָס לייב, וואו צו שלאָפן — אין אַן אַלטער חורבה, אויף קויטיקע שמאַטעס. נאָר ,פונדעסטוועגן, האָט ער פאַרמאָגט אָרעמס, שטאַרקע ווי אייזן, מיט פיס, ווי קלייצעס; די אַקסלען פון די שווערע משאות, וואָס ער׳ט אויף זיך שטענדיק געשלעפּט, זיינען ביי אים געווען פאַרהאַרטעוועט ווי קיזל־שטיין און דער קאָפּ מיט דעם שטערן — ווי קופּער; אַז טאָמער האָט אים איינער אַריינגעבראַכט אין כעס און ער האָט אים דערלאַנגט אַ זעץ, איז יענער געבליבן זיצן ביין איילן אונטן. האָט ער אימיצן מיט זיין הינטער־חלק געגעבן אַ שטויס אויף צוריק, איז יענער נאַזנדיק פאַרלאָפן קיין בויבעריק, וואָס איז נאָך כמה וכמה מיילן ווייטער פון בעמבעריק און לעמבעריק . . .

די בעלי־שכל, וואָס האָבן אים אַנטדעקט, האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער איז עס דער, וועלכער וועט מיט זיין גבורה קענען באַווייזן פאַר זיי עפּעס ממשותדיקס. וואָס־זשע האָבן זיי געטאָן? צוערשט האָבן זיי אים אַרויפגעשטעלט אַ רויטן ספּאָדיק. און אַזוי ווי ער׳ט אַפילו ניט געקענט אַרויסברענגען לייטיש אַ וואָרט, האָבן זיי אים אַריינגעלייגט אונטערן צונג עפּעס אַ מין שם המפורש און ער האָט גענומען רעדן פאַר פייער און פאַר וואַסער, אָדער מיט פייער און וואַסער, און אַרויסגעגעבן אַזוינע קלינגענדיקע ווערטער און וואונדערלעך־שיינע פראַזן, און זיי האָבן אים

אַזוי פֿאַרגעפּירט פֿאַר די עילם און צו זיי געזאָגט: „אלה אלקים עילם!"
אַז זיי זאָלן זיך פֿאַר אים בוקן און אַז ער וועט זיי אַרויסהעלפֿן פֿון זייערע צרות און פֿאַרטרייבן פֿון זיי זייערע בלוטיקע פֿיינט, די „חיות־רעות".

אַז אַזאַ טאַטע־לייבע, אַזאַ לאַמטאַש, אַזאַ מין ליימענער גולם זאָל ווערן ביי זיי דער פֿירער, דער פֿאַר זיי אַרויסשטעלער, האָבן זיך וועגן דעם אַלע געוווּנדערט. איבערהויפּט איז ער ניט געווען ניחא פֿאַר די מיט די גרויסע קעפּ... דאָן האָבן אים זיינע אַרויסברענגער אַרייַנגעדרודלט, אַז ער זאָל זיי אַלעמען לאָזן וויסן, אַז אויב זיי וועלן זיך שטעלן אים אַנטקעגן, וועט ער פֿאַר קיינעם ניט טראָגן מער קיין וואַסער, ניט מאַכן קיין פֿייער, ניט מאָלן קיין מעל, ניט באַקן קיין ברויט, מיט איין וואָרט: ניט טאָן פֿאַר זיי קיין שום אַרבעט און זיי וועלן אַלע פּעכניען אויפֿן פּיסק און אויסלאָפּן דעם צונג... און דערביי, אַלע זעענדיק ווי אַזוי ער'ט זיך שוין גלייך גענומען באַגראָבן זייערע שרעקלעכע, בלוטיקע שונאים, האָבן זיי אָנגעבויגן פֿאַר אים דעם קאָפּ און פֿון דעמאָלט אָן איז דער כדרלעמר, דער קידאַלקע, הייסט עס, דער טאַטע־לייבע, דער לאַמטאַש, דער ליימענער גולם, ביי זיי געוואָרן דער פֿירער, דער מאַכער — דער קייסער!...

פ י נ פ ט ע ר ט י י ל*

אַצינדערט, צו תדעל, סידאַקלען, און די גויים

אָבער פריער — וועגן די גויים:

עס איז געווען זייער אַ שווערע הלכה אויסצוגעפינען, וואָס פאַר אַ מין סאָרט בני־אָדם עס זיינען געווען די גויים. — געקוקט אין די פאָראויס־דערמאָנטע וועלט־כראָניקעס — קיין חיה מיט אַזאַ נאָמען, נאָך וועלכער זיי זאָלן זיך האָבן פערזאָניפיצירט און פון וועלכער מען זאָל קענען אַרויספינגערן, וואָס פאַר אַ מין בני־אָדם זיי האָבן געקענט זיין, איז אין ערגעץ ניט געווען בנמצא. ניט אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, ניט אַפילו אין אַ בוך וועגן זאָאָלאָגיע. — אַפילו אייניקע מאָל געהערט זאָגן, אַז אַ גוי איז אַ דבר־אחר . . . אינגלווייז, אין חדר, פלעג איך אָפט הערן דעם רבין אָנרופן איינעם אַ תלמיד, וואָס האָט ניט געוואָלט לערנען, אָדער וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ פאַרשטאָפטן קאָפּ, — גוי, גוי־גמור! אויך אַזוינעם, וואָס האָט ניט געוואָלט זאָגן קיין „מודה־אני", מאַכן די ברכה פאַרן עסן און דערנאָך בענטשן, וואָס האָט זיך געפוילט צו דאַווענען, און אַז ער'ט שוין געדאַוונט, האָט ער עס מער געפאָנפעט, ניט אויסגעוואַרט די צייט מיטן עסן פון פליישיקס ביז מילכיקס; מיט איין וואָרט: וואָס האָט ניט געוואָלט אָפהיטן קיין מצוות, פלעגט דער רבי זאָגן אויף אים, אַז ער איז אַ גוי־גמור.

אָבער, דעם זעלביקן רבין האָב איך ניט־זעלטן געהערט רעדן וועגן גויים — גויים, גרויסע געלערנטע, דאָקטוירים, פראָפעסאָרן, און אויך פאַרברענגען ווי אַזוי עס זיינען דאָ גוטע גויים, אמתדיקע צדיקים, וואָס וועלן לעתיד לבוא, נאָכדעם ווי משיח וועט קומען, זיצן באַגלייך מיט די פרומסטע אידן ביי איין טיש ביי דער סעודה, וואָס דער אַלמעכטיקער וועט דעמאָלט דערלאַנגען זיינע געטרייע דינער . . . עלטער ווערנדיק,

---

* די געשיכטעס זיינען אויסגעטראַכטע, זייט-זשע אַזוי גוט און זוכט ניט אין זיי קיין אמת'ן.

האָב איך געלערנט פון גויים — פילאָזאָפן, וויסנשאַפטלער, קינסטלער, ליטעראַטן. האָב איך שוין אָפילו נאָכדעם אַלץ ניט געקענט דערגיין קיין טאָלק, וואָס פאַר אַ מין בני־אָדם עס זיינען געווען די צום ערשטן דערמאָנטע גויים.

הכלל, כ׳האָב זיך ווידער גענומען גרונטעווען אין דעם ספר־הספרים, באַגעגנט דאָס וואָרט דערמאָנט אויף פאַרשיידענע אופנים און פיטעטן אַנצייליקע מאָל. אָבער, יעדעס מאָל — באַצייכנט גויים אין אַלגעמיין. אַ בשרייבונג פון אַ באַזונדער פאָלק מיט אַזאַ נאָמען — לא מיט אַ קאָפּעליוש!

אָבער, עפּעס האָט מיר אָפּערגעשיינט, וואָס האָט מיר געגעבן אַ שפּור; נעמלעך: לויט דאָס וואָרט גוי ווערט פאַרגעבראַכט אינעם ספר־הספרים, ביי געוויסע דראַמאַטישע מאָמענטן, איז מיר פאָרגעקומען, אַז זיי האָבן געמוזט זיין אַ גליקלעך פאָלק. אַ פאָלק, וואָס דער אַל־מעכטיקער האָט אָמבעסטן געגליכן און מזכה געווען מיט אַלעם בעסטן, וואָס ער פאַרמאָגט אויף דער וועלט; אַזוי, אַז עס האָט זיך זיי געלעבט נאָך בעסער ווי גוט.

דהיינו? ווען דער אַלמעכטיקער, ווערלנדיק פועלן ביי משה רבנו, ער זאָל אים לאָזן אומברענגען די אידן, האָ טער אים געזאָגט, אַז אויב ער גיט אים די דערלויבעניש, מאַכט ער אים פאַר אַ גוי־גדול! ...

פאַר וואָס האָט ער אים ניט געזאָגט: עם־גדול? משמעות ער׳ט גע־דענקט, אַז ווען ער וועט דערהערן דאָס וואָרט „גוי", מאַכט ער ניט קיין טענות און לאָזט אים טאָן מיט זיי וואָס אים געפעלט. איז דערפון אויסצופינגערן, אַז גוי איז געווען גוט. בפרט נאָך גוי־גדול? ... (הייַנט אויך ניט שלעכט...)

— יאָ, דער אַלמעכטיקער האָט געוואָלט אומברענגען די אידן. אָמאָר רעבע לוויוויע: לויט אַ סך פונעם באַשריבענעם אינעם בוך פון די ביכער, קוקט עס אויס גיכער, אַז דער אַלמעכטיקער האָט פיינט די אידן; אַז כסדר פאַרפאָלגט ער זיי און האָט זיי שוין אָנגעטאָן די גרעסטע נגישות און ער האָט זיי שוין ניט איין מאָל געוואָלט אינגאַנצן צורעכט מאַכן. אָפילו דעם מאָל, איז אַ נס, וואָס משה רבנו איז עס ניט געפעלן צו ווערן אַ גוי־גדול ... און אפשר האָט ער טאַקע רחמנות געהאַט אויף די אידן...ווייטער, וואָלטן זיי שוין אַלע געווען פיפטער, עס וואָלט ניט געבליבן פון זיי קיין שריד ופליט! — אָבער דאָס איז שוין אַן אַנדער ענין.

פון דער געשיכטע מיט הגר׳ן קען מען אויך אַרויסדרינגען, אַז גויים האָט געמוזט זיין גוט. דע מעשה איז אַזאַ:

די הגר, לויט עס ווערט דערציילט אינעם בוך פון די ביכער, איז

געווען אַ דינסט ביי דער באָבע שרה מיטן זיידן אברהם. זיי האָבן געהאַט דינסטן מיט משרתים; זיינען געווען, דאַרף מען וויסן, פון די פּרינצן, פון די פירשטן, ניט אַבי־ווער.

האָט די באָבע שרה ניט געהאַט קיין קינדער; האָט זי געגעבן הגר'ן צום זיידן אברהם, ער זאָל האָבן מיט איר אַ קינד. — היינטיקע באָבעס וואָלטן אַזוינע זאַכן פאַר די זיידעס ניט געטאָן . . . ווען אַ זיידע טוט אַליין אַזאַ מין זאַך, וואָלט זי אַליין פריער אַוועק פון אים, און דערנאָך וואָלט ער דערפאַר ביי איר נאָך געזעסן אין טורמע ! . . . אָבער יענע יאָרן זיינען, אַפּנים, די באָבעס געווען קליגער און ברייטהאַרציקער . . . נאָר ווי די זאַך זאָל ניט זיין, די הגר איז פאַרגאַנגען אין טראָגן און זיך דערמיט גענומען גרויסן קעגן איר, קעגן דער באָבען. האָט עס איר, פאַרשטייט זיך, פאַרדראָסן. ביז זי האָט פריער אויסגעלאָזן כל חמתה אויפן זיידן . . . און דערנאָך ערשט איר משלח געווען.

אָבער לויט ווי עס ווערט ווייטער פאַרגעבראַכט, נאָכדעם ווי הגר האָט זיך שטאַרק אָנגעפּלאָגט, האָט זי זיך שוין מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ אומגעקערט צוריק צו איר און האָט געבוירן אַ אינגעלע.

דאַן איז די באָבע שרה אויך ביים אייגענעם זיידן פאַרגאַנגען אין טראָגן . . . און איז געלעגן געוואָרן מיטן צווייטן אינגעלע, מיט יצחקלען. זיינען ביידע אינגלעך געוואַקסן און האָבן זיך געשפּילט. ווייזט אויס, דערפאַר וואָס זיי האָבן זיך ביידע צעשלאָגן, און דער עלטערער האָט מסתמא אָנגעבויקערט איר יצחקלען, צי ווייל זי האָט זיך געטראַכט, אַז טאָמער וועט ער ביי זיי אויסוואַקסן, וועט ער ירשענען אַ טייל פונעם טאַטנס ירושה, איז זי געגאַנגען און האָט געזאָגט דעם זיידן, אַז זי וויל אַצינד, איינמאָל פאַר אַלע מאָל, ער זאָל הגר'ן משלח זיין מיט איר בנאָקל . . .

דעם זיידן, ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין דער געשיכטע, האָט עס גאָרניט געשמעקט צו טאָן אַזאַ זאַך, ווי אַוועקשיקן הגר'ן מיטן אינגל. אָבער די באָבע איז געווען איינגעשפּאַרט, און נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת איז ער געקומען צום אויספיר, אַז ער זאָל איר נאָכגעבן. ער האָט טאַקע גענומען הגר'ן, איר געגעבן דאָס אינגל און איר געזאָגט, אַז זי דאַרף אַצינד פון זיי אַוועקגיין.

הגר, ווי עס דערציילט זיך ווייטער, האָט אים גאָרניט געענטפערט. זי האָט גענומען דאָס אינגל און האָט, ווי מען זאָגט, אויף גאָטס באַראָט אַוועקגעשפּאַנט. זי האָט געשטעלט פיס ביז זי איז אַריין אין די ווילדער־נישן, אין די וויסטעניש פון באר שבע און האָט אָנגעפאַנגען צו בלאָנדזשען.

דאָס וואַסער האָט זיך שוין ביי איר פון לאַנג אויסגעלאָזן און זי

האָט אָוועקגעלייגט איר אינגל אונטער אַ בוים — ניט געוואָלט קוקן ווי ער גייט אויס, און זיך דערווייטערט פונעם אָרט אַ שטרעקע, וואו עס טרעפט אַ פייל פונעם בויגן; האָט זיך דאָרט אַוועקגעזעצט אַנטקעגן און האָט אויפגעהויבן איר קול מיט אַ ביטער געוויין.

האָט ג׳, ווי עס ווערט ווייטער דערציילט, געהערט דאָס געשריי פון איר אינגל און אַ מלאך האָט גערופן צו איר: „הגר, הגר!״ — איר זאָגנדיק, אַז זי זאָל ניט זיין פאַרצווייפלט, נאָר זי זאָל אויפהויבן איר אינגל און אים טראָגן, פאַרזיכערנדיק איר, אַז ער וועט שטאַרקן אירע הענט און אַז פאַר איר גרויס צער וועט ער מאַכן פון אים אַ גוי־גדול...

און אין דעם מאָמענט האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר איר אַ ברונעם מיט וואַסער... איז אַז מען שטעלט דאָ די קשיא: פאַרוואָס האָט ער איר געזאָגט גוי־גדול, ניט עם־גדול? איז דער תירוץ, אַז „עם״ וואָלט ניט געווען אַזוי גוט ווי „גוי״. אָט ווי, למשל, אַפילו נאָך היינט, ווען מען זאָגט „עם ישראל חי״, איז ווען מען וויל עס געבן דעם ריכטיקן מיין, באַטייט עס: אַ פאָלק, וויפל מען האָט עס שוין באַגראָבן, און עס לעבט נאָך... אָן אַ צאָל געפינט מען אין דעם בוך פון די ביכער, אַז עס מיינט אַ פאָלק אויף צרות. אַפילו נחמו, נחמו עמי, מיינט: טרייסט צו אַ געשלאָגענעם, געפּאַלעמטן פאָלק. אָבער גוי, גויים, באַצייכנט זיך אַ פאָלק, וועלכן עס לעבט זיך גוט...

דען, אָמאָר רעבע לוויוויע: אויב גוי, גויים, מיינען בני־אָדם, וועלכע עס איז וואויל, איז אפשר אַ פּלאַן אויסצוגעפינען אַצינד דאָס גליקלעכסטע פאָלק און פון דעם זיך משער זיין, וואָס פאַר אַ מין בני־אָדם זיינען געווען יענע גויים?

מען דאַרף פרואוון!

גענומען די גאַנצע ערד־קוילבע, מיט אירע קאָנטינענטן, אינדזלען, גוט בודק חמץ געווען די פעלקער, וואָס זיצן אויף זיי... מיט גרויס פאַרזיכטיקייט זיי חוקר ודורש געווען. די גליקלעכסטע? — די אַמעריקאַנער!

דאַרף מען זיך, הייסט עס, גיין באַקענען מיט זיי און זען וואָס פאַר אַ מין פאָלק זיי זיינען. בין איך דאָך אין זייער מדינה? אָבער עס איז מיר גרינג ניט אָנגעקומען. ווייל, ראשית, טוט רעבע לוויוויע יעדן טאָג פון דער וואָך זעגן, הובלעווען, האַמערן פאַר זיין חיונה, און צו קענען אָפּשפּאָרן אַ פּאָר סענט אויף אָפּצודרוקן זיין שרייבן. וואָרים וויסן דאַרף מען, אַז בעוונותינו הרבנים, איז נאָך קיין שום רעדאַקטאָר, אַרויסגעבער פון ביכער, ניט דערוואַקסן צו דער מדרגה, צו פאַרשטיין דעם גרויסן ווערט — דעם גרויסן? גאָר דעם גרויסן און וויכטיקן ווערט, מישטיינס געזאָגט, פון רעבע לוויוויעס אָרט שרייבן... זיי זיינען

כמעט אַלע גרויסע באָמאָזן — זיינען זיי! גיט זיי מעשיות וועגן ווייבער, וועלן זיי זיך קוויקן מיט זיי. ווידער אין די אָוונטן, שבתים, ימים־טובים, וויל ער דאָך עפּעס מתקן זיין? פונדעסטוועגן האָט ער גענומען אָפּשטעלן איעדן, אויף וועמען עס איז אים נאָר געפאַלן אַ חשד, אַז ער׳ז איינער פון זיי. אָבער, לא מיט אַ ספאָדעק! — קיין איינער ניט בנמצא!

צוערשט דעם מליכמאַן — האָט ער געענטפערט, אַז ער איז אַן איירישמאַן. דער רעסטאָראַטאָר — אַ גריך; דער לאַטוטניק — איטאַ־ליאַנאָ. איז ער אַריין אין אַ שמועס מיטן באַרבער, זאָגט ער אים, אַז ער איז אַן אַלבאַניער; דער געזמאַן — אַ סקאָטלענדער; דער וועשער — אַ כינעזער. רעד איך זיך דורך מיטן קרעמער, דערקלערט ער מיר גאָר, אַז ער איז אַ ציוניסט!

טראַכט איך זיך שוין: רבונו־יונה, וואו דערטאַפּט מען ערגעץ אַן אַמעריקאַנער? בין איך לעבן אַ שול, פאַלט מיר איין אַ געדאַנק אַריינ־צוגיין און זען; אויב עס איז אין איר גופא נישטאָ אַזעלכער, וועט מיר פילייכט אימיצער אָנווייזן, וואו מען קען אַזוינעם געפינען.

איז עס געווען אַ גליקלעכער געדאַנק: איך האָב אין איר אַי געפונען אַמעריקאַנער, אַי זיך דערוואוסט אויף ריכטיק, וואָס פאַר אַ מין בני־אָדם זיי זיינען! און צוגעגאַנגען איז עס אַזוי:

איך קום אַריין; זיך געפעדערט, עס זאָל זיין אין דער פרי צום דאַווענען. אַ גאַנץ פיינע שול: געפּאָלירטע בענק, אַ שיינער אָרון־קודש, אַ פּרוכת אויסגעניייט מיט די לוחות, מיט אַ קרוין אויף זיי פון אויבן, מיט די לייבן ביי די זייטן, אַ שטאַרקער עמוד — ער׳ט גאָרניט גע־סקריפּעט; מן הסתם געווען אַ שוואַכער חזן מיט אַ שטילן קול . . . אַ בעלעמער מיט טרעפּ אַרויפצוגיין; אין מערב זייט, אויף אַ טיש — אָנגעטאָסעוועט סידורים, חומשים, תהילימלעך, מחזורים; ביי אַ זייט, ווידער, לעבן אָרון־קודש — אַ שאַפע מיט ספרים: גמרות, משניותן, מדרשים, עין־יעקבס; אויך יאַרמולקעס, טליתים — אָבער מתפללים? — אויף קיין רפואה!

— שמש, שמש! וואו זיינען די מתפללים?

— מתפללים? — ענטפערט ער מיר טראַציק. — אַמעריקאַנער דאַרפן פאַר גאָרניט תפילה טאָן! זיי האָבן אַלע „כיליעריעס״; עס פעלט זיי נאָר קרענק מיט קדחת! . . .

דערהערט אַמעריקאַנער, טוט מיר הנאה.

— ר׳ שמש, וואו און ווען קען מען דערטאַפּן אייערע אַמעריקאַנער?

קוקט ער מיך אָן מיט דערזעלביקער מינע און זאָגט:

— גייט אַראָפּ די טרעפּ (ווייזט מיר וואו). דאָרט זיצן עטלעכע און „זאָגן תהילים״ . . .

בקיצור — אַ פיינער זאַל. עטלעכע בני־אָדם זיצן אַרום אַ טיש, איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, און זאָגן „תהילים״ מיט אַזאַ פּאַרטיפּעניש, אַז קיינער פון זיי האָ טאָפּילו ניט אויפגעהויבן דעם קאָפּ אַ קוק צו טאָן ווער עס איז אַריינגעקומען. דערביי האָבן זיי, אַלע מאָל אַן אַנדערער, איבערגעמישט און איבערגעמישט די „תהילימלעך״.

מילא, האָב איך געוואַרט און באַטראַכט די אַמעריקאַנער, ווי געשמאַק זיי זאָגן „תהילים״. נאָר וואָדען ? געווען זיינען די „תהילימלעך״, וואָס זיי האָבן געהאַלטן — אַן מזמור לדודס, אַן למנצחס, לבני קרח. בלויז מיט ניינטלעך, צענטלעך, פרינצן, מלכות, מלכים און טויזן. ענדלעך האָב איך זיך דערוואַרט ביז עס איז פון זיי אַרויס „כל הנשמה״ . . . און זיי האָבן אַוועקגעלייגט די „תהילימלעך״.

פון די ענטפערס, וואָס איך האָב באַקומען פון זיי און פון נאָך אַזוינע אַמעריקאַנער, אין אַרבעטער יוניאָנס, פּאָלקס אָרגאַניזאַציעס, פּראָטערנאַלע אָרדנס, איז מיר נאָך עד היום ניט מעגלעך צו מאַכן איבער זיי דעם ריכטיקן דיאַגנאָז, וואָס פאַר אַ מין בני־אָדם זיי זיינען. זיי האָבן געטראָגן אַ צווייַדייטיקן כאַראַקטער, אַ פּאַראַדאָקסאַלן, וויל איך זאָגן. באַמערקנדיק צו אַ פּאָר: ווי קומט עס, וואָס זיי פּאַרטאַכליעווען די צייט אין דעם „תהילים זאָגן״, פון וועלכן מ׳קען גאָרנישט אַרויס־נעמען ? וואָלט דען ניט געווען גלייכער, האָב איך זיי געפרעגט, אין דער צייט צו פאַרברענגען ביי אַ ספר, אַ בוך, פון וועלכן מ׳קען עפּעס לערנען ?

דער ענטפער איז געווען, אַז אַמעריקאַנער דאַרפן נישט לערנען; אַז וואָס ווייניקער איינער קען, וואָס פאַר אַ גרעסערער עם־הארץ ער איז, אַלץ גרעסערע זאַכן וועט ער אויפטאָן. באַוויזן האָבן זיי עס מיט פאַקטן: איינער האָט דערציילט ווי אַזוי זיינער אַן אייגענער, טאַקע אַן אַמעריקאַנער, קען אַליין קיין צוויי ניט ציילן און ווייסט ניט פון קיין אלף, דאָך פירט ער געשעפטן פון הונדערטער טויזנטער דאָלער. ווי אויך פון איינעם, וואָס קען אַליין ניט קיין שייטל עברי, — פון גמרא, משניות, שולחן,ערוך, איז אָפּגערעדט; פונדעסטוועגן איז ער איינער פון די גרעסטע רבנים, פון די גלענצנדסטע בעלי־דרשנים. אַז ער האָט אַליין געהערט ווי יענער האָט אָפּגעהאַלטן אַ דרשה פול מיט תורה און מיט חכמה . . . פאַרקערט, האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז איינער, וועלכער איז דאָ אַ געלערנטער, אַ תלמיד־חכם, באמת, טויג ער דאָ אויף זיבן־און־ניינציק כפרות ! . . . ער קען דערמיט גאָרניט באַווייזן !

האָב איך עס נאָך מער חוקר ודורש געווען און אויסגעפונען, אַז זייערע דיבורים זיינען אמת שבאמת, זיינען זיי . . . דהיינו ?

געהערט פּראָפעסאָרן געבן לעקציעס איבער אַסטראָנאָמיע, עקאָ־נאָמיע, אַגראָנאָמיע, אַנאַטאָמיע, אויטאָנאָמיע — מיט איין וואָרט, פון

אַלערליי וויסנשאַפטן. אָבער אַז מען גיט זיי אַ טאַפּ ביים דופק, זיינען זיי פּאַרשווינען, וועלכע האָבן קיין ספר פון די אַלע וויסנשאַפטן כמעט אין יד ניט געהאַלטן. אַזוינע, וועלכע זיינען קיינמאָל, אָדער ווייניק־וואָס, אין אַ „חדר" געגאַנגען, האָבן באַוויזן אַרויסצוברענגען אַנט־דעקונגען . . . זיי האָבן אָנערקענט דאָקטוירים, וועלכע מאַכן אָפּעראַציעס, שרייבן רעצעפּטן און פילן אויף וואָס די וועלט שטייט, אָבער וועגן מעדיצין, אַנאַטאָמיע, ווייסן זיי ניט פון זייער חיות צו זאָגן! . . . אויך אַזוינע, וואָס קענען ניט פירן אַ קינד ביי דער האַנט, זיינען דאָ גבאים, פּרעזידענטן, פירער פון דער מלוכה. וואָס דאַרף מען האָבן דאָס? — שרייבער? באַזונדערס אַמעריקאַנער, אידישע שרייבער? פאַראַן אַפילו אייניקע פון זיי, וואָס ברענגען אַרויס קינסטלערישע ליטעראַרישע שאַ־פונגען. אָבער דערנאָך קענען זיי אַליין ניט איבערליייענען, וואָס זיי האָבן אָנגעשריבן . . . ווי רעבע לויוויע . . . ער מאַכט קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס און דערנאָך קען ער עס אַליין ניט איבערלייענען, קען ער ניט...

אין די פאַראיינען פון די באַלמעלאָכעס זאָגן זיי אַ סך, אַז אַ באַלמעלאָכע, אַ קינסטלער, האָט דאָ קיין שום ווערדע ניט. קיינער קוקט זיך דאָ אויף אים ניט אום. מען מאַכט זיך דאָ פון אים קיין שום צימעס ניט. מען וועט אים דאָ אַפילו ניט צולאָזן צו קיין פּראָסטע אַרבעט. און ער גייט אַרום, סאַלאָפּעט כסדר דעם צונג און פּעכניעט אויפן פּיסק. אָבער, איז איינער אַ קאַליקע, אַ פּאַרטאַטש, מאַכט מען אים דאָ פאַר אַ פּאָרמאַן . . . אָדער ער ווערט אַליין דער פאַבריקאַנט. און מערקווירדיק, ער שטעלט אַרויס די פיינסטע, די קינסטלערישסטע אַרבעטן! . . . נו, וואָס פאַר אַ דיאַגנאָז קען מען מאַכן איבער די אַמעריקאַנער?

ווידער, האָב איך אויסגעפונען: איידער אין ספרים און ביכער, פון וועלכע צו לערנען פאַרשיידענע חכמות, זיינען זיי אַלע פאַרקאַכט אין אַלערליי שפּילערייען. איבערהויפּט זיינען זיי פאַרקאָכט אין שפּילן אין פּילקע. דערוואַקסענע גייען אַרויס מיט אַ פּאַלאַן, מיט אַ פּילקע און מען קנאַקט מיטן פּאַלאַן אין דער פּילקע, זי פליט און מען כאַפּט זי, און זיי ווערן דערביי מלא גדולה. זיי שפּילן די פּילקע מיט די פיס, מיטן קאָפּ, מיט די עלענבויגנס, אַפילו מיטן פּופּיק . . . מיט רעשעטעס, רייטנדיק אויף פערד. ווייטער, אין אַנדערע שפּילערייען, ספּאָרטס רופן זיי עס, אין שווימען, לויפן און בוכצען זיך. עס שטעלן זיך אַרויס צוויי און נעמען זיך כמאַליען איינס דאָס אַנדערע; אַזוי דערביי וועלן זיי זיך וועטן אויף וואָס די וועלט שטייט אויפן געווונער; איינאָרדענען פערד־געיעגן, הינט־געיעגן, שפּרינגען פון זשאַבעס, אַפילו פון קאַקרוטשעס, און האָבן פון אָט־די אַלע שפּילערייען גרויס הנאה. אָבער איבערהויפּט, ביי די גרויסע מאַסן, איז שטאַרק פאַרשפּרייט דאָס „זאָגן" דעם פריער־

דערמאָנטן „תהילים״ . . . מען זאָגט אים אין די שולן, אין די יוניאָנס, אין די פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, אין די פאָלקס־פאַראיינען. אַמערי־קאָנער מיט בערד און פּיאות, אין יאַרמולקעס ; אַמעריקאָנערינס מיט פאַטשיילעס איבער די אויערן, מיט ברילן, וועלכע עס פּאַסט זיך גאָר אַריינצוקוקן אין צאינה וראינה — זיצן כסדר און „זאָגן״ דעם „תהילים״, און „זאָגן״ אים געשמאַק. איי, געשמאַק ! . . . אַזוי אויך לידערס פון יוניאָנס, פון פּאַרטייען, פון אָרגאַניזאַציעס, פון די גאָר וויכטיקסטע אינסטיטוציעס. געוויסע אַמעריקאָנער זיצן גאַנצע נעכט און „זאָגן״ דעם סאָרט „תהילים״ ! . . .

פירער פאַר זייער מלוכה מאַכן די אַמעריקאָנער אויך מיט אַ סאָרט שפּיל.

זיי טיילן אויס פון זיך צוויי מחנות. די ערשטע פּערזאָניפיצירט זיך אין געשטעל פון אַ העלפאַנט ; די צווייטע — אין אַן אייזל.

פאַר דער שפּיל פאַרמאַסקירן זיך אַ סך פון די ערשטע אין העלפאַנטן און די צווייטע — אין אייזלען, מיט די לאַנגע אויערן. די איבעריקע טראָגן : די פון דער ערשטער מחנה — אָנגעשפּיליעט אויף זייערע לאַצן פיגורקעס פון העלפאַנטן ; די פון דער צווייטער — פון אייזלען, און פאַראַדירן אַפילו מיט פּענער מיט די עמבלעמען פון די חיות.

דאַן שטעלט יעדער צד אַרויס פירער פאַר דער מלוכה. און די פירער מעגן דווקא ניט זיין קיין חכמים, צי געלערנטע, אָבער זיי באַדאַרפן קענען גוט לויפן. איבערהויפּט דער, פאַרן ערשטן אַמט פון דער מלוכה. זייער געלויף איז צו כאַפּן פאַר זיך מער שטימען פון אַלעמען אין דער מדינה. וועמען עס געלינגט אויסצוכאַפּן די גרעסטע צאָל, דער איז דער געווינער.

בעתן געלויף, וועטן זיך אַ סך אויף דעם געווינער. גלייך עס איז אַ געלויף פון פערדעך און קאַקרוטשעס . . . דערביי טוט יעדער צד אָפּ זאַכן דעם לויפער פון דער אַנדערער מחנה, צו פאַרהינדערן אים : זיי לאָזן אַרויס אויף אים הינט און וואַרפן אויף אים בלאָטע. יעדע מחנה גרייט זיך צו געשולטע הינט מיט פּעסלעך בלאָטע און ספּעציעלע בלאָטע־וואַרפער . . . די הינט יאָגן זיך און שפּרינגען אויף זיי : „האַו ! האַו ! האַו ! האַו !״ און רייסן ביי זיי די הויזן, די בגדים, און די אַנדערע כמאַליען זיי אַריין אַלע מאָל אַ פאַרציע בלאָטע . . . פאַרשמירן זיי די אויגן און דאָס פּנים. אָבער זיי דאַרפן זיך מאַכן ניט ווייסנדיק און שטעלן פיס . . . ביי דער ענדע קומען מאַנכע אַרויס מיט אָפּגעריסענע בגדים, דורך וועלכע עס זעט זיך אַרויס ביי זיי שטיקער, אַממערסטן פונעם הינטערשטן נאַקעטן לייב . . . פאַרפּאַטשקעט און פאַרוויאַזגעט מיט בלאָטע . . .

אַלע פיר יאָר מאַכן זיי די שפּיל און עס איז ביי זיי אַ גאַנצער יום־טוב, מען וועט זיך און די מחנה פון דעם געווינער שפּרינגט דערנאָך און טאַנצט אין די גאַסן. עס איז ביי זיי ששון ושמחה!

דאָס מערקווירדיקסטע, כאָטש וואָס די מערסטע פירער זיינען ביי זיי גאָרניט קיין חכמים, קיינע סקאָלערס — פּראָסטאַקעס שבפּראָסטאַקעס — דאָך האָבן זיי כמעט אַלע באַוויזן צו פאַרוואַלטן זייער מלוכה וויט ניט אויף אַ שלעכטן אופן. פאַרקערט, זיי האָבן אויסגעאַרבעט, אַז זייער אַמעריקאַנער מדינה זאָל ווערן די גרעסטע, די רייכסטע, די מעכטיקסטע! זייערע פירער פון דער מדינה קומען אויך צו זייערע שפּילערייען מיט דער פילקע. מען איז אים מכבד צו דערלאַנגען דעם ערשטן וואָרף! דאַן כאַפּן זי די שפּילער און וואַרפן זי פון איינס צום אַנדערן און דער עולם ווערט דערביי ווילד פון פרייד און גדולה! . . .

אָט דאָס זיינען די אַמעריקאַנער, זיינען זיי! . . .

דאָך זיינען אַזוי ניט אַלע אַמעריקאַנער. עס איז פאַראַן אין דער מדינה אַ גרויסע צאָל פון אַלערליי שולן, אוניווערסיטעטן, אַפילו חדרים און ישיבות, פון וועלכע עס קומען אַרויס אַ סך געלערנטע און אויך תלמידי־חכמים. די איינציקע זאַך — זיי טויגן אויף כפּרות . . . זיי טויגן ניט אַ קאַץ דעם עק צו פאַרבינדן. זיי זיינען געלערנט ניט בלויז אין אַריפמעטיקע, נאָר אין אַלערליי העכערע מאַטעמאַטיקעס, אָבער גיט אים אַ חשבון פון צוויי מיט צוויי, וועט ביי אים אַרויסקומען „פּרוט־האַלבן". ער וועט וויסן אַלץ וועגן יופּיטער, אָבער ניט וואָס איז אַ פונט פּוטער. ער'ט באַנעמען דעם גאַנצן אוניווערס, אָבער פאַר אַ געוויינלעכער לעבנס־פּראָבלעם וועט ער שטיין ווי אַ טאַמעוואַטער מלאָך. ער זאָל פירן אַליין עפּעס אַ געשעפט — אַ נעכטיקער טאָג! אַזוי אויך מיט די תלמידי־חכמים. וואָס איינער איז אַ גרעסערער גאון, אַלץ אַ גרעסערער כּבּיאָק איז ער! ער איז ניט פייאיק, בשום אופן ואופן, צו זיין אַ רב. ויש אומרים, אַז ער ווייסט ניט אַפילו ווי צו באַהאַנדלען די רביצין. עס איז טאַקע נאָר אַ נס, וואָס די אַמעריקאַנער האָבן גויים. זיי, די גויים, האָבן אויסגעטראַכט די דערפינדונגען. זיי מאַכן די גרעסטע געשעפטן, פאַבריקעס. זיי שפּילן אין פילקע, אין קאָרטן און אַלעמען איז וואויל . . . עמי־הארצים זיינען ביי זיי אויסגעצייכנטע רבנים, פּרעזידענטן, יוניאָן־לידערס, פאַרטיי־פירער. מאָלט אייך, די וואָס זיינען אַרויס פון אַן אוני־ווערסיטעט, וואו זיי האָבן זיך אויסגעלערנט שרייבן לאַמטעדריגיש, טאַטעריש, טערקיש, אַפילו הפטוריש, קענען אַליין גאָרניט אָנשרייבן, נאָר מען דאַרף זיי אונטערזאָגן . . . נאָר די קענען אַליין עפּעס אָנשרייבן, וואָס קענען עס דערנאָך אַפילו אַליין ניט איבערלייענען . . .

אָבער יענער פאָלק גויים האָט נאָך געמוזט פאַרברענגען אַ בעסערן

טאָג. מה־דאָך די אַמעריקאַנער, וואָס ניט אַלע זיינען גויים, איז גוט, מכל־שכן — אַ פאָלק פון גאַלע גויים? אָמאָר רעבע לויוויע, אַז זיי האָט נאָך באַדאַרפט זיין בעסער ווי גוט! . . .

לויט אַלץ, וואָס איז פאַרבליבן צו וויסן פון יענער צייט, ווען עס האָבן זיך געפונען אַזוינע גויים, איז עס אַ באַשטימטע זאַך, אַז עס איז זיי אַזוי געווען. ערשטנס, איז כמעט זיכער, אַז עס איז נאָך ביי זיי דעמאָלט קיין שום סאָרט חדר ניט געווען בנמצא. און אַזוי ווי זיי, די גויים, זיינען ניט געגאַנגען אין חדר, קען מען זיך שוין פאָרשטעלן וויפל מאַטערניש, וויפל אָפּקומעניש עס איז זיי פאַרשפּאָרט געוואָרן — אַ ים, אַ ים! . . . איי, איי, איי! וויפל פּעטש, וויפל קאַנטשיקעס האָבן מיר נאָך גאָרניט לאַנג צוריק אַריינגעכאַפּט אין די חדרים?!

ווען אין דרויסן איז געווען שיין, דער הימל לויטער, די זון האָט געשיינט, פייגעלעך, טויבן, בושלעס זיינען געפלויגן אין דער הייך, אַרום און אַרום האָט געגרינט, די לופט האָט געשמעקט, האָט מען געהאַלטן פאַרשפאַרט כמעט אַ גאַנצן טאָג און געצוואונגען כסדר צו לערנען און לערנען. דאָס האַרץ איז אויסגעגאַנגען, די נשמה איז געקומען אויפן שפּיץ נאָז, נאָך אַ פרייער מינוט אין דרויסן.

אָבער זיי, די גויים, זיינען ניט געגאַנגען אין חדר, האָבן ניט געקענט אַפילו דאַווענען; פון חומש מיט רש״י, פסוק, גמרא, אַנדערע לימודים — איז אָפּגערעדט; ניט געמאַכט קיין ברכות, ניט געבענטשט, ניט געוואַרט מיטן עסן פון פליישיקס ביז מילכיקס, מיט איין וואָרט: זיי האָבן אינגאַנצן ניט געוואוסט פון ניט טאָרן. די קליינע גוימלעך זיינען תמיד אַרומגעלאָפן אויף דער פריי און זיך געשפּילט, מסתמא אין באַהעלטעניש, אין בלינדעניש, אין פערדלעך. ווידער, די גרויסע, ווען זיי זיינען זיך צונויפגעקומען, האָבן זיי אויך ניט געדאַוונט, נאָר זיי האָבן דורכגעפירט שפּילערייען.

צוערשט, לויט נאָכן דעת פון תנא גדול, רעבע לויוויע (איי, איז דאָס אַ תנא גדול!...), פלעגן ביי זיי אַרויסטרעטן צוויי געזונטע גויעצעס און זיך נעמען באָרען. אַלע איבעריקע פלעגן ניט שטיין דערביי און זיך שאָקלען: „ברוך־אתה, ברוך־אתה. . .״ נאָר זיי האָבן דערביי אָנגעקוואָלן. ווייטער, האָבן זיי זיך אויך געדאַרפט שפּילן אין פעטשעלעך. אַ שפּיל, וואו עס האָט זך אויסגעשטעלט אַ רעדל גויים . . . איינער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו אַ צווייטן אין שויס, פאַרדעקנדיק זיך די אויגן, ניט צו קוקן, און אַזוי האָט ער אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן רוקן. דאַן פלעגט איינער פונעם רעדל אַריינטראַסקען אַ פּליאַסק, אַז ער׳ט זיך גלייך איבערגעדרייט און אויפגעשטעלט. אויב ער האָט געטראָפן ווער עס האָט אים דערלאַנגט, האָט זיך יענער געדאַרפט אַוועקלייגן אויף זיין אָרט.

אָבער דאָס גאַנצע רעדל דאָ מאַכט זיך כאלו לא ידע, אָדער זיי בלאָזן אָפּ די הענט און הוקען דערביי: „אוי־או! איי־איי!“ אַזוי ווי עס זאָל זיי אַלעמען האָבן ווי געטאָן פונעם פּאַטש. און ער — גיי ווייס ווער דאָס איז?! ניט איינמאָל פלעגט איינער קריגן אַריינגעפּליאַסקעט אַזוי פיל פּעטש, אַז די האַנט איז ביי אים געוואָרן אַ פּאַמפּושקע. אָבער די איבעריקע האָבן געהאַט דערפון גרויס נחת.

אויך האָבן זיי זיך געדאַרפט פּאַרוועטן אין לויפן, רייטן, שפּרינגען און שווימען. די יוונים האָבן אין זייערע שפּילערייען פאַרגעשטעלט פאַנטאַסטישע קאָמעדיעס, דראַמעס און מעלאָדראַמעס, אין וועלכע די שפּילער פלעגן זיך פּערזאָניפיצירן אין האַלב גאָט און האַלב מענטש; האַלב מענטש, האַלב חיה, און אַנדערע אויסטערלישע פּאַרזעענישן. פון זייערע שפּילערייען איז דאָך אייגנטלעך אַרויסגעוואַקסן דער היינטיקער טעאַטער. די מערדערישע רוימער פלעגן אַדורכפירן ספּעקטאַקלען, וואו מענטשן זאָלן זיך ממיתן איינס דאָס אַנדערע, פון מענטשן מיט ווילדע בעסטיעס. פון אַזאַ מין בלוטיקע פאָרשטעלונג פלעגט זייער עולם ווערן ווילד באַגייסטערט. די שפּאַניער פּאַראַנשטאַלטן נאָך היינט אויך דעם אָקסן־קאַמף. עס איז אַ שרעקלעך־ווילדער, באַרבאַרישער ספּעקטאַקל! אָבער זייער עולם גייט אַריין ביי דער „שפּיל“ אין העכסטן עקסטאַז. אָבער וועגן די גריכן, רוימער, שפּאַניער — נישט מער איצטער.

עפּעס נאָך וועגן יענעם פאָלק, גויים, ווילט זיך זאָגן. לויט ווי עס איז צו זען היינט־צו־טאָג ביי די אַמעריקאַנער, ווי אויך ביי אַנדערע, האָבן יענע גויים, ניט גייענדיק אין קיין שום חדר, ניט זייענדיק קיין געלערנטע, תּלמידי־חכמים, אַ סך מאָל געדאַרפט אַרויסווייזן מער פאַר־שטענדעניש וועגן נאַטור און לעבן, ווי די, וועלכע זיינען יאָ געווען. זיי האָבן געמוזט האָבן אַ בעסערן באַגריף וועגן די פיש, קאָנען בעסער דעם הונט, די בהמה, די חיה און דאָס עוף, ווי אויך וויסן די טבע פון אַ פלאַנץ אָגן אַ בוים, ווייל זיי האָבן זיך פון קינדערייז אָן געפונען פּנים אל פּנים מיט די זאַכן. זיי האָבן אויך מסתמא געקענט פאַראויסזאָגן דעם וועטער, און אָן אַ זייגער — די שעה. זיי האָבן געקוקט אויף דער זון — אָבער אַ געלערנטער אַסטראָנאָם דאַרף קוקן אויף אַ זייגער, און אַז ער זעט דעם ציפער עלף, מיינט ער, אַז ס'איז צוועלף . . . אַקוראַט ווי רעבע לוויוויע . . . היינט, אַ דאַנק דעם וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט אויף דער פריי, אין שפּילערייען, האָבן זיי אויך געמוזט זיין געזונטע חברה, זיך אויסטויגן צו אַן אַרבעט, שלעפּן, טאַסקען שווערע משאות. וואָס טויג אַ כניאַק אַ געלערנטער, האַ? דערפאַר, קען זיין, האָט מען אַמלעצטנס אין די שולן און אוניווערסיטעטן געגומען איינפירן גימנאַסטיקעס און

שפּילערייען, און עס קומען שוין פון זיי אַרויס כּאָטש עטלעכע געזונטע גויים . . .

אוי דדער פראַגע, וואָס פאַר אַ מין פאַרשוין האָט געקענט זיין דער פירער, דער מלך סידאַלקע, פון די גויים, קען מען זיך משער זיין, אַז ער׳ז ניט געווען קיין „באַנק־קוועטשער". ער׳ט געדאַרפט זיין אַ חברה־מאַן מיט פּיס און הענט אויף אַריינצוכמאַליען, אַז עס זאָל זיין אַ למען ידעו; אַ מין שמשון אָדער הערקולעס, אָדער אַזוי אַ כוואַטסקער גוי, פאַר וועלכן זיי זאָלן האָבן דרך־ארץ . . .

זעקסטער טייל*

מיר'ן זיך אַצינד אומקערן צו דעם פידל־שפּילער און צו דער זינגערין, פון וועלכע מיר האָבן אָנגעפאַנגען דערציילן ביים אָנהויב.

ביידע האָבן זיי אָפּגעשטאַמט פון די פעלקער, וועלכע רעבע לוויוויע האָט נאָר באַשריבן און פון וועלכע קיינער האָט נאָך ביז אַהערצו גאָרניט געוואוסט — גאָרניט מיט גאָרניט . . .

דער ערשטער, דער אַשים נאַמלע, ווי ער ווערט דאָרט אָנגערופן, האָט אָפּגעשטאַמט פון די עילם; די צווייטע, די זינגערין, **איז אַרויס־**געקומען פון די שנער, פון די שנאָרער, הייסט עס . . .

ווי מיר האָבן געזען, זיינען די עילם געווען אַ פאָלק פון גרויסע אויף די געביטן פון וויסן, קונסטן, און ווערטן.

ווי אַזוי דער אַשים איז געקומען צו דער פידל, וועט פאַרגעבראַכט ווערן ווייטער. נאָר ווי אַזוי האָט ער אויף איר געשפּילט? — ער'ט באַוויזן מיט איר וואונדער. ער'ט אַפילו געפּראָוועט מיט איר קאָמעדיעס, קונצן: ער האָט געשפּילט מיט איר אונטער דער פאַכווע, אונטער דער קני, אויף דער פּלייצע און אַרויסגערופן ביי די בייוועזנדע געלעכטערס, אַז איינמאָל זיינען זיך אַ פּאָר אַזש פאַרגאַנגען. אָבער, ווען ער האָט געשפּילט אויפן געוויינלעכן שטייגער, איז אים כדאי געווען צו הערן און זען: ער האָט פאַראַרבעט מיטן סמיק, מיט דער פידל, מעשים; ער איז געלאָפן מיט די פינגער איבער די סטרונעס, אַזוי ווי אַ ווינט, און האָט אַרויסבאַקומען אַזוינע וואונדערלעכע טענער, איבער וועלכע מען האָט ניט אויפגעהערט צו גאַפן פאַר וואָכן.

זי, ווידער, די זינגערין, האָט, ווי שוין באַמערקט, אָפּגעשטאַמט פון די שנאָרער. אָבער טאָקע פון די ריכטיקע; אירע טאַטע־מאַמע זיינען געווען אמתדיקע בעטלער. דערצו קאַליקעס: ביי איר פאָטער זיינען איין זייט און אַן אַקסל געווען העכערע, דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן אויף

---

* די געשיכטעס זיינען אויסגעטראַכטע, זייט־זשע אַזוי גוט און זוכט ניט אין זיי קיין אמת'ן.

אַ זייט; איין אויג — האַלב־צוגעמאַכט; אַ ברייט מויל פול מיט ציין — אָפענער צום העכערן אָקסל; ביים גיין האָט ער נישט געשפּאַנט, ער האָט זיך ווי געהוידעט פון איין זייט אויף דער צווייטער. די מוטער איז געווען מיט בילמעס. אַזוי, אין בגדים ווי שמאַטעס, פלעגן זיי זיך שלעפּן איבער די הייזער.

זיי האָבן געוואוינט מיט איר אין אַ צימער — אַ לאָך, מיט אַ פענצטער, מיט איין טאַפּליע, מיט די איבעריקע פאַרשטעלטע מיט טאָוול. דאָרט איז זי אויסגעלעגן איר צייט, ניט אויף קיין בעטגעוואַנט, נאָר אויף אַ בערגל קויטיקע שמאַטעס. מילך האָט זי אפשר אַמאָל אָנגעזען; אירע טאַטע־מאַמע האָבן איר כסדר געקאָרמעט מיט די שטיקלעך ברויט פון דער טאָרבע, וועלכע מען פלעגט זיי דערלאַנגען אין הייזער אַלס נדבות. נו, איז זי טאַקע כסדר געווען מיט דאַרע, גרינע הענטלעך און פיסלעך, מיט אַזאַ גרין פּנימל, און דער קאָפּ, וועלכן די מאַמע האָט זעלטן געוואַשן, איז ביי איר געווען ניט ריין. און ווען זי האָט געזאָגט אַ וואָרט, האָט איר קולכל געקלונגען הויך און צעקראָכן, אָבער מיט אַזאַ ווייכן, מיט־ליידנדיקן טאָן, וואָס פלעגט געבן ווי עפּעס אַ צופּ...

ווען זי איז אַלט געווען אַ יאָר פיר, האָבן זיי איר שוין מיטגענומען אין די הייזער, וואו, ווען זי פלעגט אויסשטרעקן איר דאַר, גרין הענטל און זאָגן מיט איר מיטליידנדיקן קול: „גיט עפּעס אַ נדבה", איז מען געריר‏ט געוואָרן און מען איז געלאָפן וואָס נאָר עפּעס צו דערטאַפּן, איר צו געבן. צו אַ יאָר נייַן, האָבן איר טאַטע־מאַמע אויפגעהערט צו שלעפּן זיך מיט איר איבער די הייזער; זיי האָבן שוין דאַן געוואוסט, אַז די פאַרמאָגט אַ שיין קול, האָבן זיי גענומען גיין מיט איר איבער די מערק, איבער גאַסן, זיך אָפּשטעלן, וואו נאָר עס זיינען פאַרביי מענטשן, און זי פלעגט אָנפאַנגען אויסצוזינגען אַ ליד. און ווי נאָר עס האָט זיך דערהערט איר קול, איז באַלד געוואָרן אַרום זיי אַ רעדל מענטשן, און גאַנץ אָפט פלעגן אייניקע פון זיי איר דערלאַנגען אַ מטבע, זי זאָל זינגען דאָס ליד נאָך אַמאָל. אַזוי, ביז זיי האָבן זיך מיט איר אַרומגעפירט אין אַ גרעסערער שטאָט, אין וועלכער עס האָט זיך שוין געפונען אַ טעאַטער, וואו פאַרשיידענע אַרטיסטן און קינסטלער פלעגן אָפט ווייזן וואָס זיי קענען.

ויהי היום — ווי זיי האָבן זיך דאָרטן מיט איר אַרומגעדרייט, גייט זיך איבער דער גאַס אַ דיריגענט פון אַ בענד מוזיקאַנטן און זינגער, וועלכע האָבן אין דער שטאָט געגעבן אַ קאָנצערט; דערזעט ער אַ רעדל, פון וועלכן עס טראָגט זיך אַ געזאַנג, ווי פון אַ יונגער מיידל, מיט אַ שיינער און זיסער שטימע. ער האָט איר שוין דערלאַנגט אַ קאָרבל און איר געגעבן נאָך אַ קערבל, אַז זי זאָל זינגען דאָס ליד נאָך אַמאָל און אַ

דריטן מאָל. און וואָס טויגן נאָך מעשיות? ער האָט איר אַוועקגענומען פון איר טאַטע־מאַמע. זי איז שוין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר פערצן, און ווי זי האָט ניט אויסגעקוקט גרין און ברודיק, האָט מען איר אַרומגעציכטיקט און איר געגומען לערנען: דאָ־רע־מי־פאַ־סאָ־לאַ־סי. און עס זיינען ניט אַוועק קיין יאָרן, ווי איר שטמע האָט געקלונגען איבער שטעט און לענדער.

אָבער דאַן האָט זי זיך גענומען אויפפירן ווי אַ פּרינצעסין. וואוהין זי איז נאָר געקומען זינגען, איז זי איינגעשטאַנען אין די רייכסטע האָטעלן, און האָט זיך גראָד געהאַלטן מיט טאַקט, פיין באַהאַנדלט, מיט געלט־מתנות די דינערשאַפט; אַזוי, אַז עס האָט שוין קיינעם גאָרניט געקענט איינפאַלן, אַז זי קומט אַרויס פון בעטלער.

געווייגטלעך, ווען עס באַווייזט זיך אַ טאַלאַנט אויף אַזאַ געביט, איז דער עולם אומעטום נייגעריק צו וויסן ווי אַזוי און פונוואַנען האָט ער זיך גענומען. די נייעס־בלעטער באַמיען זיך דערבער צו דערקונדיקן אַזוינעמס ביאָגראַפיע און זי פאַרברענגען פאַר די לייענער. אָבער דאָ, ביי איר, האָט זיך אין זיי פון איר נאָר־וואָס באַשריבענער געשיכטע קיין וואָרט ניט געדאַכט. וואָרים, ווען זיי זאָלן געווען דערציילן פון איר אַזאַ מעשה, וואָלט עס געווען קאַליע געמאַכט איר פרעסטיזש און אָפּגעשוואַכט דעם איינדרוק פון איר שיינעם זינגען; ווייל דער עולם איבעראַל האָט ניט ליב קיין שנאָרער און טראָגט קעגן זיי אַ פאָראורטייל. איי, וואָס זי אַליין איז ניט געווען שולדיק, וואָס זי האָט געשטאַמט פון זיי, וואָלט זיך קיינער דערמיט אויך דאָרט ניט גערעכענט. ווען מען זאָל ביי יעדן פרעגן, ווי איינער האָט עס שוין געזאָגט, וואו און ביי וועמען ער זאָל געבוירן ווערן, וואָלטן אַלע בני־מייז געווען בני־לייבן, אַלע בני־אָדם — בני־גבירים, בני־מלכים. דער עולם פון דער גאָרער וועלט טראַכט אָבער ניט אַזוי. קומט איינער אַרויס פון די שנאָרער, פון די גויים, איז ער אַמאָל נאָך אַ גוי־גמור . . . איידער מען זאָל האָבן געווען באַדענקען אירע עלטערן, אַז עס איז פאַר זיי עפּעס אַנדערש ניט געבליבן צו טאָן, וואָלט מען זיי אָנגענומען פאַר נידעריקע ברואים און זי וואָלט שוין אויך געהאַט ביי אַלעמען אַזאַ פּנים. דעריבער איז איר לעבנס־געשיכטע, לויט נאָר־וואָס דערציילט, נאָכן פאַרלאַנג פון איר אַגענט, אומעטום און פאַר אַלעמען געבליבן אַ סוד. אָבער אַזוי ווי ער האָט דאָך פאָרט געדאַרפט, אַז די בלעטער זאָלן פון איר שרייבן און דער עולם זאָל וועגן איר וויסן, האָט ער זיך מיישב געווען און האָט פאַר זיי איבערגעגעבן פון איר אַזאַ געשכטע:

שטאַמען, האָט ער געזאָגט, שטאַמט זי פון דער מדינה פּאָלאָניעל, און אַז איר פאָטער איז דאָרט איינער פון די רייכסטע גוט־באַזיצער

(הייזער־שלעפּער) און אַז ער איז דאָרטן זייער אַ גרויסער, אָנגענומענער פּריץ . . . מיט איין וואָרט: אַ גראַף פּאָטאָצקיעל! . . . איז דער ליגן געפּעלן געוואָרן רעבע לוויוויען און ער באַקלערט זיך צו מאַכן אים גרעסער און לענגער דורך צוזעצן צו אים אַ מין שיינע אידיליע. ער׳ט זיך מיישב געווען אַזוי: אום צו מאַכן, אַז זי זאָל מיט איר זינגען בעסער געפּעלן, האָט דער אַגענט געמעגט דערציילן וועגן איר אַזאַ ליגן, אַז זי שטאַמט פון אַ גראַף פּאָטאָצקיעל, — מעג ער דאָך, אום די געשיכטע זאָלן זיין פּיקאַנטער און אינטערעסאַנטער, אויסציען אים נאָך לענגער מיט צוזעצן צו אים אַן אידיליע? . . . און זי איז אַזוי:

נאָכן ליגן, הייסט עס ,איז זי אַ טאָכטער פון אַ גראַף פּאָטאָצקיעל. איז אַזוי ווי זי איז אַרויסגעקומען ביי אים מיט אַזאַ שיינעם קול, האָט עס איר געצויגן צו ווערן אַ זינגערין. האָט עס אָבער דעם טאַטן אירן, צו זיין גראַפישן שטאַנד ניט געפּאַסט, אַז זיין טאָכטער זאָל זיין אַזאַ, און ער האָט עס איר בשום אופן ניט געוואָלט דערלאָזן.

מאַכט זיך דערביי אַזאַ געשיכטע:

איר טאַטע, ווי איינער פון די רייכסטע גוט־באַזיצער (הייזער־שלעפּער), האָט אויך, פאַרשטייט זיך, פאַרמאָגט סטאַדעס שאָף, בהמות, „גבירים״, און ניט ווייניק פון די, וואָס קאַקאַקן, קוואַקען און גאָגען . . .

האָט ער ביי די שאָף געהאַט איינעם אַ פּאַסטעך, וועלכער איז געווען אַ יונגער און זייער אַ שיינער! ער׳ז געווען אַזוי שיין, אַז כאָטש וואָס ער איז געגאַנגען באָרוועס, האָט מען זיך ניט געקענט זאַט אָנקוקן אין זיין צורה. זיין אויסזען פלעגט אַזש ביי יעדן אַרויסרופן אַ שמייכל. אָבער איבערהויפּט האָט ער זיך נאָך, חוץ מיט זיין שיינקייט, אויס־געצייכנט דערמיט, וואָס ער האָט געקענט זייער שיין און זיס שפּילן אויף אַ דודקע. ער האָט אויף איר אויסגעפייפט אַלע ניגונים פון די לידער, וואָס מען האָט געזונגען אין יענער מדינה. אַז ער פלעגט זיך אַוועקזעצן אויף איר שפּילן, איז געווען אַ מחיה צו הערן; מ׳האָט ממש ניט געקענט אַוועק. ער האָט מיט זיין דודקע ביי יעדן אויפגעוועקט אַלע בענקשאַפטן, אַז עס איז צעגאַנגען דאָס האַרץ . . .

ויהי היום — און עס פאַרגלוסט זיך דער יונגער פריצע (דער שנאָרערקע, הייסט עס) אַרויספאָרן רייטנדיק איבער איר טאַטנס גיטער (איבער די הייזער...).

דער טאָג איז געווען אַ זומערדיקער, אַ לויטערער און זי האָט מיטן פערד גאַלאָפּירט איבער וועגן, וואו זי איז שוין אַריין אין וואַלד. דער וואַלד איז געשטאַנען שטיל און סודותדיק; פון צייט צו צייט האָט זיך אַפילו פאַנאַנדערגעטראָגן דאָס טרילן פון אַ פויגל און אַ קול פון אַן אַנדער באַשעפעניש — אַ שאָרכעריי. אָבער זי האָט זיך ניט געמאַכט

קיין צימעס און איז גערינן ווייטער, ביז זי האָט דערהערט אַ זייער זיסן שפּילן אויף אַ דודקע.

מען זאָגט, אַז די, מיט שטימעס, זיינען עמפּינדלעך אויף שפּילן און זינגען; האָט זי זיך באַלד אָוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג, פונוואַנען עס האָבן זיך געטראָגן די דודקעשע טענער.

זי איז אַרויס פונעם וואַלד. רייט און רייט איבער אַ פעלד, וואו דאָס שפּילן הערט זיך העכער און שטאַרקער. ענדלעך איז זי געקומען פאַר אַ ברייטן טאָל.

אין דעם טאָל דערזעט זי פּאַשען זיך אַ סטאַדע שאָף און ניט ווייט פון די שאָף, העכער אויף אַ בערגעלע, זיצט דער יונגער שיינער פּאַסטעך, און בעת די שאָף האָבן זיך אַזוי געצופּט די גראָז, האָט ער אַזוי וואונדערלעך שיין אויסגעשפּילט אויף אַ דודקע מעלאָדיעס פון לידער . . .

דאָס בילד פונעם פּאַסטעך, מיטן אופן ווי ער האָט געשפּילט, האָט איר פאַרכאַפּט; עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, ניט אַנדערש ווי עפּעס אַ יונגער, שיינער מלאך זיצט דאָרט אַזוי און פייפט אויס פאַר די שאָף אַזוינע שיינע מעלאָדיעס. זי איז פון זיין אויסזען ווי פאַרכישופט געוואָרן. זי איז ניט געשלאָפן, און אויף מאָרגן האָט זי גאַלאָפּירט אַהינצו, צום טאָל, נאָך אַמאָל. און וואָס טוט זי דאָרטן? בעת ער האָט אָנגעהויבן אויסשפּילן אויף דער דודקע אַ מעלאָדיע פון אַ באַקאַנט ליד, האָט זי מיט איר שיינעם קול אָנגעהויבן מיטזינגען . . .

בקיצור, זי איז געקומען אַהינצו, צו אים, נאָך און אַ סך מאָל. און יעדעס מאָל, ווען זי האָט אָפּגעשטאַט ביי אים אַ וויזיט, האָט ער אַזוי וואונדערלעך זיס געפּייפט אויף דער דודקע און זי האָט מיט איר קול אַזוי שיין געזונגען, און דערביי האָבן זיי זיך שוין אויך גענומען קושן . . .

זיי האָבן זיך געקושט אַלע מאָל מער און שטאַרקער; ער האָט געפּייפט האַרציקער און זיסער און זי האָט געזונגען אַנגענעמער און שענער . . . דערביי האָבן די שעפּעלעך געצופּט די גראָז, זיי צעקייעט און צוגעמעקעט. די זון פון אויבן האָט געשיינט און עס איז זיי געווען וואונדערלעך גוט — אַ מחיה! . . .

האָט אָבער דאָס קושן זיך זייערס, מיטן שפּילן און זינגען, זיך אָפּגעשלאָגן אין די ראַנדן פונעם טאָל און אָפּגעהילכט אַזוי ווייט און אַזוי ברייט, אַז זיי האָבן זיך דערטראָגן צו איר פאָטער. ווי נאָר ער האָט עס דערהערט, האָט ער גלייך געגעבן אַ באַפעל איר מער ניט אַרויסצולאָזן פונעם שלאָס! און עס האָט ניט גענומען לאַנג, אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, האָט מען דעם יונגן און שיינעם פּאַסטעך, וועלכער האָט געקענט שפּילן אַזוי שיין און אַזוי זיס אויף דער דודקע, געפונען אין דעם טייך אַ דערטרונקענעם . . .

אַרום האָט מען דערנאָך דערציילט, אַז ער איז פריער אַלע טאָג געקומען פאַרן שלאָס און האָט אַזוי האַרציק געפייפט אויף דער דודקע, זי זאָל זיך באַווייזן צו אים . . . ווידער, האָט מען געזאָגט, אַז דער פאָטער אירער, אום פון אים פטור צו ווערן, האָט עס אים דורך אַ פּאָר פון זיינע דינער צוגעאַרבעט . . . נאָר ווי די זאַך איז ניט געשען, — צי ער האָט זיך אַליין דערטרונקען, צי אַ פּאָר פון איר טאַטנס דינער האָבן אים אין דעם טייך אַזוי טובל געווען, — ווען זי האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט זי זיך אַרויסגעגנבעט פונעם שלאָס, אַוועק אין אַ גרויסער שטאָט, זיך דערלערנט זינגען, און פון דאַן אָן פאָרט זי אַרום פון שטאָט צו שטאָט איבער דער גאָרער וועלט און זינגט אומעטום אויס מיט איר וואונדערלעכער שטימע איר צער איבער איר דערטרונקענעם, יונגן און שיינעם פאַסטעך . . .

אַזאַ געשיכטע פון איר, ווי פון אַ גראַפס טאָכטער, וואָס האָט אַדורכגעמאַכט אַזאַ ליבעס־טראַגעדיע, האָט שוין אַרויסגערופן ביים עולם אומעטום אי אַכטונג, אי מיטלייד.

וועגן דעם פידל־שפּילער, דעם „אַשימען"

„אַז מען קלינגט, איז אַ חגא" . . .

קלאַנגען פון מעטאַלן, פון סטרונעס מיט האַלץ, מאַכן אויף די בני־אָדם אַ שטאַרקערן איינדרוק, ווי קולות פון העלדזער. ווען מ׳שרייט צו זיי אויפן קול, ווען מ׳רופט זיי, אַז זיי זאָלן אַוועקלייגן די אַרבעט, גיין אין שול אַריין, קען מען זיך מאַנכע מאָל אָפּרייסן די קישעס, אַרויסרעדן די גאַל, און זיי וועלן זיך דערפון ניט מאַכן קיין צימעס און עס הערן ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי . . . אָבער, „אַז מען קלינגט, איז אַ חגא", אַז מ׳גיט אַ פייף, לייגן זיי דאַן אַוועק די אַרבעט, גייען צום טיש. מיט טענער פון מעטאַלן, סטרונעס, האַלץ, איבט מען אויס אויף זיי שנעל דעם געוואונטשטן איינדרוק. מיט שפּילן אויף טרובעס, מיט קלאַפּן אין פּויקן, קען מען זיי מאַכן מאַרשירן אַפילו „אין באָד אַריין", זיך אויסקוילענען איינס דאָס אַנדערע, טאַנצן און שפּרינגען, פאַרוואַנדלען זיי ממש אין מושגעים . . . דערפאַר, ווען זיי ווילן זיך מאַכן פריילעך, ווי אויף אַ חתונה, רופן זיי קלעזמאָרים, וועלכע קנאַקן אויס מיט פּויקן, טרובעס, פייפלען, צימבלען און טאַצן אַ מין ניגון, וועלכער מאַכט הויבן זיך ביי זיי די פיס און זיי טאַנצן, אַז עס גייט אַזש אַ רויך. און אַז עס גלוסט זיך זיי אַ טרויעריקס, קענען זיי עס אַרויסקריגן ביי קלעזמאָרים מיט פידלען. עס וועט זיי ניט נעמען לאַנג, ווי זיי וועלן זיי מיט די פידלען אַריינפירן אין אַ מרה־שחורה . . אָבער צו די טענער פונעם

האַלדז, צו געזאַנג, דאַרף מען שוין צולייגן אַן אויער, וואָס ניט אַלע ‏ גען גאָר מסוגל דערצו. ביי אַ סך, ווען איינער נעמט פאַר זיי מיִנ זיין שטימע אויסקאַטשען עפּעס אַ טרויעריקס, מאַכט עס אויף זיי אַ פאַר־קערטע ווירקונג: זיי ווע‎לן גאָר לאַכן און חוזק מאַכן פון דעם . . . אַזוי לאַכט מען און מען שפּעט אָפּ כסדר פון חזנים, נעבעך! מען רופט זיי מיט פאַרשיידענע חוזק־נעמען: קאַטשאַן, דראָנג, קאָזעל . . .

רעבע לוויועס טאַטע איז אַליין געווען אַ חזן, אַ בעל־תפילה. פלעגן אים די חדר־אינגלעך דערפאַר רופן: חזיר . . . און ער פלעגט האָבן אַ סך עגמת־נפש, צוזעענדיק ווי אַזוי ער, דער טאַטע זיינער, האָט זיך, נעבעך, ניט געסטאַרעט ביים „אל תשליכיני לעת זקנה״, האָבן דאָך די בעלי־בתים אָפּגעשפּעט פון אים . . . מיט איין וואָרט: פון מוזיק מאַכן זיך אַלע אַ צימעס; פון געזאַנג — נאָר געוויסע אַ קאָמפּאָט.

דאָ נאָך מיט דעם אַשימען, וועלכער האָט באַוויזן אַזוינע קונצן מיט זיין פידל, איז די שטאָט פון יענער מדינה, קען מען זאָגן, געגאַנגען כּאָדאָראָם, געררודערט. בעת זיינע קאָנצערטן זיינען אַלע טאָג אַרויס־געקומען אין דער פרעסע אַנדערע מבינים מיט אָפּהאַנדלונגען איבער זיין וואונדערלעכן שפּילן. אין געשעפטן, קאָנטאָרן, טאַזשערן, פאַבריקן — איבעראַל, וואו מענטשן האָבן זיך באַגעגנט, האָבן זיי גערעדט מיט גאַפונג איבער אים. און, פאַרשטייט זיך, איז שוין איעדן דערביי געווען אינ־טערעסאַנט צו וויסן ווי אַזוי און פונוואַנען האָט ער זיך גענומען — זיין ביאָגראַפיע, הייסט עס.

דאָ איז צוגעקומען אַ געשעעניש, וואָס האָט געווירקט ער זאָל אַרויסרופן מיט זיין שפּילן אַ גרעסערן רושם:

אין דער שטאָט אַריין, פון יענער מדינה, האָבן זיך פאַרטראָגן משפחות פון די שנער, אלפר, עילם און די גוים . . . האָבן זיי זיך געענויטיקט אין אַ ביקור־חולים. ביי אַ פאַרזאַמלונג פון זייערע פאַר־שטייער פאַר דעם צוועק, האָבן די עילם אויסגעפירט מ׳זאָל אָננעמען דעם פּלאַן פון אַוועקשטעלן אַ שפּיטאָל, וואָס זאָל זיין דער גרעסטער, דער שענסטער און דער בעסטער. האָט מען דאָך געדאַרפט האָבן די ממתקים? האָבן זיך צום ערשטן די שנאָרער גענומען צו זייער מלאכה: זיי האָבן זיך אַרויסגעלאָזן איבער דער גאַנצער שטאָט בעטלען נדבות פאַרן שפּיטאָל.

ווי באַוואוסט, האָט מען אין ערגעץ ניט ליב קיין שנאָרער. מען באַטראַכט זיי ווי נידעריקע, געמיינע באַשעפענישן. אָבער זיי האָבן זיך דערמיט, וואָס זיי מאַכן זיך אַ שלעכטן נאָמען, ניט געוואָלט רעכענען; מיט קינדער, מיט פושקעס, האָבן זיי געקלאַפּט איבער די גאַסן, געשעפטן, הייזער און געבעטלט ביי יעדן, ער זאָל עפּעס אַריינוואַרפן אין דער

פושקע. אייניקע פון זיי האָבן דערביי אַרויסגעוויזן טאַלאַנט — שנאָרע־רישן טאַלאַנט: זיינען אויפגעטראָטן פאַר פאַרשיידענע געזעלשאַפטן און האָבן אָפּגעהאַלטן די ריכטיקע, שנאָרערישע דרשות, געשילדערט בילדער פון עלנטע, פאַרלאָזענע קראַנקע, און דערביי נעבעכדיק געמינעט מיט די צורות, געמאַכט פּיסקעס, אַפילו זיך באַגאָסן מיט טרערן, ביז זיי האָבן ביי יעדן אַרויסגעקראָגן אַ נדבה.

וואָס האָבן די אַלעסער געטאָן? זיי האָבן אַרויסגעלאָזט אַ מודעה פאַר זייעריקע, אַז זיי גייען פראַווען אַ גרויסע סעודה. זיינען זיי שוין אַ סך געקומען. און נאָכדעם, ווי מ׳האָט זיי מכבד געווען מיט זייערע באַליבטע מאכלים, האָבן זיי בייגעשטייערט. ווידער, די עילם? צי זיי האָבן באַצאָלט, צי ניט, אָבער יעדער פון זיי האָט זיך אויסגעפיינט מיט צוזאָגן וואָס אַ גרעסערע סומע . . .

ווייטער די גויים? די גויים האָבן זיך ניט אָוועקגעזעצט לערנען אַ פּרק משניות פאַרן שפּיטאָל. צו זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים — חס וחלילה! ווען טוען דען גויים אַזעלכע זאַכן? נאָר וואָדען? זיי, די גויים, האָבן אַדורכגעפירט פאַרן שפּיטאָל שפּילערייען, געוועטן און פלעטן. אָבער די געוועטן מיט די שפּילערייען זיינען ביי זיי ניט געווען פון לויפן, שווימען, קלעטערן, פון באָרען; אויך ניט פון קיין פעטשעלעך. וואָרים לויפן? איז פאַר זיי ניט געווען וואו; שווימען? האָבן זיי ניט געהאַט קיין טייך; קלעטערן? זיינען ניט געשטאַנען קיין הויכעביימער; באָרען זיך, האָבן זיי אַפילו יאָ געקענט, אָבער זיי האָבן זיך פאַרן שפּיטל ניט גענומען באָרען . . . אויך האָבן זיי פאַר אים ניט געשפּילט אין קיין „פעטשעלעך״, אויך ניט אין קיין פּילקע־שפּילערייען; ניט פאַלאָנען, ניט אָן זיי; נאָר אין וואָס פאַר אַ שפּילערייען? זיי האָבן דורכגעפירט צווישן זיך קאָרטן־שפּילן. זיי האָבן זיך אין מנינים געזעצט צום טיש מיט גרויס התלהבות, מיט שטאַרקער התמדה, פאַר דעם הייליקן צוועק געשפּילט ביז פיר דעם זייגער פאַרטאָג, און דאָס געוואונענע איז געגאַנגען פאַרן ביקור־חולים. עס איז דאָ ווערט באַמערקט צו ווערן, אַז אַרויסגעהאָלפן זיי אין דעם קאָרטן־שפּיל האָבן אַ סך די גויעס. אַרויס־געהאָלפן? זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דעם קאָרטן־שפּיל בעסער ווי די גויים! . . . זיי האָבן ניט פאַרבעט, ניט געקאָכט, נאָר אין מחנות יונגע גויעס, אַפילו אַלטיטשקע גויעס, זיך געזעצט איינס מיט דאָס אַנדערע ביים טיש, געמישט אַ קערטל, געמישט און געמישט אויף וואָס די וועלט שטייט . . . אָבער דאָס אַלץ האָט ניט געקלעקט (פונעם קאָרטן־שפּיל איז אַפילו קיין סך ניט געבליבן: סאַי די גויים, סאַי די גויעס, זיינען אַ סך מאָל אַרויסגעקומען גלייך אויף גלייך...)

האָט דאָס אַלץ געדאַרפט פאַסירן בעת דער אַשים האָט דאָרט אָפּגעגעבן זיינע קאָנצערטן.

ביי אַ זיצונג פון די טוער פונעם ביקור־חולים האָבן זיי אָנגענומען די עצה, צו בעטן דעם מאַשימען צו געבן אַ קאָנצערט לטובת דעם שפּיטאָל. ער האָט איינגעוויליקט. דאַן האָבן זיך ווידער די אַלע מיט זייערע באַזונדערע מעטאָדן: די שנאָרער מיט בעטלען, די אַלעסער דורך סעודות, עילם מיט אויספיינען זיך ,די גויים מיט קאָרטן־פּאַרטיס, און נאָך בעסער: ס'אייגענע די גויעס — אַ נעם געטאָן פאַרשפּרייטן בילעטן פאַרן קאָנצערט. זיי האָבן פאַרטיילט צו אַזוי פיל, אַז אַפילו בלינדע און קרומע, טויבע און שטומע זיינען געקומען זען און הערן . . .

דער אַשים, דערזעענדיק אַזאַ עולם, האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל, אָנגעשטייפּט דעם סמיק, פּים־פּאַם, פּים־פּאַם, עטלעכע מאָל דאָס פידעלע, און גיוויזן וואָס ער קען. ער האָט אַרויסבאַקומען פונעם פידעלע אַזוינע וואונדערלעכע טענער, פון וועלכע דער עולם איז געבליבן אַזוי ווי די זון אין גבעון און די לבנה אין עמק אילון פאַר די טענער פון יהושע . . . ער האָט אַלע ביייוועזענדע אויפגעהויבן פון זייערע פלעצער און זיי זיינען געשטאַנען אויף די שפּיץ פינגער, אָפן מויל און אויערן, מיט זייערע וועזנס שוועבנדיק אין אַ וועלט פון וואונדערלעכע טענער און מעלאָדיעס. ער'ט מיט זיין פידל פאַר זיי אויסגעטייטשט אַ פּאָר באַקאַנטע ניגונים פון פאָלקס־לידער, האָבן אַלע אויסגעקראַכט אין אַ געוואַלטיקן אַפּלאָז. זיי האָבן געפּליעסקעט, געראַקעט און געסטוקעט, זיי האָבן ווילד געשריגן: בראַוואָ! ביס! האָבן אים גאָרניט געוואָלט אַראָפּלאָזן פון דער בינע.

דער געלט־דערפאָלג איז געווען אַ גרויסער, אָבער דער „איי, האָט ער געשפּילט!" — אין לשער גרעסער. די פּרעסע האָט געשריבן דורכאויס גוט. אין שטאָט האָט מען גערעדט פאַר טעג מיט באַוואונדערונג איבער דעם אַשימען.

אַ באַזונדער, באַגייסטערן איינדרוק האָט ער געמאַכט מיט זיין שפּילן אויף די, צוליב וועלכע ער'ט געגעבן דעם קאָנצערט. אויף פאָלגענדע מיטינגען פון זייערע חברות, פאַראיינען, וואָס זיי אַלע, באַטייליקנדיק זיך מיט שטיצע פאַרן שפּיטאָל, האָבן זיי גענומען בילעטן, צאָלן פון זייערע מיטגלידער האָבן בייגעוואוינט דעם קאָנצערט, — האָבן זיי אויף אַ מינוט ניט פאַרשוויגן איינס פאַר דאָס אַנדערע זייערע התפּעלות איבער זיין שפּילן. אייניקע האָבן אים אַזש אימיטירט מיט האַוואַיעס און אַ טאָן. דערביי האָבן זיי זיך שוין יעדער גערן געלאָזט אויסהערן פונעם צווייטן, וואָס ער האָט געוואוסט עפּעס צו דערציילן וועגן דעם, ווי אַזוי און פונוואַנען דער אַשים האָט זיך גענומען.

זיין לעבנס־געשיכטע האָט אויך ניט פאַרגעבראַכט דעם גאַנצן אמת. ער האָט אויך אָפּגעשטאַמט פון דער מדינה פּאָלאַניעל און איז געווען אַ זון פון אַן אָרעמען קלעזמער, אויך מיט אַ פידל. האָט ער עס אַפילו פאַר צייטונגסלייט, ווי פאַר אַנדערע, אַזוי איבערגעגעבן, פאַר וועלכע ער פלעגט אויך דערציילן פון טרויעריקע עפּיזאָדן, וואָס ער׳ט דורכגעמאַכט, פון עפּיזאָדן פון הונגער, באָרוועס און נאַקעט, פון גרויס נויט. אָבער לויט די צייטונגען האָבן עס באַשריבן, איז אַרויסגעקומען אַ פיינע, אינטערעסאַנטע געשיכטע. ווי, למשל, זיין טאַטן האָבן זיי באַצייכנט פאַר איינעם פון די אָנגעזעענסטע פידל־שפּילער פון יענער מדינה. זיינעם אַ לערער, אַ דלפן, כסדר מיט צעדרייטע שיך, מיט אַן אָפּגעטראָגענעם ראָק, מיט צעריסענע קעשענעס, אין וועלכע עס וואָלט זיך סאַי־ווי־סאַי ניט געהאַלטן קיין מטבע, האָבן זיי באַקרוינט מיטן טיטול פּראָפעסאָר פון מוזיק. אָבער אָט איז זיין אמתדיקע געשיכטע:

זייערע חברות, פאַראיינען, האָבן די שנער, אלטר, עילם און גוים דאָרטן געגרינדעט צוליב רעליגיעזע צוועקן, הומאַניסטישע, קולטורעלע, און זיי פלעגן זיי באַטיטלען מיט נעמען נאָך זייערע צילן; אויך נאָך די מקומות, פון וועלכע זיי האָבן זיך אַהינצו פאַרטראָגן. ווי, למשל, האָבן זיך אַהינצו פאַרטראָגן אַ צאָל פון דער מדינה לאַאישן, האָבן זיי דאָרט איינגעפונדעוועט אַ פאַראיין צו טאָן גמילות־חסדים; האָבן זיי אים אַ נאָמען געגעבן „לאַאישן גמילות־חסדים פאַראיין״, און זיי פלעגן אין אים אויך אַריינגעמען איינעם, וואָס איז געקומען פון אַן אַנדער מקום.

רעבע לויוויע, נאָך אַצינד, דאָ, פאַרשנדיק די פיר פעלקער און אויסגעפינענדיק אַז זיי האָבן דאָרט אין יענער מדינה געמאַכט אַזאַ פאַראיין, האָט נאָך איצט, פונדאַנען, זיך אָנגעשלאָסן אין אים. און ער קומט זיך דעמאָלט אַזוי אַרויף צו זיי נאָך אַ גמילות־חסד . . . זעט ער, ווי זיי האַלטן אַזוי אין איין רעדן מיט גאַפונג איבערן קאָנצערט און וועגן דעם אַשימען. איינער האָט אים אַזש געפּרוווט נאָכמאַכן אַ טאָן, און אַ פאַר, פאַרמאָגנדיק ברייטע ידיעות וועגן מוזיק, האָבן ביים אַרויסגעבן זייערע מיינונגען דערמאָנט טעבאָווען, גאָוונער, קוואַטשויסקי, ביין, טשייקאָווסקי, דאַכט זיך, — נעמען פון באַרימטע מוזיקער און זייערע שאַפונגען. שטעלט ער זיך אַוועק וואַרטן ביז זיי וועלן זיך איינשטילן, ער זאָל שוין קענען ביי זיי בעטן דעם גמילות־חסד. — רעבע לויוויע איז אַזאַ מין תנא־גדול, יעדעס מאָל דאַרף ער האָבן אַ גמילות־חסד . . .

און עס פלעגט אים אָנקומען מיט יגון ואנחה איידער ער׳ט אים ביי זיי אַרויסגעקראָגן. אַפילו מיט אַ פאָר גוטזאָגער, האָבן זיי זיך לאַנג געקווענקלט, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט אים צו געטרויען. אָבער דאַן, ווען אַלע זיינען נאָך געווען פאַרטיפט אין שמועס און ער וואַרט אַזוי,

ער זאָל שוין קענען אָנהויבן זיי לאָזן וויסן זיין פאַרלאַנג, קומט אַרויס איינער, אָן אלטער, דאַכט זיך, געווען . . . וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן און האָט נאָר אויסגעהערט, און רופט זיך אָפּ צו אַלעמען אויף אַזאַ שטייגער:

אַנטקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: מוזיק! — מכנם! דעם אַשימען, איז אויב איר ווילט עפּעס הערן, מכנם, וועל איך אייך דערציילן אַ געשיכטע — מכנם־מכנם! מכנם, מכנם, מכנם, — ווייזט אויס, וואָס ער איז שוין ניט געווען קיין יונגער, האָט ער אַזוי באַלד געמאַכט נאָך יעדע עטלעכע ווערטער. אָבער אַזוי ווי אַלע זיינען געווען נייגעריק צו הערן, וואָס ער האָט פון אים צו דערציילן, זיינען זיי געבליבן שטיל און ער האָט עס אַזוי פאַרגעזעצט:

די „געצעס" און די „אַוורעמלס"

— ווי איר ווייסט, ביי אונדז אין שטעטל — מכנם — זיינען געווען צוויי קאַפּעליעס קלעזמער — מכנם, מכנם: איינע האָט מען גערופן די „געצעס" און די צווייטע די „אַוורעמלס" — מכנם־מכנם! — האָט ער דאָ אַזוי ווייטער געמאַכט און פאַרגעזעצט (כמעט אַזוי געהערט איינעם דערציילן די געשיכטע—ר' ל.):

די „געצעס" זיינען געווען אַ גרויסע קאַפּעליע און שטאַרקע יונגאַטשעס. מכנם! . . . זיי האָבן געשפּילט מיט צוויי גרויסע טרובעס, מיט צוויי קלענערע טרובעס, קלאַרנעטן, דאַכט זיך; מיט אַ פּאָר פלייטן, מיט צוויי פּויקן, נאָר מיט איין פידל — מכנם! . . . אַז זיי פלעגן, ביינאַכט, אויפשפּילן אַ מאַרש צו דער חופה — איך גערענק עס נאָך ווי היינט, — האָט ער זיך דאָ אַזוי ווי מיט התפעלות דערמאָנט, — ווי אַזוי ברוך וואָלף, דער וואַסער־טרעגער, ווי ער פלעגט עס צימבלען מיט די טאַצן און קנאַקן מיט דער גאָלקע אין פּויק — מכנם! . . . — האָט ער דאָ ווידער אַ מאַך געטאָן — אַז עס האָט דאָס גאַנצע שטעטל אַרויסגעטראָגן פון די הייזער! אַזוי אויך ביי אַ פריילעכס, האָט עס פון זייער שפּילן געהויבן אין דער לופטן. זיי האָבן אויך באַלאַנגט צו די פייערלעשער און ביי אַ שרפה פלעגן זיי נעמען מיט די פערד פּאַטשן איבער די גאַסן און טרובען מיט די טרובעס: טו־טו־ו! טו־טו־טו־ו! — מכנם! . . . פאַרשטייט זיך — האָט ער אַזוי ווייטער פאַרגעזעצט — פלעגט מען זיי נעמען אויף די מערסטע חתונות און שמחות, וואו דער אַלטער געצע, אַ נידעריקער געלער אידל, מיט אַ פעטן קאַרק, מיט אַ גרויסער טרובע, וואָס נאָך אים האָבן זיי עס אַזוי געהייסן, פלעגט אַריינגיסן איין קעלישאָקל, איין כוסה נאָך דער אַנדערער און דערנאָך,

מיט די רויטע אַבקן, דאָס אַריינבלאָזן אין דער טרובע אַריין — מכנם־מכנם! . . . — האָט ער נאָך דאָ אַלץ אַזוי געמאַכט און פאַרגעזעצט:

די „אַורעמלס"

די צווייטע, די „אַורעמלס", זיינען שוין געווען אַ קליינע און גאָר שוואַכע קאַפּעליע — מסנם!... זיי זיינען אינגאַנצן באַשטאַנען פון אַ פיר, פינף קלעזמאָרים:

אַורעמל, דער ערשטער, וואָס נאָך אים האָט מען זיי עס אַזוי גערופן, איז געווען אַ דאַר, הויך אידל, מיט אַ בלאָנד בערדל, האָט אַליין געשפּילט אויכ אַ פידל; נאָך איינער, אַ משה בער, אַ נידעריקער, מיט אַ ברייטער באָרד, אויך אויף אַ גרויסער פידל, אַ באַס, הייסט עס, דאַכט זיך; נאָך איינער, אַן אויסגעדאַרטער בחור, וואָס פלעגט אויך זיין אַ שניידער — אויף אַ פלייט; דער פינפטער, מיט אַן אָפּגעריסן רעקל — ער פלעגט קלאַפּן אויף דער פויק. ער פלעגט אָבער זעלטן־ווען פויקן: אַמאָל געבן אַ צימבל מיט די טאַצן, אַמאָל נאָר אַ קלונג מיט אַ שטיקל אייזן, ווי אַ מאַגנעט האָט עס אויסגעקוקט . . .

פונדעסטוועגן — האָט ער אַזוי פאַרגעזעצט — פלעג איך זיי בעסער ליב האָבן צו הערן שפּילן, ווי די „געצעס". אַלס אינגל האָב איך געקענט אָפּשטיין שעהנווייז, זיך איינקוקן ווי אַזוי דער אַורעמל פלעגט אַזש פאַרציען מיט די אויגן, זיך פאַרטיפנדיק מיטן סמיק אין דער פידל, און זיין שפּיל איז זיך צעגאַנגען מיט אַזאַ זיסקייט, אַז עס האָט געצויגן ביי דער נשמה . . . באַזונדערס נאָך ביי דער וועטשערע, ביי דער סעודה, ווען ער האָט אויסגעשפּילט אַן „אקדמותל" — מכנם . . . — האָט ער דאָ נאָך אַזוי אַ מאַך געטאָן . . . וואָס קומט אָבער אַרויס, — האָט ער געזאָגט ווי מיט אַזיפץ, — אַז מ'האָט זיי, די „אַורעמלס", זעלטן־ווען גענומען אויף אַ חתונה, צי אויף אַ שמחה. פאַרשטייט זיך, זיי זיינען געווען גרויסע אָרעמעלייט. אַורעמלס ווייב, שרה פייגע האָט מען זי גערופן, פלעגט זיין אַ סעדעכע אין מאַרק מיט אַ שטעל מיט עפּעלעך. ווען ניט דאָס, וואָלטן זיי אויסגעגאַנגען פאַר אַ שטקל ברויט. — מכנם! . . . — האָט ער דערביי נאָך געמאַכט און איז אָנגעגאַנגען.

שמואליקל

האָט אָבער ג' געהאָלפן דעם אַורעמלען מיט אַ אינגל, מיט אַ בן־יחידל, מיט אַ שמואליקלען. איז דאָס געווען, דאָס שמואליקל, אַ קלייענדיקס, אַ מאָגערס, מיט ברוינע אייגעלעך. פלעגט שוין דער טאַטע

זייער, דער אָורעמל, אויף אים זאָגן, אַז ער וועט אים בעסער מאַכן פאַר אַ הינט־שלעגער, פאַר אַ שניידער, אַבי ניט פאַר קיין קלעזמער. ער פלעגט אים אַפילו ניט לאָזן אַ קוק טאָן אויף דער פידל — אים ממש הרגענען, שלאָגן, טאָמער האָט ער אים געזען זיך צוריר׳ן צו איר.

האָט עס אָבער גאָרניט געהאָלפן. דעם שמואליקלען האָט עס דווקא נאָר געצויגן צו דער פידל. וויפל דער טאַטע זיינער, דער אָורעמל, האָט אים ניט געשלאָגן דערפאַר, ווי נאָר דער פאָטער פלעגט אָוועקגיין אין שול אַריין דאַווענען, צי אַ פרייטיק ביי טאָג אין באָד אַריין, האָט ער זיך צוגעכאַפּט צו דער פידל מיטן סמיק, און עס איז ביי אים געגאַנגען אַ גאַנג!

די חורבה...

איך געדענק עס נאָך ווי היינט — האָט דער דערציילער אַזוי ווייטער פאָרגעבראַכט. — מיר זיינען דעמאָלט געווען אינגלעך, מיר זיינען גענ־גאַנגען אין חדר. איז עס טאַקע פאָרגעקומען אין אַ פרייטיק בייטאָג, און מיר אינגלעך זיינען געווען פריי.

ביי אונדז אין שטעטל, ניט ווייט פון באָד, האָט זיך געפונען אַ חורבה, אַ צעבראָכענע, פאַרלאָזטע הויז. ביינאַכט פלעגט מען פון איר זען פונקען פייער. מ׳האָט געגלייבט, אַז שדים, רוחות ולילות האָלטן זיך אין איר אויף . . . און יעדער האָט מורא געהאַט ביינאַכט פאַרבייצוגיין די חורבה. אָבער, ווי עס ווייזט אויס, איז עס גאָר געווען פונקען פייער פון די באָד־גויים מיט די גויעס, וועלכע פלעגן זיך דאָרט וואַלגערן נאָך זייער אַרבעט און רויכערן ליולקעס, ציגאַרן . . . האָבן מיר אינגלעך דעם שמואליקלען איינגערעדט: אַזוי ווי עס איז פרייטיק און דער טאַטע זיינער איז נישטאָ אינדערהיים, זאָל ער אַרויסנעמען די פידל און מיר׳ן גיין אין דער חורבה פאַרברענגען. הכלל, ער האָט זיך געלאָזט איינשמועסן. ער האָט אַרויסבאַקומען די פידל און מיר זיינען אַהינגנו אָוועק.

מיר האָבן געטאַנצט און געשפרונגען און דער שמואליקל איז געזעסן פאַרטיפט און האָט פאַר אונדז אויסגעשפילט אַלע ניגונימלעך, אַז עס איז געווען אַ מחיה צו הערן . . . מיר האָבן זיך פאַרשפילט און זיך גאָר פאַרגעסן, אַז עס איז שוין געווען באַלד ליכט־בענטשן. איך האָב זיך דעמאָלט געפונען אויף אַ באַלקן און האָב גראָד אַרויסגעקוקט אין דרויסן: אַ פאַר אידן איז דאָרט אויסגעקומען פאַרבייצוגיין פון מרחק. — דערהערט שפילן פון חורבה, האָבן זיי זיך שטאַרק דערשראָקן: שדים שפילן אין דער חורבה! . . . איך האָב געזען ווי זיי האָבן פאַו־

מאַכט די אויגן און גענומען לייענען קריאת־שמע: „שמע ישראל ד׳ אלוקינו ד׳ א־ח־ד! . . .

דאָ, אָבער, האָבן מיר אַלע פּלוצלונג דערזען פאַר אונדז אַוורעמלען, שמואליקלס טאַטן. ער איז געווען בלייך ווי די וואַנט! אַלע זיינען זיך צעלאָפן, נאָר איך בין געבליבן אויפן באַלקן, און שמואליקל — ער איז געזעסן אונטן, פאַרזונקען אין דער פידל, און האָט אויסגעשפּילט אַ ימים־נוראימדיקן ניגון — ער האָט גאָרנט באַמערקט . . .

דער טאַטע זיינער, אַזוי בלייך ווי ער האָט אויסגעקוקט, איז צו צו אים און אים אַ נעם געטאָן ביי דער האַנט.

איך געדענק נאָך — האָט דער דערציילער דאָ אונטערגעשטראָכן — ווי דער שמואליק האָט געגעבן אַ שטאַרקן ציטער! . . .

דערנאָך האָב איך געהערט — האָט ער ווייטער איבערגעגעבן — אַז שמואַליק איז שטאַרק קראַנק געווען. צי פון אַ פאַרקילונג, צי דערפאַר וואָס ער האָט זיך זייער דערשראָקן? — אַ פּאָר מאָנאַטן איז ער געלעגן קראַנק: צו־בעט. עטלעכע מאָל האָט מען געבראַכט דעם דאָקטער. די מאַמע זיינע איז אַ פאָר מאָל געלאָפן צום אָרון־קודש, מיט געשרייען, מיט געוואַלטן, אַז גאָט זאָל איר שענקען איר איינציק קינד! דער טאַטע זיינער, דער אַוורעמל, האָב איך זיך דערוואוסט, — ווי ער האָט דאָ געזאָגט, — האָט אים שוין אַצינד געלייגט די פידל אין בעט אַריין און מיט אַ פאַרשטיקט געוויין, מיט טרערן, זיך געבעטן ביי אים: נאַ, שמור־אליקל, דיר די פידל!... פאַרזיכערנדיק אים, אַז ווען ער׳ט נאָר געזונט ווערן, וועט ער אים שוין לאָזן שפּילן וויפל ער וועט וועלן.

טאַרים, טאַראַ, טיראַ; טיראַ, ראַ־ראַם, טימדאַראַ! . . .

און ג׳ הנאָט געהאָלפן, ער איז צוריק געזונט געוואָרן. איצט האָט אים שוין דער טאַטע אַפילו געוויזן נאַטן און גאָר איינגיכן אים אָנ־געפאַנגען מיטצונעמען אויף אַ חתונה. און וואָס טויג אייך מעשיות, דער שמואליקל האָט אָנגעהויבן באַוויזן וואונדער מיט זיין פידל. מ׳איז געקראָכן אויף קעפּ צו הערן און זען אים שפּילן. איי, זאָג איך אייך, אַז ער פלעגט ביי דער וועטשערע, ביי דער סעודה פון אַ חתונה, אויס־שפּילן אַן „אקדמותל": טאַריים, טאַראַ, טיראַ; טיראַ, ראַ, ראַ־ראַם, טימדאַראַ! — האָט זיך נאָך דער דערציילדער דאָ אַצינד, ווי מיט אַ טיפער באַגייסטערונג צעזונגען דעם ניגון פון אקדמות, — אַז מען האָט געמיינט, — האָט ער עס אַזוי ווייטער דערקלערט, — אַז מען געפינט זיך טאַקע מיט ג׳ און מיט די מלאכים פון אויבן . . . פשוט גערעדט: מיט זיין פידעלע האָט ער פאַנאַנדערגענומען דאָס האַרץ . . .

ביים רבין האָט ער אַ פּאָר שבת־צו־נאַכטסן געשפּילט אויף די מלוה־מלכהס — איז מען פון גאַנצן שטעטל דאָרט געווען! מען האָט אַצינד אומעטום אויף אַ חתונה, אויף אַ שמחה, צוליב אים, גיכער געגומען די „אָורעמלס״, איידער די „געצעס״. אָורעמל, דער טאַטע זיינער, האָט זיך עס גאָר אַליין ניט געגלויבט, אַז ער זאָל דורך אים אויפגעריכט ווערן...

אויף איין פוס...

די געשיכטע מיט דעם שמואליקלען, — ווי ער׳ט אַזוי ווייטער פאָרגעזעצט, — איז אַזש דערגאַנגען צום פריץ פון יענער געגנט. האָט מען טאַקע איין מאָל צו אים אויף אַ באַל איינגעלאַדן די „אָורעמלס״. אַ פּאָר פון די געסט, באַטראַכטנדיק ווי אַזוי שמואליקל שפּילט, האָבן אים געצעצהט, ער זאָל פאָרן אין אַ גרויסער שטאָט זיך לערנען, פאַר־זיכערנדיק אים, אַז אַזוי אַרום קען ער ווערן מיט זיין פידעלע באַרימט איבער דער וועלט.

אָורעמל, זיין טאַטע, האָט אַ דאַנק אים, שמואלילען, שוין טאַקע איצטער גיכער געהאָט צו פאַרזוכן אַ ביסן אויף אַ חתונה. וואו אָבער האָט ער געזאָלט נעמען, צו קענען אים שיקן אין אַ גרויסער שטאָט אַריין, זיך לערנען?

איז אָבער אין אַ פּאָר יאָר אַרום דער שמואליק אַליין אַוועק!

אַ צייט האָט מען פון אים גאָרניט געהערט. דערנאָך האָבן אָנ־געפאַנגען פון אים אָנקומען צו אָורעמלען בריוו מיט געלט. דער אָורעמל האָט זיך אַצינד כסדר געגומען ווייזן אין אַ נייעם „זעקל״, אַפילו זיינע איינגעפאַלענע באַקן האָבן באַקומען פאַרב... אַזוי אויך זיין מאַמע — שוין אַפילו אויפגעגעבן די שטעטל מיט עפּעלעך, און לויט ווי מ׳האָט דער־ציילט, — האָט ער דאָ אַזוי געזאָגט, — איז שמואליק שוין אַרומגעפאָרן מיט אַ גאַנצן בענד מוזיקאַנטן אין אַלע שטעט אָפּצוגעבן קאָנצערטן. און מען האָט איבערגעגעבן, — האָט דער דערציילער געזאָגט מיט באַ־וואונדערונג, — אַז ער האָט שוין פאָרן קייסער אַליין געשפּילט אַ שעה צייט מיט דער פידל אויף איין פוס!...

אויפן שניי זיי נאָכגעלאָפן

איין מאָל איז ער אַראָפּגעקומען אין שטעטל אַריין מיט זיין גאַנצן בענד מוזיקאַנטן. אַ פּאָר זיינען געווען מיט פידלען, אַנדערע — מ׳ט גרעסערע און מיט גאָר גרויסע פידלען, מיט פלייטן און מיט „קלינעטן״ (קלאַרנעטן), מיט אַזוינע קיילעכדיקע פויקן, מיט אַנדערע שפּיל־מכשירים. ער האָט שוין דעמאָלט געדאַרפט אַלט זיין מער פון אַ יאָר צוואַנציק,

ער האָט אָבער אויסגעזען זייער דאַר, מיט אַן איינגעבויגענער פּלייצע, מיט איינגעפאַלענע באַקן און אויסגעבלויזטע אויגן. ער האָט געטראָגן לאַנגע האָר און האָט אַלע מאָל אונטערגעהוסט . . .

מ׳האָט געזאָגט, אַז ער האָט שוין באַקומען די טשאַכאָטקע, שווינד־זוכט, פון זיין שפּילן. עס קען אָבער זיין, — האָט דער דערציילער דערביי געפּרוּווט צו דערקלערן, — ווי אַ קינד פון אַזוינע אָרעמע עלטערן, האָט ער זיך געדאַרפט שטאַרקן פּלאָגן, איידער ער האָט דערגרייכט צו זיין מדרגה. און זיין טאַטע־מאַמע, — האָט ער אַזוי ווייטער צוגעגעבן, — אָנשטאָט וויזן זיך צופרידן מיט זייער גאַסט, זיינען אַרומגעגאַנגען טאָקע עפּעס פאַרזאָרגט און מיט נאַסע אויגן.

עס איז דאַן געווען ווינטער־צייט. עס איז געווען קאַלט, און פאַר־ברענגענדיק אַ פּאָר טעג ביי זיין טאַטע־מאַמע, איז ער מיט זיין גאַנצן בענד מוזיקאַנטן אַוועק צום פּריץ — איז דאַן דאָס גאַנצע שטעטל אויפן שניי זיי נאָכגעלאָפן . . .

אָבער דערנאָך האָב איך זיך דערוואוסט, — האָט ער אַזוי ווייטער געזאָגט, — אַז זיין טאַטע־מאַמע זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגט, ניט אַזוי צוליב זיין געזונט, זיין הוסטן, נאָר איבער אַן אַנדער געשיכטע וועגן אים.

וואָס איז געווען די געשיכטע? לויט ווי ער האָט זי דערציילט, איז זי געווען ד פאָלגענדע:

דער פּריץ, ביי וועמען די „אַוורעמלס" מיט שמואליקלען האָבן גע־שפּילט אויפן באַל, האָט זיך געהאַט געפּאָרעצט, ווי ער האָט עס געזאָגט, און עס איז ביי אים פונעם פּאָרעצן זיך אַרויסגעקומען אַ פּריצעלע . . .

איז דאָס פּריצעלע געוואַקסן ביי אים גרויס וואוילטאָג. מען האָט דעם דערגאַדיעט פונעם שענסטן און בעסטן. עס האָט געהאַט צוויי אַמען, געזונטע יונגע פּויערטעס, מיט בריסטן ווי הייטערס, אַ גאָווער־נאַנטקע, און דערנאָך האָט מען צו דעם געהאַלטן לערער, וועלכע האָבן איר אַריינגעגעבן לשונות, אַנדערע קענטעניש. ווידער, איז אין אַ שיינעם אויסגעפּוצטן זאַל, מיט קינסטלעריש־אָפּגעאַרבעטע מעבל, מיט בילדער פון באַרימטע מוזיק־קאָמפּאָזיטאָרן, געשטאַנען איינע פון די אַנטיקאָוונע פּיאַנעס, אויף וועלכער מ׳האָט איר געלערנט שפּילן. ער אַליין, פאַרבייגייענדיק אָפּט דעם פּריצס הויף, — האָט ער דאָ ווי עדות געזאָגט, — פלעגט הערן איר פון דאָרט פּאַמקען . . .

ווען דער שמואליק האָט דאָרטן געשפּילט אויפן באַל, איז אויב אַנדערע האָבן געקוקט אויף אים מיט באַוואונדערונג, האָט זי אויף אַ מינוט ניט געקענט אַראָפּנעמען פון אים די אויגן; זיי האָבן זיך ממש

בײַ איר צוגעקלעפּט צו אים. זײ זײַנען בײדע געװען אין אײנע יאָרן: שױן בײַ אַ יאָר זיבעצן; און ער האָט איר דעמאָלט מסתמא אַראָפּגעשײַנט ניט אַנדערש, װי עפּעס אַ שײנער מלאך פֿון הימל שטײט און שפּילט אַזױ װאונדערלעך אױ פֿידער פֿידל . . . בײַ אַ צװײטן באַל האָט זי זיך אױך אײַנגעריסן, מען זאָל װײטער נעמען אַהינצו די „אַװרעמלס"; דערנאָך, װידער, האָט זי אױסגעװירקט בײַ איר פֿאָטער, מען זאָל דעם שמאָוליקלען אַלײן ברענגען אַהינצו, צום פּריץ אױף אַן אָװנט, װאו ער זאָל שפּילן אױף זײַן פֿידעלע און זי זאָל אים אַקאָמפּאַנירן אױף דער פּיאַנע.

װען דאָ סאיז געשען, זײַנען בײַ די געסט די הענט מיט די גלעזלעך משקה, װאָס האָט פּאַר זײ דאָרט ניט געפֿעלט, געבליבן הענגען אין דער לופֿטן . . . בײַ איר האָט דאַן, אַקאָמפּאַנירנדיק אים אױף דער פּיאַנע, געפֿלאַטערט דאָס האַרץ און גערודערט דאָס בלוט און זי האָט געפֿילט, װי עס ציט אַר צו אים, אַזױ װי מיט אײַזערנע צװאַנגען.

װאָס פֿאַר אַן אײַנדרוק זי האָט געמאַכט אױף אים? — װי דער דערצײלער האָט דערבײַ איבערגעגעבן, אַז ער האָט איר אַ פּאָר מאָל אַלײן געזען אַרױסשטײַגן פֿון דער קאָטש אין מאַרק אין אַ געשעפֿט אַרײַן, זאָג איך אײַך, — האָט ער אױסגערופֿן, — אַז זי איז געװען אײנמאָל אַ פּאַנע! זי האָט אױסגעזען: אַ הױכע, מיט צװײ בלאָנדע, אַזש װײַסע צעפּ, געװיקלט אַרום איר קאָפּ, מיט בלױע אױגן, מיט אַן אײדל נעזל, מיט פּערלדיקע צײנדלעך; נידעריקער אַראָפּ — שױן מיט היפּשע בולטע בריסטן. זי האָט אױסגעקוקט אַזױ ליבלעך, אַזױ פֿײַן, אַז ער װײסט ניט, — האָט ער אונטערגעשטראָכן, — צי אַ יוסף הצדיק װאָלט שױן פֿון איר אַנטלאָפֿן.

איז אָבער אין דעם אײגענעם שטעטל, — לױט װי ער'ט עס װערט װײַטער דערצײלט, — געװען אײנער פֿון די עילם, אַ גרױסער גביר. ער האָט אױך געװאױנט אין אַ הױז אַ פּאַלאַץ, מיט דינסטן און משרתים. ער פֿלעגט אַרױספֿאָרן אין אַ קאָטש, געשפּאַנט מיט דרײַ פֿערד װי לײבן, אין אַ דרײַ־עק, אָנגעטריבן פֿון אַן אױסגעפּוצטן קוטשער מיט װײַסע הענטשקעס, מיט אַ שײַן בײַטשל, האָט ער געקניאַקט איבער זײ נאָך פֿײַנער, װי דער בײַם פּריץ.

איז בײַ דעם עילם אױך געבױרן געװאָרן אַ טעכטערל — האָט מען דעם אױך דערלאַנגט דאָס „טעלערל פֿון הימל": אַן אַם, אַ גאָװערנאַנטקע, דערנאָך אַ לערער, װעלכער האָט דעם איבערהױפּט געלערנט די לאַנד־שפּראַך; װײַטער איז בײַ אים אין אַ שײנעם זאַל אױך געשטאַנען אַ פֿאָרטאָפּיאַנע, און אַזױ װי דער עילם איז געװען מיטן פּריץ איבער מסחרים אַ כל ולך, האָט יענער ניט אױסגעזעצט, אַז דער אײגענער לערער,

וואָס לערנט שפּילן פּיאַנע זיין פּריצעלע, זאָל אויך לערנען מיט דעם עילמקע.

דאָס עילמקע איז שוין געווען גאָר אַ טונקלס, מיט אַ קאַרטאָפּליע־נעזל, מיט פולע ליפּן, צווישן וועלכע עס האָט זיך תמיד געשפּרייט זייער אַ ליבער שמייכל, און זי איז געוואַקסן: אַ נידעריקע, אַ פּוקינקע, מיט ניט קיין לאַנגע, קיילעכדיקע הענטלעך, מיט אַזוינע פינגערלעך. אָבער ז האָט מיט זיי באַוויזן ממש צו פליען איבער די קלאַווישן פון דער פּיאַנע ווי אַ ווינט, אָנקלאַפּן און אַרויסטרייבן פון זיי די פאַרבאַרגנסטע טענער, וועלכע זאָלן זיך אין פאַרשיידענע שטימונגען — בייזע, פריינט־לעכע, פריילעכע און טרויעריקע, לאַכנדיקע און וויינענדיקע — אָפּטראָגן און זיך פאַרשפּרייטן אין גאַנצן אַרום.

דער לערער פלעגט ממש גאַפן אויף דער לייכטקייט, מיט וועלכער זי האָט באַהערשט די פּיאַנע. ער איז אויך ניט געווען פרעמד מיט שמואליקלען. ביים ערשטן מאָל, ביים פריץ אויפן באַל, זעענדיק ווי ער שפּילט, ער איז צו אים געוואָרן בראַטקע און האָט אים גענומען אַרויסציען פון זיין בלויזן קלעזמערישן שפּילן די פאָלקס־מאָטיוון און אים אַריינפירן אין דער וועלט פון קלאַסישער מוזיק, וואו ער האָט געמאַכט געוואַלטיקע שפּאַן.

ויהי היום — און ער האָט אים מיטגענומען צום גבירס טעכטערל און ער האָט זיי ביידע געמאַכט שפּילן — אים אויף דער פידל, און איר אויף דער פּיאַנע — קאָמפּאָזיציעס פון באַרימטע מוזיקער.

וואָס פאַר אַ מין שפּילן דאָס איז געווען, דאַרף מען גיין פרעגן דעם לערער . . . נאָר אויף איר בעטן, איז שמואלדיקל געקומען נאָך און נאָך אַמאָל און זיי האָבן ביידע געשפּילט די קאָמפּאָזיציעס פון נסמאַרבן, כאַבן, טראַצאַמען און פון נאָך אַזוינע טרילערס . . . דער רעזולטאַט איז געווען, אַז חוץ ער מיט דער פידל און זי מיט דער פּיאַנע, האָבן זיי ביידע גענומען שפּילן אין אַ פייערדיקער ליבע.

זינגער און שפּילער, שניצער און מאָלער, האָבן ביי די עילם געהאַט אַ קליינעם באַטרעף. קיינער ביי זיי האָט זיך ניט געיאָגט מיט אַזוינעם משדך צו זיין. קיין גביר — אַוודאי ניט; וואָרים זיי האָבן ביי זיי געהאַט אַ פּנים פון פליאַסקעדריגעס. פאַר אַזוינע, וועלכע גייען כסדר מיט צעדרייטע שיך, מיט אָפּגעטראָגענע בגדים, מיט אַדורכגעריסענע קעשענעס, וואו קיין פּרוטה וואָלט זיך שוין סאַי־ווי־סאַי ניט געהאַלטן, און מען האָט זיי געוואוסט, אַז זיי וואוינען אין קעלער־שטיבלעך, וואו זיי פּעכניען תמיד אויפן פּיסק . . .

פאַרוואָס זיינען זיי געווען אַזוינע דלפנים? דערפאַר, וואָס זיי

האָבן מיט זייערע באַרופן ביי די עילם געמאַכט קראַנק מיט קדחת מיט כשרן פאָדעם. ווי קומט עס? האָבן די עילם ניט געהאַלטן פון זייערע באַרופן? — נאָך אַ גרינטלעכער חקירה ודרישה האָט ר׳ ל. אויסגעפונען, אַז לאו דווקא.

פון געזאַנג, נגינה, האָבן זיי זייער געהאַלטן; אין זינגען זייַנען זיי געווען פאַרקאָכט. מ׳האָט כמעט יעדן איינציקן פון זיי תמיד געקענט הערן זיך אונטערברומען אַ מעלאָדיע מיט אַ גראַם פון אַ ליד. גרויסע צאָלן ביי זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר גאַנצע זינגער. אין זייערע שולן פלעגן זיך אַ סך, זייער אַ סך, כסדר שטופן צום „ברעטל״, ווייל עס האָט זיך זיי זייער געוואָלט באַווייזן פאַר אַן עולם, ווי זיס און ווי שיין זיי קענען אויסטייטשן אַ תפילה... זיי האָבן זיך אַפילו געלאָזט קאָסטן, אויב זיי האָבן געהאַט ביזד, אַן אַפּותיקי פאַר דער שול, מ׳זאָל זיי לאָזן כאָטש אָפּדאַוונען פאַרן עמוד דעם „פון פאַרנט״... אַמלעצטנס, אַ פאַר גרויסע ביי זיי אָנגעזעענע חברות, וויסנדיק זייער חשק צום זינגען, האָבן אויסגעשטעלט פון זיי כאָרן. אָמאַר רעבע לוויוויע: זיי האָבן געטאָן אַ קלוגע זאַך, און זיי האָבן ניט געהאַט קיין שום מניעות ביי זייערע באַלאַנגער, זיי זאָלן זיך אָנשליסן אין די כאָרן: איינס נאָך ס׳אַנדערע זיינען זיי געקומען פאַר די כאָר־קאָמיטעטן מיט אַ, אַ, אַ, אָ, אָ, מ׳זאָל זיי אַריינגעמען פאַר משוררים... דען, אָמאַר רעבע לוויויע, אַז טאַקע דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך כמעט אַלע געהאַלטן פאַר בעלי־נגינה, האָבן ביי זיי די אמתדיקע זינגער, די מיט די ריכטיקע קולות, געהאַט אַ וויסטע מערכה... זיי זיינען דווקא געווען גערן איינעם מיט אַ שיינער שטימע צו הערן; צו הערן אַ גוטן חזן האָבן זיי געבראָדיעט אין בלאָטע ביזן גאַרטל, דערנאָך געקראַכן אויף קעפּ. אָבער באַשאַלעמען אים פאַר רייסן זיך פאַר זיי דעם גאַרגל, ער זאָל האָבן דערפאַר וואָס צו פּיסקעווען — לא מיט אַ קאָפּעליוש! ווייל יעדער פון זיי האָט געטראַכט, אַז חזנים, משוררים, דאַרפן „דאַנקען און לויבן ברוך מ׳טויבן״, וואָס ער וויל זיי מיט זייערע קולות אויסהערן... אָן אַ שיעור האָבן זיי ביי זיך געפּילט, אַז זיי וואָלטן עס געטאָן פאַר אומזיסט און וואָלטן נאָך צוגעצאָלט...

מיט קלעזמער־מוזיקאַנטן איז שוין געווען אַן אַנדער צרה:

צו זאָגן, אַז די עילם האָבן פיינט געהאַט מוזיק, איז גאָרניט שייך. זיי האָבן זיך אָן מוזיק ניט געקענט באַגיין; אויף זייערע חתונות האָבן זיי געמוזט רופן קלעזמער, זיי זאָלן אויסשפּילן פאַר זיי אַ פריילעכס, אַ שער, אַ קאַדריל, אַקאָמפּאַנירן דעם בדחן ביים באַזעצן די כלה...

און באַזינגען דעם חתן . . . ווידער, פירן צו דער חופּה אָן קלעזמער, וואָס זאָלן אויפשפּילן אַ מאַרש, האָבן זיי דען געקענט ? און וואָס עפּעס וועגן אָפּשפּילן יעדן וויכטיקן מחותן אַ קבלת־פּנים ? הייַנט, ביי דער וועטשערע, ביי דער סעודה נאָך דער חופּה, ווען דער מיט דער פידל, צי אַפילו דער מיט דער פלייט, פלעגט אויסשפּילן פאַר זיי אַן „אקדמותל״, אַ „כל־נדרילע״ (זיי האָבן אויך געהאַט אַן אקדמות, אַ כל־נדרי, ווי מיר אידן...), האָבן זיי דערפון פשוט אַנגעקוואָלן . . .

דערביי נאָך איז כדאי צו וויסן, אַז ניט יעדער ביי זיי האָט געקענט זיין אַ קלעזמער, אַ מוזיקאַנט. אפשר פּויקן, צי צימבלען מיט די טאַצן — אַבי וואָר. אָבער שפּילן אויף דער פידל, פייפן אויף דער פלייט, דאַרף מען דאָך האָבן פינגער ? וואָס ניט יעדער פון זיי האָט זיי פאַרמאָגט. ערשט מיט די „פינגער״ האָבן זיי זיך געמוזט אַ צייט איינאיבן, איידער זיי האָבן געקענט עפּעס אויסשפּילן. ווי־זשע קומט עס, וואָס זיי זיינען געווען אַזוינע דלפנים ? . . .

דער אומגליק ביי זיי איז דאָ געווען, וואָס ביי די עילם זיינען פאַרגעקומען ווינציק חתונות ; אַן עילם פלעגט נאָר חתונה האָבן איין מאָל אין זיין לעבן. טאָמער שוין אַ צווייטן מאָל, איז עס שוין ביי אים געווען אַ חתונה אָן קלעזמער . . . אַפילו אָן אַ באַזעצן. האָבן זיי זיך געדאַרפט אויסקוקן די אויגן ביז מ׳האָט זיי גערופן אויף איינער, און דערווייל פּעכניען אויפן פּיסק און סאָלאָפּען דעם צונג.

מען פלעגט זיי אָפּט זען אויסשפּילן פריילעכסן, שערן, קאַדרילן, פאַר זיך אַליין. דאָס האָבן זיי געקערט טאָן, אָמאַר רעגב לויוויע, ניט אַזוי אום איינצואיבן זיך בעסער אינעם ניגון, ווי פשוט זיי זאָלן אים אינגאַנצן ניט פאַרגעסן, ווען זיי זאָלן אים שוין באַדאַרפן . . . אַזוי, אַז רעבע לוויוויע איז נאָך אַצינד, פון דאַנען, איין מאָל אין אַ זונטיק איבדערפרי געגאַנגען ביי זיי אַן אָנגעזאָליעטער איבער אַ גאַס ; אין מיצקע דרינען — פון אַ פידל די טענער פון כל־נדרי ! ווי געזאָגט, האָבן זיי אויך געהאַט כל־נדרי.

אין אַ קעלער־שטיבל מיט אַן אָפענעם פענצטער, וואָס ביי דער ערד, איז געשטאַנען אַן איינגעקוואַרטער פאַרשוין, מיט איינגעפאַלענע באַקן, ניט אין קיין שיינעם טראַכט פון אַ חזן, פון אַ „לוי״, נאָר אין אַ ברודיקער העמד, אַן אויסגעפלעקטע מיט רויטע פליאַמעס, פון וואַנצן, נאָר מיט אַ פידל, און האָט אַרויסגעבראַכט פון איר די ערלעכע טענער פון דער גרויסאַרטיקער מעלאָדיע, פון כל־נדר.

אָט אין אַזוינע קעלער־שטיבלעך האָבן ביי די עילם קלעזמאָרים פאַרבראַכט זייערע יאָרן. עס האָבן זיך ביי זיי אויסגעגעבן טאַלאַנטן

אַפילו אויף אויסצושטעלן נייע, שיינע ניגונים פאַר פריילכסן, שערן, קאַדרילן און אַנדערע פאַלקס־מאָטיוון. פיל פון זיי, ניט קענענדיק כסדר הונגערן און סאָלאָפּען דעם צונג פאַר אַ חתונה, האָבן אַוועקגעלייגט די פידל, די פלייט, און זיינען מיט זייערע איידעלע פינגער געגאַנגען זעגן און הובלעווען, שטעכן מיט דער נאָדל, אַפילו אָפּשינדן די פעל פון אַ פערד. און עס איז אַ גרויסער שאָדן, אָמאַר רעבע לויוויע, וואָס זיי האָבן מיט זייערע באַרופן ניט געקענט ציען ביי די עילם קיין חיונה! ווען יאָ וואָלטן מיר פון זיי געהאַט אַ סך נייע „אקדמותלעך" און „דמותעקעלעך" „כל־נדרילעך" און „נדרי־כלכעלעך" . . . אַז עס וואָלט זיי געווען אַ מחיה צו הערן . . .

אָן זייער שפּילן האָבן זיך די עילם ניט געקענט באַגיין, אָבער פאַר זיי אַליין, זיי זאָלן האָבן וואָס צו פּיסקעווען, אַ שטיקל לייטישן בגד, און בכבודיקן ווינקל וואו אַוועקצולייגן דעם קאָפּ, איז ניט געווען זייער עסק. זיי פלעגן ביי די עילם אויסגיין פאַר אַ „פּאַלענעצע".

דער גביר, לערנענדיק, אַז זיין טעכטערל, חוץ מיט די קלאַווישן פון דער פּיאַנע, האָט זי געגומען שפּילן מיט שמואליקלען אין אַ ליבע, האָט ער אים באַלד משלח געווען. אַ שדכן האָט אים נאַראַיעט אַ בחור, און סוחר, ווי ער, וועלכער האָט פאַר אַ פּעטן גדן אַפילו קיין רעכטן קוק נישט געדאַרפט טאָן אויף זיין טעכטערל, נאָר ער האָט איר גלייך אַפילו מינוט אַ טוך נאָך איבערגעדעקט צו אים פאַר אַ ווייב . . .

שמואליקל איז געווען איין מאָל פאַרליבט אין דעם גבירס טעכטערל. טאַקע אַ קורצינקע, זי האָט אָבער פאַרמאָגט שוואַרצע געקרויזטע האָר, מיט אַזוינע שוואַרצע אויגן, וועלכע זיינען ביי איר תמיד ווי געשוואומען אין אַ ים פון ליבשאַפט. ווען זי האָט פון דעם ים פון ליבשאַפט אַרויס־געקוקט צו אים, האָט ער ניט געמאַכט קיין שהיות און זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם ים אַריין . . .

ער איז געווען שרעקלעך פאַרצווייפלט, וואָס דער טאַטע אירער האָט איר חתונה געמאַכט פאַר אַן אַנדערן, אַז ער איז שיער ניט צו־גרונט געגאַנגען אין דעם ים פון ליבע פון איר. אָבער געראַטעוועט אים פון אונטערגאַנג האָט אים דאַן די זעלביקע פידל:

ווי מיר האָבן געזען, האָט ער מיט דער פידל געשלאָסן אַ ליבעס־בונד אויף לעבן און טויט, נאָך אין זיינע קינדער־יאָרן. און אַזוי ווי די פידל האָט אים געפירט, אַז ער זאָל זיך פאַרליבן אינעם גבירס טעכטערל, אַזוי האָט זי אים אויך גורם געווען, אַז דעם פריצס טאָכטער זאָל ממש אויסגיין נאָך אים.

ווידער אַמאָל: מענטשן ווי חיות, און חיות ווי מענטשן

די פֿאַלאַניעלס האָבן אויך, ווי פיל אַנדערע פעלקער און שבטים, זיך פּערזאָניפיצירט אין אַ חיה. אָבער ניט אין קיין לייב, בער, טיגער, וואָלף, פוקס, העלפאַנט, הערש, אָקס, אייזל, פערד, ציג, שעפּס. נאָר זיי האָבן זיך אַליין — יאָ, אַליין, אָמאַר ר׳ ל., — גערעכנט פאַר כלבים... זיי האָבן עס אַפילו געהאַלטן פאַר אַ גרויסן בזיון: ביי אַ קריג צווישן זיך, וועלנדיק איינער דעם צווייטן שטאַרק טרעפן, האָבן זיי עס זיך פאַרגעוואָרפן. איינער האָט דעם אַנדערן געזאָגט: „פּשאַ קרעוו!“...

ווי באַוואוסט, קומען די כלבים אין פאַרשיידענע געשטעלן און צורות: ווי מייזלעך, ווי פערד; פאַראַן כלבים מיט בערד און אויך מיט וואָנצעס. — דעם שרייבער האָט איינער דערציילט אַפילו פון אַ כלב מיט פּיאות — פאַראַן!... — אָבער, מיר׳ן ניט רעדן פון זייערע מינים, נאָר פון זייער טבע.

בכלל, זיינען די כלבים גרויזאַמע, בלוט־דורשטיקע חיות. זיי ווייסן אָבער פון חנפענען זיך צום בן־אָדם, כדי אַרויסצוקריגן פון אים עפּעס אַ ביסן. אַ כלב וועט זיך לאַשטשען צו אייך און דרייען מיטן עק אָן אַ סוף, אום איר זאָלט אים עפּעס דערלאַנגען. אָבער אין דער אייגענער צייט וועט ער אומגעריכט אַ שפּרונג טאָן און אָפּבייסן פון אייך אַ שטיק. די צוויי־פיסיקע כלבים זיינען אויך ניט בעסער. אַ צוויי־פיסיקער כלב, אויב איר באַזיצט עפּעס פון אַ ווערט, וועט ער, כדי צו באַקומען דערפון עפּעס אַ טייל, נעמען חנפענען, לאַסקען און דרייען מיטן צונג, נאָך ערגער ווי אַ פיר־פיסיקער מיטן עק. אָבער אין אַ מאָמענט, ווען איר פאַרקוקט זיך, וועט ער אייך לייגן מיטן קאָפּ אין דר׳ערד אַריין, און דאָס ביצלעכע, וואָס איר האָט פאַרמאָגט, פאַר זיך אינגאַנצן פאַר־אייגענען... מען דאַרף זיך דערפאַר היטן פאַר ביידע מינים כלבים! דערביי קומען זיי: בייזע, מילדע; גוטע און שלעכטע, הייסט עס. בייזע כלבים זיינען געפערלעך: זיי וועלן שטענדיק בילן אויף יעדן און שפּרינגען אויף אים און אים צערייסן.

די לאַגע פון די עילם, וואָס האָבן זיך פאַרטראָגן אין דער הינטישער מדינה, איז געווען אַ פינצטערע, אַ ביטערע.

די בייזע הינט פלעגן אויף זיי כסדר בילן, באַפאַלן און בייסן פון זיי שטיקער. די עילם האָבן זיך דערפאַר מיט זייערע סטאַדעס אָפּגעזונדערט און זיך געהאַלטן פון זיי ווי נאָר מעגלעך פונדערווייטנס. די מילדערע כלבים פלעגן לויפן אַרום זייערע סטאַדעס און זיי ניט טשעפּען.

מאַנכע פלעגן זיך אַפילו פאַר זיי אַרויסשטעלן קעגן די בייזע הינט און ניט לאָזן זיי בייסן . . . אָבער אויך די כלבים האָבן עס ניט געטאָן פאַר אומזיסט. זיי פלעגן דערפאַר ביי די עילם קריגן אָפּצולעקן, אָפּצוגריזשען אַ ביין . . .

לעצטנס זיינען די גרויזאַמע, בלוט־דורשטיקע װעלף פונעם שוואַרצן וואַלד באַפאַלן די הינטישע מדינה. זיי האָבן אַ סך כלבים צעריסן. אָבער ווען די זעלבע שרעקלעכע וועלף פונעם שוואַרצן וואַלד האָבן זיך אַרויפ־געוואָרפן אויף די פרידלעכע, אומשולדיקע עילם, האָבן זיי די כלבים, די מילדע ווי די בייזע, צוזאַמען מיט די שרעקלעכע וועלף, געריסן פון זיי שטיקער און מיט זיי באַנאַנד אומגעבראַכט די סטאַדעס פון די עילם...

די געשיכטע פון דעם שמואליקן איז פאַרגאַנגען אין יענער מדינה נאָך איידער די שרעקלעכע וועלף פונעם שוואַרצן וואַלד האָבן אומ־געבראַכט די אומגליקלעכע עילם. האָט פאַסירט, אַז דער פריץ, דער טאַטע פון דער טאָכטער, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין שמואליקלען מיט זיין פידל, זאָל זיין פון די גוטע כלבים. ער׳ז געווען אַזאַ מין כלב, וועלכער פלעגט זיך אַרויסשטעלן פאַר זיי און ניט דערלאָזן, אַז אַנדערע, בייזע כלבים, זאָלן אויף זיי בילן און זיי בייסן.

— כלבים וואָס איר זענט! דאָס, וואָס רעבע לויוויע רעדט פון אייך אַזוי, איז עס אייער אייגענע שולד! ווער הייסט דען אייך זיין כלבים? איר קענט אייך זיין בערן, שלאַנגען, אַפילו פיפערנאַטערס, אויב אייך געפעלט ניט צו זיין קיין כלבים. נאָך אַמאָל: עס איז אייער אייגענע שולד! פאַרוואָס האָט איר געהאָלפן די שרעקלעכע וועלף פונעם שוואַרצן וואַלד אומברענגען די עילם? אַ שוואַרץ יאָר אויף אייך! און וויפל האָט איר פריער אַליין געבילט אויף די עילם, זיי געיאָגט און געביסן? אַ בראָך נאָך אייך! אַצינד ליגט איר ביים בער אין דער לאַפּע! אָנפאַלן זאָלן אויף אייך דער לייב, די שלאַנג, דער עקדיש, אַלע אַנדערע חיות רעות, פאַרן לאָזן אומברענגען די עילם!

מען מאָלט אַ כלב מיט אַן אויער פאַר מוזיק. ווי ווייט דאָס איז ריכטיק, האָט רעבע לויוויע ניט אויסגעפאָרשט. אָבער יענער פריץ האָט אָפּנים יאָ פאַרמאָגט אַזוינעם. ער איז, כמעט ווי זיין טעכטערל, געווען פאַרליבט אין שמואליקלען צוליב זיין פידל. לערנענדיק, אַז זיין טאָכטער גייט אויס נאָך אים, האָט ער אים פאַרגעשלאָגן אים צו העלפן דערגרייכן מיט זיין פידל אַ הויכע מוזיקאַלישע מדרגה(אויב ער וועט גיין פאַר זיין טאָכטער.

— נו, אַ פריץ פון זיין אייגענעם מין האָט ניט געפונען פאַר וויכטיק אים אָוועקצוגעבן זיין טעכטערל און מיט זיין פאַרמעגן אים העלפן אויפ־

בילדן זיין פידל־טאַלאַנט, וואָס וואָלט דערנאָך געקענט זיין אַ שיינדל פאַר זיין אייגענעם מין ?

באַלד האָט שמואליק גאָרניט גענומען אין געדאַנק אַריין — ניט דעם פריץ טאָכטער, ניט זיין פאַרשפּראָכן גליק פאַר אים.

פאַרוואָס ?

די עילם פּלעגן זיך ניט פאָרן מיט די כּלבים . . . עס איז געווען פאַר אַן עילם אַ גרויסע ריזיקע צו לויפן מיט אַ טשאַיקע כלבים. זיי וואָלטן אים צעריסן, צעביסן . . . דער וועג פאַר אים דאָס צו טאָן איז געווען, אַרויפצוציען אויף זיך אַ הינטישע פעל, ער זאָל אויסקוקן ווי אַ כלב. דאַן האָבן זיי אים געלאָזט לויפן מיט זיי. אָבער אויך ניט אויף לאַנג. מיט זייערע הינטישע נעז האָבן זיי תמיד געשמעקט און אַז זיי האָבן דערשנאַפּט, אַז ער איז אַ פאַרשטעלטער כּלב, האָבן זיי אויף אים גענומען בילן און אים בייסן. די עילם האָבן עס שוין ניט איין מאָל געלערנט און האָבן זיך אָפּגעגרענעצט אין זייערע סטאַדעס און ניט גע־וואָלט לויפן מיט קיין כלבים. טאָמער איז צו אַ כּלב, אָדער צו אַ כלבטע, שטאַרק פאַרשמעקט געוואָרן אַן עילם, צי אַן עילמכע, איז וויפיל זיי האָבן זיך צו זיי ניט געלאַשטשעט, ווי שטאַרק זיי האָבן צו זיי ניט געדרייט מיטן עק, האָט זעלטן געטראָפן, אַז איינער פון די לעצטע זאָל נעמען לויפן מיט די ערשטע, מיט די כלבים ; זיי האָבן מורא געהאַט פאַר אַ פינצטערן סוף.

דעם שמואליקן איז אויך געווען באַוואוסט דאָס אויבן גערעדטע ; דערפאַר טאַקע האָט ער זיך פונעם פריצס טאָכטער און פון זיין נדן ניט געוואָלט מאַכן קיין צימעס. אָבער דאָ, פילנדיק זיך שטאַרק געטראָפן וואָס אַ פריץ פון זיין אייגענעם מין האָט אים ניט דערלאָזן זיין פון אים הייס־געליבט טעכטערל, ווי דערביי, האָבנדיק אויף אים גרויס פאַרדראָס הלמאי ער האָט גאָרניט אָפּגעשאַצט זיין פידל־טאַלאַנט, האָט ער דאַן, אַזוי ווי דעם ערשטנס טאָכטער האָט נאָך געהאַלטן אויס־געשטרעקט די הענט צו אים, זיך — אַזוי צו זאָגן — מיישב געווען און האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ הינטישע פעל און גענומען לויפן מיט די כּלבים . . . (אַזוינע פאַלן האָבן שוין אַפילו ניט איין מאָל פּאַסירט מיט אַזוינע עילם . . . אין די פאַרשיידענע מקומות מיט אַנדערע חיות. דערפאַר, קריטיקער, האָט צו רעבע לוויען קיין טענות ניט !...). דערביי האָט זיך אים שוין גאָרניט געטויגט זיין עילמשער נאָמען ער האָט דאָך שוין געדאַרפט האָבן אַ כלבשן ? וואָס־זשע האָט ער געטאָן ? ער האָט זיין נאָמען איבערגעאַנדערשט : פון שמואל האָט ער געמאַכט מישאַ, און פון עליעס, ווי זיין פאַמיליע נאָמען איז געווען — עלמאַן. און אַזוי ווי דעם מחבר געפעלט זייער ניט אַזאַ געשיכטע פון עילם, כאַטש

ער ווייסט, אַז די עילמשע פּריצים זיינען עס גורם, דענקט ער אָבער, אַז אַן עילם דאַרף עס קיינמאָל ניט טאָן. האָט ער אים דערפאַר דעם נאָמען, ניט פילנדיק אים אַזוי אַרויסצוברענגען, אינגאַנצן איבערגעקערט...

דער תכלית

נאָך דער חתונה מיטן פּריצס טאָכטער, האָט אים טאַקע, מיט זיין הילף, וואָס ער האָט אים געשיקט צו די בעסטע פּראָפעסאָרן פון מוזיק, געצומען ניט לאַנג און ער האָט מיט אַ בענד מוזיקאַנטן געשפּילט פאַרן הויפּט־הערשער אַליין פון יענער מדינה. ער איז מיט זיין פידל־טאַלאַנט גיך אַרויף צו דער מדרגה, וואו די עכטע, די געהויבנסטע, אויך די האַרטסטע כלבים פון דער מדינה האָבן צוגעלייגט אַן אויער צו זיין שפּילן . . . און ער האָט זיי מיט זיין פידל געמאַכט שטשירען פאַר אים און שפּרינגען אין דער לופטן . . . ער׳ז שנעל באַרימט געוואָרן ווייט און ברייט אומעטום, וואו נאָר ער האָט אָנגעשטייפט דעם סמיק, אָנגעהאַרטעוועט: פּים־פּאַם, פּים־פּאַם די סטרונעס, אַרויסגערופן מיט זיין שפּילן דעם גרעסטן בייפאַל.

אָבער —

אָבער דאָן איז געשען פאַר אים אַט־וואָס:

זיין ווייב האָט זיך באַגעגנט מיט אַ יונגן און געזונטן חברה־מאַן, מיט אַ כלב טאַקע פון איר מין, מיט אַ כלב, הייסט עס, שבכלבים, האָט זיך פאַרליבט אין יענעם און איז מיט אים אַוועק . . .

זיין אַראָפּקומען דעמאָלט אין שטעטל, איז געווען צום פּריץ, אויפצוגעפינען וואו ער האַלט מיט זיין ווייב. אָבער אַזוי ווי זי איז פריער די כפּרה געווען פאַר אים, אַזוי האָט זי שוין אַצינד געהאַט געוואָרפן אַן אומחן אויף אים און האָט אים מער ניט געוואָלט אָנקוקן . . .

ער האָט עס דאָן אויך אָפּגעשטאַט דעם וויזיט ביי זיין טאַטע־מאַמע, פאַר וועלכע, אַלץ וואָס האָט מיט אים פּאַסירט זינט ער איז אַוועק פון זיי איז געווען אַ סוד. ער האָט אויך דאָן אויסגעקוקט, לויט ווי דער דערציילער האָט אים געשילדערט און ווי שוין פריער באַשריבן: מיט אַן איינגעבויגענער פּלייצע, מיט אַן אויפגעבלאָזענעם פּנים און מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, און האָט יעדעס מאָל אונטערגעהוסט. אָבער זיין טאַטע־מאַמע, ווי ער האָט עס איבערגעגעבן, זיינען דעמאָלט באַזאָרגט און פאַרטרויערט געווען ניט צוליב זיין שלעכטן אויסזען, זיין הוסטן; זיי האָבן זיך דערוואוסט פון אים די גאַנצע געשיכטע, פון זיין חתונה־האָבן מיטן פּריצס טאָכטער און איבערהויפּט דאָס, וואָס ער האָט אויף

זיך שוין געטראָגן אַ כּלבשע פּעל, האָט זיי איינגעוויקלט אין דעם טרויער און מ׳האָט זיי ביידע געזען נאָר מיט נאַסע, פאַרוויינטע אויגן . . .

וואָס האָט ער ווייטער געטאָן? האָט דער דערציילער אַזוי געפרעגט און געענטפערט:

מיט זיין „כּלבשע פּעל" האָט ער דאָך שוין ביי די עילם אַפילו ניט געקענט זיין קיין פּשוטער קלעזמער, — פאַרט ער אַזוי אַרום מיט זיין פידל איבער דער גאָרער וועלט און גיט אָפּ קאָנצערטן און, אַז פונקט, ווי זיין טאַטן, דעם אַברעמלען, האָט ער דאָ צוגעגעבן מיט אַ טאָן פון באַדויערונג, האָט ער אים געזען איינזינקען זיך מיטן סמוך אין דער פידל, און, אַז זיין שפּילן האָט אים געמאַכט פלאַטערן דאָס האַרץ . . .

דער רושם, וואָס ער האָט געמאַכט מיט זיין שפּילן אין דער מדינה, וואו מ׳האָט אַ סך צו זינגען און צו זאָגן, איז שוין פּיל־ווייניק באַשריבן געוואָרן. אָבער אין דער זעלביקער צייט, וואָס ער האָט שוין דאָרטן אָפּגעגעבן זיינע קאָנצערטן, איז, ווי ביים אָנפאַנג פאַרגעבראַכט, אַהינצו אויך געקומען מיט אַן אָפּערע־טרופּע די באַרימטע זינגערין, די „אַזאַר אַסיאַר", ווי זי ווערט דאָרטן באַצייכנט. איז געשען, ווי דערציילט, אַז זי האָט געשטאַמט פון דער אייגענער מדינה, אויך פון דעם אייגענעם שטעטל, פון וועלכן דער אַשים איז געקומען, און אַז דער אַגענט, וואָס האָט איר פאַרגעשטעלט פאַר אַ גראַפישע טאָכטער, זאָל פאַר דעם גראַף אָנגעבן דעם נאָמען פונעם פריץ פון יענעם מקום . . . אַזוי האָט דער אַשים אין איין שיינעם פרימאָרגן, ווען ער האָט פאַנאַנדערגעשפּרייט די נייעס־בלאַט, דערזען די ידיעה, אַז עס קומט אַהין זינגען מיט אַן אָפּערע־טרופּע — זיין וויב?! ווייטער, אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָט ער געלייענט איר לעבנס־באַשרייבונג, פון זאיר אומגליקלעכער ליבע מיט דעם דערטרונקענעם יונגן און שיינעם פאַסטעך, וואָס האָט געקענט שפּילן אַזוי שיין און אַזוי זיס אויף דער דודקע . . .

וואָס־זשע האָט ער געטאָן? ער איז געקומען אין איר האָטעל און זיך געמעלדעט צו איר פאַר דעם יונגן, שיינעם, דערטרונקענעם פאַסטעך... ווי אַזוי זיי האָבן זיך אָנגעקוקט? . . .

ווען דאָס אויבן באַשריבענע זאָל געווען אַזוי געשען, וואָלט עס גע־ווען זייער פּיקאַנט . . . עס איז אָבער אַזוי ניט געשען . . . וואָס יאָ פאַר־געקומען איז אָט־וואָס:

איין מאָל, ווען דער מחבר איז פון דאַנען געגאַנגען דאָרטן איבער אַ גאַס, ווי ער גייט כּסדר איבער גאַסן — ער איז שוין איין מאָל אַריין אין אַן אויטאָ און שיער ניט געוואָרן — דערזעט ער אַ רעדל מענטשן, פון וועלכן עס טראָגט זיך אַ זינגען פון אַ שיינער און זיסער פרויען־

שטימע, אַ פאָלקס־ליד, און אויך טענער פון אַ פידל, וואָס האָט געשפּילט דאָס זעלבע ליד.

אַן אויסגעמאָגערטע, אין אַ פּראָסט, גרוי קליידל, מיט אַ מאָטן פּנים, האָט אין דעם רעדל געזונגען די „אָזאָר אַסיאַר", און מיט אָפּ־געטראָגענע בגדים, מיט אָפּגעריבענע שיך, מיט אַ צעדרייטן, ברודיקן קאַפּעליוש אויף דער ערד, מען זאָל אין אים עפּעס אַריינוואַרפן, איז געשטאַנען מיטן פידל און האָט געשפּילט דער „אַשים נאָמלע".

וואָס־זשע האָט ער געטאָן? איז ער ווייטער געגאַנגען, ווי ער גייט כסדר... און האָט אָנגעשריבן די געשיכטע...

ווער איז רעבע לוויוויע?

— רעבע לוויוויע איז דער מחבר און אַרויסגעבער פון צוויי פון די פיינסטע, פון די לעצט אידישע ביכלעך: „אַ נייער אָרון-קודש" און „מאָטיוון פון געזאַנג".